STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07746

# AYOLA

M. Tolchin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלעצקין פארלאג
ווילנע

משה טאָלטשין

# אַיאָלאַ

א נאוועלע
און אנדערע דערציילונגען



צעשינסקיס פארלאג
שיקאגא

אילוסטרירט פון
ט א ד ר א ס  ג ע ל ע ר
און
נ א ט א ל  ס ו ז א ן

Copyright by M. Tolchin
Chicago, Ill., 1933

M. CESHINSKY, Publisher—2720 W. Division Street, Chicago

געזעצט אין דער לינאטיפ זעצעריי פון מ. ציפאנסקי, 101 ס. וועלס סט.

מיין בערטע'ן א מתנה.

# אַיאָלאַ

## I

מיט א ווילדקייט פון אייביקער פרייהייט שטורעמט דער מישיגען לייק, ביז צו זיינע אפגרונטן ; ווארפט פון זיך כוואליעס, צו די ווינטן, צו די הויכקייטן.

ווילדעוועט, אודאי, וואס זיינע אינזלען זיינען ווייטע, פארלאזענע, ווי זיי וואלטן אין עק וועלט געווען און זיין ברייטער צושפרייט איז ווי פון א ים אן אומענדלאכן, וואס האט אין זיינע טיפענישן דעם באשאף פון דעם אנהויב.

פול מיט אייביקייט און גרויס איז דער לייק און די זון, הויך און ווייט און אלץ דערגרייכנדיק, זילבערט אים, פארבט מיט קאלירן אלערליי דעם שוים פון זיינע וואסערן, אין זיין גאנצער לייִנג און ברייט.

פילט איין קראפט א צווייטע און דער לייק גיט זיך איבער צו די שטראלן, צו דער ליכט פון דער זון.

אייביקע פריינט.

קומט די נאכט, הילט זי איין אין פינצטערניש דעם לייק, לאזט אים זיך כשופ'ן מיט דער לבנה, וואס בלאסט און רויטעוועט זיך — אלע נאכט א נייע, אלע נאכט אן אנדערע.

קליינע שיפלאך בא די ברעגן, גרויסע שיפן נידערן אין זיינע וואסערן. פארן ארוים ווי מיט אן אויסרייד : ס'איז נאר אויף שעה'ן. און נאכדעם פארן זיי טעג און פארן נעכט, שניידן זיך פון איין לייק אין אן אנדערן אריין.

פירן סחורות אין ווייטע מקומות !

שטורמדיק איז דער לייק אין זיין מיטן. אבער רואיקער ווערט ער וואס נאענטער ער קומט צו זיינע ברעגן. ער האט אזוי פיל סוף'ן ארום זיך.

נאָר אַז ער דערנענטערט זיך צו אַ ברעג, ווערן זיינע וואַסערן שטראָמיק. גרייט צו פאַרפּלייצן. טראָגן מיט זיך די סודות פון ווייטקייטן.

קומען די וואַסערן פון מישיגען לייק אַז צו ברעגן פאַרשי־דענע, די וואַסערן די אָפּגעטיילטע, וואָס קאָנען שוין ניט מיט־שטראָמען, ווילן רוען נעבן ערד, ווילן איינגעזאַפּט און איינגעשלינ־גען ווערן פון דער ערד — זייער חלום נאָך פון דער ווייט, אין די טיפענישן פון לייק.

און די באַגעגעניש פון דער וואַסער מיט דער ערד, מיט דער זאַמדיקער ערד, איז מיט אַ פריידיקער אויפגעציטערטקייט, מיט אַ פליסטערן. די וואַסער גייט פאַראויס און ציט זיך צוריק, גלעט די זאַמד און מאַכט איר נידעריקער. וואַסערן מאַכן גריבלאַך אין זאַמד און קומען אום טראָפּנווייז.

---

אַף אַ סלופּ, אַ דורכגעווייקט־צעפּוילטן, אין וואַסער באַם ברעג, איז געזעסן פּרעד און האָט אַרונטערגעקוקט צו דער אויסגעקאַרבטער זאַמד אין וואַסער.

דער געלבלאַכער זאַמד־ברעג האָט זיך ווייט געשלייכט צווישן וואַסער און דעם באַרג, וואָס אַף זיינע משופּע׳דיקע ברעגן וואַקסן ביימער און קוסטעס און ווילד גראָז, דער באַרג וואָס ציט זיך אַהער פון דעם דאָרף איאָלאַ.

פּרעד האָט זיך אַרומגעקוקט. געזען, אַז ער איז דאָ איינער אַליין. וואַסער און באַרג און גראָזן און דער הימל און ער איז דער איינציקער מענטש דאָ, האָט אין אים אַ פרייד זיך צוקוועלט. מיט זיינע ברוינע אויגן און מיט זיין אָטעם און מיט זיין גאַנצן געזונט־יונגן קערפּער, האָט ער באַנומען און דערפילט די שיינקייט און דעם פרייען כח פון דעם שטילן לעבן דאָ אַרום און אַ הפקר׳דיקער געשריי איז פון זיין האַלדז אַרויס:

— העי! העי! העי!

צום הימל, צו דער וואַסער, צו דער ווייטקייט.

קיין ענטפער. קיין אָפּקלאַנג. נאָר די זון האָט עפּעס מער אַ וואַרם געטאָן. אים געוואַרעמט דאָס פּנים, די בלוטן, אַזוי ווי דער־מיט אים געגעבן אַ סימן: ס׳איז אָנגענומען געוואָרן זיין געשריי.

פול מיט פארלאנגען איז ער געווען.

אט האט ער געוואלט ארונטערשפרינגען פונם סלופ, צוקומען צום זאמד און לויפן גיך און ווייט. לויפן אהין און לויפן צוריק, אויסשרייען און אויסזינגען די קולות, וואס ליגן אזוי ווי באהאל־טענע, ארומגעדעקטע אין די טיפעניש פון זיין הארצן און נעמען קלעטערן אויפן בארג; לויפן צוריק, אריינשפרינגען אין לייק און אוועקשווימען זייער ווייט.

און אט, אז ער האט זיך שוין א באוועג געטאן, איז ער פון א רואיקייט ארומגענומען געווארן און איז באהערשט געווארן פון א פארלאנג צו בלייבן זיצן דא לאנג. רוען. ווערן א טייל פון דעם שטילן ארום, אטעמען און איינהאלטן זיך אין דעם ברויז פון די כוואליעס. אייביק זיין דא.

ער האט זיך פארקוקט אויף א וואלקן. דער וואלקן האט אנט־קעגן דער זון זיך געליכטיקט ווי א שנייבארג. געהאנגען אין דער לופטן מיט א גרינגקייט. אט פאלט ער ארונטער. פרעד'ן האט זיך געדוכט, צום ערשטן מאל זעט ער די טיף פון א וואלקן, דעם אנהויב און זיין סוף.

פון וויטן האט זיך דערהערט דאס טופען פון א פערד אפן זאמד. א סאלדאט האט געריטן אויף זיין פערד, א געל־מאטעווער און אויסגעצויגענער, וואס האט מיט א גרינגן סאפען זיך ווייגנדיק געטראגן, אויסגעצויגן דעם דין־שלאנקן האלז, ארויסגעפרייכט אטעם פון די נאז־לעכער ארוים און מיט הנאה געטראגן אויף זיך דעם געניטן רייטער.

פרעד האט אנגעהויבן ארומזוכן אין דער קליינער קעשעניע פון זיין אויבער־העמד און אין די הויזן־קעשעניעס. געזוכט א שטיקל סיגארעט, צו געבן כאטש א פאר צי.

שוועבעלאך האט ער בא זיך אלעמאל. ער נעמט זיי אין קיך, איבער'ן אויוון, און די מאמע מאכט זיך אז זי זעט נים. זי זעט נים, נאר אז ער נעמט א סך, שרייט זי אן אף אים:

— שוועבעלאך קאסטן געלט. האסט היינט א סך פארדינט?

אזוי פרעגט זי אים, די מאמע, וואס וואשט פרעמדע וועש, הארעוועט שווער און איז זייער ארעם.

ער האט גארניט געפונען אין די קעשעניעס און דאס הארץ

האט געגאנגט. דאס זוכן און ניט געפונען, האט אים ניט אנטוישט, עס האט אים אבער געפעלט דער סיגארעט. כאטש נאר איין גוטן צי טאן.

און ס'איז אים אליין געווען מאדנע: ער, דער אויסגעוואקסענער גרויסער פרעד, וואס זיינע מוסקולן זיינען אויסגעהאמערט פון די ווינטן פרייע, וואס טראגן זיך דורך דורך זיין לייב פון זיין געבוירן אן, וואס יונג בלוט ברויזנדיקס שפארט זיך פון אלע זיינע אדערן ארויס, און דא ביים לייק, וואו דאס פרייקייט קומט פון די הויכקייטן פון הימל ארונטער, דא שטייט ער א פארקלעמטער און אלץ גייט אים שוין ניט איין, צוליב א שטיקל סיגארעט, וואס עס פעלט אים.

„איך וועל דארפן ווערן א סאלדאט" — האט ער אן אומצופרידענער געטראכט און געקוקט אף דעם סאלדאט מיט'ן פערד, וואס האבן זיך נאך געזען אין דער וייטנס.

## II

די אלטע איינוואוינער, די וואס נורען זיך ווינטער צו די הייסע אויוונס און ראדיאטארס; וואס צושניידן ברויט און קארטאפליעס אף קליינע, דינע ריפטלאך און ווייקן דעם ברויט אין וואסער איידער זיי קייען אים און זייערע האר זיינען וויים און זייער דין און די פנים'ער געל־געקנייטשט, געדיינקען נאך ווי אזוי איילא האט אויסגעזען מיט א דרייסיק יאר צוריק. דרייסיק? — ניין, שוין טאקע א פערציק יאר צוריק.

איבער די יאסלעס, דורך זייערע שיטערע ציין ארויס, זייען זיך קארג און זויער די ווערטער דורך: — ס'איז געווען א וואלד, איינגאנצן א וואלד. א חוץ א דריי־פיר הייזער און א קרעמל. ווייטער איז געווען — גאלע וואלד.

די דריי־פיר הייזער, וואס זיינען דעמאלט געווען, זעען פאר זיך די אלטינקע מער בולט און זיי זיינען זיי א סך מער אייגן, ווי די צענדליקע הייזער, וואס זיי זעען איצט יעדן טאג. יענע, פון אמאל, האבן זיך אין זכרון באהאלטן ווי אייגענע, ווי די אייגענע יארן, וואס זיינען אויך שוין ניטא.

נאר וואס אמאל איז געווען, וויסן ניט די קינדער פון איאלא.

אז די זון שיינט א מילדע, א ווארעם־צוליכטיקטע אריין צו זיי אף זייערע געלעגערס, צעטרייבט זי א שפילעוודיקע מיט איר טאג־ליכט זייערע נאכט־חלומות, וואס האבן זיי פארטראגן אין די ווייט־סטע לענדער און הויך איבער וואלקנס. די קינדער עפענען זייערע פארשלאפענע אייגלאך און פרעגן צושראקענע:

— מא, שוין שפעט?

די מאמעס, נאך אליין יונגע, מיט נאכטיקע גוטע סודות אין זיך, זיינען שוין אויפגעשטאנענע און אנגעטאנענע, קוקן זיי מיט א נחת אף די קינדער זייערע, האבן א ביסל רחמנות, וואס זיי דארפן שוין באלד אויפשטיין און קווענלען אז פון די „גרויסע קינדער" זייערע. „שוין א מענטשל פאר זיך!" — און יעדער מאמע בארואיקט איר קינד:

— קאנסט נאך שלאפן אביסעלע. שלאף!

פארמאכן זיך די אייגלאך אליין צוריק צו. מע קאן נאך שלאפן. ס'אזוי ווארעם און לופטיק. ס'אזוי גוט.

לאזט די זון ניט שלאפן לאנג. פילט אן די צימערן מיט בלענ־דענדיקער ליכט. צעצוויטשערן זיך די פויגעלאך אף די ביימער. טאנצן ארום פון צווייג אף צווייג, שיקן גריסן איינע די אנדערע. נעמען אויף דעם טאג מיט געזאנג. אין די הויפן, אין די גארטנס גייען ארום היגער. זוכן ווערעמלאך, זוכן שפייז, גראבלען מיט די פיסלאך און מיט די פיסקלאך אין דער ערד, קוקן אף די הענער, די שפייזער זייערע און צוקוואקן זיך מיט הייזעריקע קולות פון דעם מארגן־טוי. פריער געפלאנטערט מיט די ציגנלאך און נאכדעם, הע־כער, געפאדערט, געמאנט: טא־טא־טא!

שטייען שוין די קינדער אליין אויף. ערשט נאר־וואס זיינען די אייגלאך געווען פארשלאפענע, פארנעבלטע. איצט, שוין טיפע, לויטערע. נאר ס'גיט זיך נאך א גענעץ און די הענטלאך מיט די קערפערלאך גיבן זיך א צי־אויס — א־א־א!

מאמעס לאזן ניט זייערע קינדער גיין אין סקול ניט ארומגע־וואשענע, ניט צוגעקעמטע. הויבן זיך אן הערן געריכטע טענות און באפיילן. און עסן דארף מען אויך, כאטש עפעס נעמען אין מויל אריין, ניט אוועקגיין מיט פארטריקנטע ליפעלאך.

קינדער שטייען זיך אויס זייער א סך פון מאמעס, יעדן אינ־דערפרי. נאר אידער מע גייט ארויס פון הויז, שטעלט מען אן די פּיסקעס און מען צעקושט זיך. שלום!

די בייסיקלאך ליגן אפן גראז, שטעלט מען זיי אויף, מען זעצט זיך ארויף און מען פארט.

אין סקול אריין!

פון יעדן הויז לאזן זיך קינדער ארויס אף בייסיקלאך. א גאנ־צער דארף מיט קינדער פארן אף בייסיקלאך אין סקול אריין. מיי־דעלאך און אינגלאך. גרעסערע און קלענערע. אינגעלשע קוטשמעלאך פארשארן זיך ארויף פון דעם ווינט. מיידעלשע הערלעך לאזן זיך אריבער איבער די אויגלאך. מען יאגט זיך אינמיטן די וועגן. פארט אן אן אויטאמאביל, הויבט ער אן פארן לאנגזאמער און פארקירע־וועט זיך אין א זייט. ארום בליען בוימער, טראגן זיך ריחות לופטיק־פרישע פון די גראזן און די צווייגן. הינטלאך קומען אן פון די הויפן מיט א בילן און אנטלויפן אליין אוועק צוריק. זיי האבן דען געמיינט שלעכטס? נאר געוואלט א האווקע טאן . . . דער לייק זעט זיך א גרינלאכער, א רואיקער. מיט לאנגע באוועגנדיקע קארבן־פאסן. ביי־נאכט האט ער געראשט, ווייל ס׳איז געווען געהיימע נאכט און פינצטער. איצט רוט ער ביי די ברעגן, דארום ווייל ס׳איז טאג, פול מיט לויטערע קלארקייט. די קינדער פארן אביסל, שווייגנדיקע, ערנסטע. נאכדעם הויבט מען אן רעדן צווישן זיך. דער ווינט פארטראגט די ווערטער, רעדט מען העכער. סע זיינען נאך געבליבן ווערטער פון נעכטן . . . און עטלאכע ברוגז׳ן אויך . . . פונם לערנען טראכט מען ניט ביים ארויספארן. מע טראכט נאך בכלל פון גארניט . . . מ׳איז נאך אזוי ווי אין א קלעם. די אויגלאך זיינען שוין ניט שלעפעריק, אבער זיי זעען נאך ניט גוט וואס ארום קומט פאר. זיי קוקן מיט פארנעבלטע בליקן, וואס האלטן זיך אין אויסלייטערן. די קינדער פילן זיך, אז עפעס א גרויסע עולה ווערט אקעגן זיי באגאנגען, אז א קראפט א ניט געזעענע הערשט איבער זיי, און זיי מוזן זיך איבערגעבן דער קראפט. וואס זאלן זיי טאן? קליינע קינדער נאך . . .

אבער וואס ווייטער זיי פארן, געשטאלט זיך אויס בא זיי די סקול, די לערערינס און די ארבעט, וואס זיי וועלן היינט דארפן טאן.

**ס'איז ניט גוט און ס'איז ניט שלעכט.**

**אז זיי קומען אן צו דער סקול, שטעלן זיי אוועק זייערע בייסיקלאַד, יעדער בייסיקל אַף זיין אָרט און זיי לאָזן זיך מיט אַ טומל אַריין אינעווייניק.**

**קינדער פון דער פאַרבאַרגענער צוקונפט. יעדער קינד מיט זיין באַזונדער פאַרבאַרגענער צוקונפט.**

## III

**דורך אַ הינטער־טיר פון אַ רייכע הויז באַם לייק, וואָס איז אַלע אינדערפרי אַף דער זון און איז געבויט אַזוי, אַז יעדער צימער פון אויבן זעט אויס אין דרויסן אַזוי ווי אַ באַזונדער שטיבל, גייען אַרויס פרעד און זיין מאַמע, על‎אַ.**

**זיי טראָגן אַף זייערע אַקסלען גרויסע, ווייסע קלימיקעס מיט וועש, וואָס עלאַ האָט גענומען אויף צו וואַשן.**

**פרעד טראָגט זיין גרעסערן, געדיכט אָנגעטויטשעטן שווערן זאַק מיט ווינציק אָנשטריינגונג. זיך אָנגענומען מיט מער כח וועט ער קאָנען ערשט שפּעטער, אַף דעם וועג, וואָס זיי דאַרפן גיין ביז זיי וועלן אָנקומען אַהיים. דער צושפּיליעטער קאָלנער פון זיין בלויער אויבער־העמד ווייזט אַרויס די פרייקייט פון זיין האַלז, וואָס לאָזט זיך אַרונטער מיט אַ ברייטקייט און אַ פעסטקייט איבער אַ ברוסט־קאַסטן אַ רואיק־אַטעמדיקן און אַף פּלייצעס קרעפטיקע, וואָס האָבן זיך צוויי און צוואַנציק יאָר געהאַלטן מיט בלוט און פלײשיקער גבורה און איצט זיינען זיי גרייט אַף ווייטער.**

**עלאַ איז אַרויס פון הויז אָן אָנגעבויגענע. איר בלאָנדער פּנים, אַביסל פאַרקלייענט, איז באַצאַרנט. אירע לאַנגע פיס, גראָבלאַכע, שפּאַנען גיך, צו זיין וואָס שנעלער ווייט פון דער הויז. אירע פּלייצעס זיינען אַביסל איינגעבויגן. אירע בלויע אויגן קוקן אי מיט כעס, אי צעשראָקן־דערשלאָגענע. די משא, וואָס זי טראָגט אַף זיך, איז איר דערווייל ניט שווער, אָבער אינעווייניק אין הויז, ווען זי איז געווען, האָט זי געליטן שטאַרקע ערגערניש. די דינסט פון מרס. ראַלאַנד, וואָס האָט איר געגעבן די וועש, האָט גערעדט צו איר די ווערטער, וואָס די באַלעבאָסטע האָט איר אָנגעזאָגט: ס'איז דאָס לעצטע מאָל,**

וואס מען גיט איר די וועש. אויב ס'וועט דאס מאל אויך ניט גע־
פעלן זיין, וועט מען עס איר מער ניט געבן.

ס'איז ניט נויטיק געווען, אז מרס. ראלאנד זאל עס איר זאגן. די דינסט, וועלכע ארבעט פון פארטאג ביז שפעט באנאכט אין דער הויז, האט די ווערטער ארויסגעזאגט מיט אזא ווירדע און מיט אזא שטריינגקייט, אז עס האט פונקט אזוי ווי געטאן עלא'ן.

נאר פונדעסטוועגן, איז דאך עס פארט די דינסט, לעבט אויך אף דעם גוטן ווילן פון דער באלעבאסטע, האט זי איר כאטש געקאנט פרעגן, פארוואס סע געפעלט ניט איר וואשן? ס'איז ניט ריין, ניט ווייס גענוג? ס'פעלט עפעס אוים אמאל?

האט די דינסט אין אנהויב זיך געהאלטן נאך אלץ מיט אנגע־בלאזענע געהויבנקייט. אז סע געפעלט ניט מרס. ראלאנד, ווייסט זי פארוואס. נאכדעם אז זי האט שוין צוגעגעבן, אז זי ווייסט טאקע ניט וואס וויל מרס. ראלאנד פון דער וועש, איז אבער נאך אלץ געבליבן דער אנזאג פון דער באלעבאסטע: ס'וועט זיין דאס לעצטע מאל וואס זי גיט איר די וועש.

א אינגעלע, א רויטער, וואס האט זיך פארשלאפן, איז געפארן אף זיין בייסיקל. איינער אליין שוין געווען. זיין דיק, קיילעכיק־צוגאסענער קערפער איז געווען אנגעבויגן איבער'ן בייסיקל און מיט שווערע פיסלאך האט ער פאמעלאך געדרייט די רעדלאך. ער וועט זיך ניט יאגן. מען מידט זיך איין, אז מ'פארט גיך . . . ער איז שוין אזוי אויך אויסגעמאטערט. די לערעריו, ווייסט ער, וועט אים ניט פרעגן פארוואס ער האט פארשפעטיקט. זי האט אים שוין געפרעגט — איז ער נאך ברוגז אף איר פאר דעמאלט — האט ער געענטפערט, ווישנדיק זיך בעת מעשה מיט א האנט דעם שוויים פונם פנים: „א, איך ווייס ניט!" ווייסט זי שוין, אז זי דארף אים ניט פרעגן פארוואס ער קומט שפעט. זי זעט דאך, אז ס'איז אים שווער. אלצדינג איז אים שווער . . .

נאר אז ער האט דערזען אנקומען פרעד'ן מיט עלא'ן, מיט די גרויסע פעק אף די אקסלען, האט ער זיך דערשראקן פאר דער גרויסער שווערקייט, זיינע פים האבן באקומען פרישן כח, זיי האבן ווי פון זיך אליין זיך צענומען און ער איז זיי גיך פארבייגעפארן.

עלא איז געווען פול מיט פארדרוס. זי האט ווייטער ניט געקענט

גיין, געפילט אז זי מוז זיך ארויסריידן און אפּאטעמען. האָט זי אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם פּאַק וועש און געזאָגט צום זון:

— אז זיי געבן דיר ס'שטיקל ברויט, מוזן זיי ארויסציען דאָס בלוט מיט'ן מאַרך פון די ביינער.

פרעד האָט זיך אַנגעבויגן, אָפּגעצופּט א גרעזל און געוואָלט דאָס אויסציען צווישן די צוויי גראָבע פינגער און א פייף טאָן. דער־הערט אָבער דער מוטער אַזוי ריידן, איז אים געוואָרן זייער גוט, וואָס אויך איר ריידן צו אים איז מיט געטרייקייט, ניט נאָר אירע וואָרעמע בליקן, וואָס ער כאַפּט אַמאָל אויף. ער האָט אַרומגעדרייט דאָס אָפּגעריסענע גרעזל אַף א פינגער, ווי זשאַלעוועדיק דאָס אַוועקוואַרפן און געזאָגט מיט א שטיל קול, נאָר א גאַנצ'ס, וואָס נעמט אַרום זיין גאַנצן איצטיקן פילן און טראַכטן:

— איך האָב זיי פיינט, די רייכע. איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואָלט אָנקומען צו זיי.

אין דעם פּאַרשאָטנטן טאָל נעבן וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, האָבן אַרונטערגעפּאַלענע בלעטער נעבן א שמאָל וואַסערל זיך גע־טוליעט. א ווינטל האָט זשומענדיק אַרויפגעציטערט און א פויגעלע האָט מיט א דין צוויטשערן זיך צעזינגען. דאָס הערשערל פון טאָל.

עלא האָט געוואָלט זאָגן פרעד'ן א שלעכט וואָרט. אפשר גאָר אינגאַנצן אויסלאָזן צו אים דעם כעס. נאָר זי האָט זיך פאַרכאַפּט. ניט איצט וועט זי ריידן צו אים שלעכטע ווערטער. דאָס אָפענע געטרייקייט צו אים האָט זיך נאָך מער צעוואָרעמט.

— הלואי וואָלט איך זיי אויך ניט געקאָנט — האָט זי געזאָגט. קוקנדיק אַף דער גרינקייט אַרום — ס'דוכט זיך מיר, אז איך לעב גאָר ניט פאַר זיך, פאַר מיין אייגענער הנאה. נאָר איך לעב, איך זאָל טאָן אַרבעט פאַר זיי. מיר זיינען געבוירן געוואָרן צוליב די רייכע, די מרס. ראָלאַנדס.

אין פרעד'ן זיינען געבוירן געוואָרן ווערטער, א סך ווערטער, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי זיי אַרויסצוברייַנגען פון מויל. ער האָט געוויזן אַף די צוויי פּעק וועש און געזאָגט מיט א שווער קול:

— ז י י טראָגן די וועש, מאַכן עס קויטיק און דו, מאַמע, דאַרפסט עס וואַשן.

מאמע און זון האבן מיט א שווייגן, זיך א ווייל אנגעקוקט. זי האט געטראכט:

א וואוילן זון האט זי דערצויגן. אן ערלאכער. ער איז שיין און געזונט. אזוי שטארק געראטן אין זיין פארשטארבענעם טאטן. נאר א פוילער איז ער . . .. ווען ניט דאס — —

פרעדר האט געפילט ווי ארומנעמען דער מוטער און איר אויפ־הויבן, טראגן אף די הענט און אזוי גיין איבער'ן גאנצן דארף. זאל מען זען וואס פאר א גוטע מאמע ער האט!

זי איז אלעמאל גוט . . . ער ווייסט עס. אפילו ווען זי שרייט אף אים, און אפילו אז עס דערגייט אזוי, אז זי הייסט אים אוועק־גיין פונם הויז און זי זאל אים קיינמאל ניט אנקוקן פאר די אויגן. ס'איז איר ניט גוט און זי האט פון אים גאר קיין נוצן ניט, שרייט זי אזוי אף אים. איצט זעט ער ווי אזוי זי האט אים ליב און ער זעט אויך אין אירע אויגן א באהאלטענעם געבעט צו אים: ער זאל אמאל פון איר אראפנעמען דעם יאך. ווייסט ער דען ניט, אז דאס לעבן אירס איז אזוי שווער, אזוי שלעכט?

ער וועט איר זיכער העלפן. דערוויילע ווייסט ער נאך ניט ווי אזוי. נאר ער האט א פלאן. ער האט א סך פלענער. אלעמאל איז זיין מח אנגעפילט מיט געדאנקען. ניין, ניט געדאנקען, נאר פארפלאנ־טערטע פאנטאזיעס אזעלכע. דערווייל קאן ער נאך ניט אויספלאנ־טערן דעם קנויל. אנכאפן איין פלאן, דעם בעסטן, נאר ער וועט אים האבן. ער וועט צוקומען צו דער ריכטיקער וועג. ער וועט איר זיכער העלפן, דער מאמען.

— לאמיר גיין. — האט עלא געזאגט און גענומען פון פרעד'ן דעם זאק וועש, וואס ער האט פון דער גרינג אוועקגעלייגט אף אירע פלייצעס. פרעדר האט אויך א נעם געטאן זיין פאק אף זיך און ער האט זיך געלאזט גיין אף צו פריער.

אפגעגאנגען אביסל, האבן זיי דערהערט א טרובען פון אן אוי־טאמאביל־הארן.

דער איד, גאלדבערג, מיט דער צעוואקסענער גרוילעכער באָרד. האט זיך אפגעשטעלט נעבן זיי מיט זיין אלטער מאשין.

— גוט מארגן, מיסיס דענים! — האט ער גערופן צו איר דורכ'ן אפענעם פענצטערל — קומט אריין, וועל איך אייך אפפירן אהיים.

— גוט מארגן, מר. גאָלדבערג. אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק. — האָט זי זיך אָפּגעזאָגט.

דער איד, גאָלדבערג, וואוינט שוין דאָ אַ דרייסיק יאָר און קיינער האָט צו אים גאָרניט. נאָר אַנגעמען פון אים אַזאַ טובה, האָט עס געהייסן בײַ איר, אַז דאָס איז שוין אַ צו גרויסע פריינטלאַכקייט וואָס זי דאַרף אים ניט אַרויסווייזן. עס דאַרף פאָרט זיין אַ גרעניץ צווישן זיי.

פרעד האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די מוטער זאָגט זיך אָפּ פון אַריינגיין. ער האָט אָבער ניט געקאָנט באַנעמען דעם באַטייט פון אַזאַ גרעניץ. איז ער גלייך צוגעקומען און געבומען זוכן אַן אָרט אין דער מאַשין פאַר די ביידע פעק און פאַר דער מוטער מיט זיך.

עלאַ איז אים ניט גערן נאָכגעגאַנגען און אַ פּאָר רגע׳ס אויס־געמידן גאָלדבערג׳ס בליקן.

פרעד האָט דערזען אין דער מאַשין אַ קעסטל מיט פיש, וואָס האָבן דאָ אָפּ שטיקלאַך אייז אויסגעהויכט זייערע לעצטע אָטעמס.

— איאַלאַ וועט היינט האָבן פרישע פיש — האָט ער געזאָגט צו גאָלדבערג׳ן.

— טאַקע פרישע, ניט לאַנג געכאַפּט — האָט גאָלדבערג גע־לויבט זיין סחורה, זיך ניט אומקוקנדיק אָפּ צוריק און געוואוסט אַז נייגעריקע בליקן קוקן אָפּ די פיש — איך קאָן אייך פאַרקויפן אַ פּאָר.

— איך וועל זיך היינט באַגיין אָן פיש — האָט עלאַ געזאָגט מיט דעם לעצטן ביסל שטאָלץ וואָס זי האָט געהאַט אין זיך, שאָק־לענדיק מיט׳ן קאָפּ צו פרעד׳ן אָפּ „ניין״ — ס׳איז ניטאָ קיין געלט, מיין פריינט.

— ס׳איז דאָ, ס׳איז דאָ — האָט דער ווינט איבערגעטראָגן גאָלדבערג׳ס ווערטער צו עלאַ׳ן — ס׳וועט נאָך אָנקומען צו אייך אויך. נעם קלויב אויס אַ צוויי גוטע פישלאַך — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו פרעד׳ן — כ׳על אָפּנעמען אַמאָל.

פרעד האָט געפאָלגט. ער ווייסט, דער איד איז אַ באַלעבאָס, אַ הענדלער. די פיש זיינען גוט, פרישע. די מאַמע אַרבעט אַזוי שווער און ס׳וועט זיין אַ פיינער מאָלצייט. פאַרוואָס אָפּזאָגן?

עלאַ האָט געשוויגן. אַנגענומען דאָס געשיינקטע פאַר אַ שווערע

שטראָף דערפֿאַר וואָס זי האָט זיך פֿריער אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן מיט׳ן אידן.

ס׳ערגסטע: פֿרעד האָט אַזוי גרינג אָנגענומען דעם געשאַנק. ער האָט זיך גאָרניט געשעמט.

אַז מ׳איז צוגעפֿאָרן צום הויז, איז פֿון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען דער הונט, לאַפּסי, האָט זיך שטאַרק צעהאַווקעט מיט אַ געמישטן געבריל: מיט פֿרייד אויפֿגענומען עלאַ׳ן מיט פֿרעד׳ן און מיט אַ בייזער געפֿילט אויף דעם פֿרעמדן מאַן, מיט דער באָרד.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, מיסטער גאָלדבערג — האָט עלאַ געזאָגט און אַרויסגענומען דאָס פּעקל וועש. זי האָט געזען, אַז פֿרעד איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיין פּאַק און האָט גאָרניט געזאָגט.

— ווייס איך, ניטאָ פֿאַרוואָס! — האָט דער איד מיט אַ בטול אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט. אַז ער האָט גאָר דערפֿון ניט געטראַכט — גוד באַי!

לאַפּסי האָט געהאַווקעט און געשפּרונגען. געוואָלט מיט די ציין אַ כאַפּ טאָן די פֿיס פֿון פֿרעד׳ס האַנט און אַ בייס טאָן. נאָר פֿרעד האָט זיי געהאַלטן הויך, ניט פֿאַרן הונט צו דערגרייכן.

## IV

אין עלאַ׳ס הויז איז אויך דאָ פֿרייד אַביסל.

דאָס וואָס פֿרעד אַרבעט ניט, מינערט עס אָבער ווינציק וואָס פֿון זיין מאַנסבילש־געזונטער פֿרייקייט, וואָס פֿילט זיך, ווען ער איז דאָ אין הויז און אַפֿילו אַז ער גייט אַוועק. אין פֿרעד׳ן פֿילט עלאַ די שפּורן פֿון איר פֿאַרגאַנגענהייט אין דעם קליינעם שטעטל אין פֿראַנקרייך, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט ווען זי איז נאָך אַ יונגע מיידל געווען.

קוקט זי אויף אים, דערמאָנט זי זיך אין אַ גאַנצער משפּחה פֿון מענער. אָנקעלס, קאָזינס און וויטע קרובים, וואָס זיינען שוין אפֿשר איצט ניטאָ, אָבער זי געדיינקט נאָך גוט ווי זיי האָבן אָנגעפֿירט זייערע אָרעמע און לוסטיקע לעבנס אין זייער שטעטל שאַטיליאָן, אַרומגערינגלט פֿון די שאַמפּאַן פֿעלדער. דער זון אירער, דער

געזונט־קרעפטיקער, טראגט אין זיינע בלוטן די קוואלן פון איר שטאם, פון איר געבורט־ארט און אפילו זכרונות פון אירע קינדער־יארן.

און זי זעט אין איר זונס געזיכט, ווי אין א בולט שארפן אפדרוק דעם געשטאלט פון ביל'ן, וואס פרעד געדיינקט אים אפילו ניט. ביל — דער מאן אירער, דער אמעריקאנער, וואס איז געווען א קאנדוק־טאר אף א באן און זי האט אים אין א באן־אומגליק פארלוירן, פאר־לוירן אף אייביק.

וואס ווייסט זי דען, אפילו איצט נאך, ווי אזוי ס'איז געשען דער אומגליק, וואס זי האט איר מאן פארלוירן אף אייביק? זי ווייסט נאר:

ס'איז געווען א רעגן־שטורמדיקע נאכט, ערגעץ ווייט פון דאנען, אין די ווילדערנישן און וויסטענישן פון אריזאנא. א לאקאמאטיוו און עטלאכע וואגאנען זיינען פון די רעלסן ארונטער. ארונטער און זיך איבערגעקערט. פון א בארג אראפ, אין א טאל אריין, ערגעץ ווייט, אין די ווילדערנישן פון אריזאנא. זיינען מענטשן דער'הרג'עט געווארן און ביל אויך. איר ביל איז אויך דער'הרג'עט געווארן.

אזוי האט מען איר דערציילט און זי האט גארניט געוואוסט, וואס מ'דערציילט איר. ס'איז דען געווען צו גלויבן אזא זאך?

נאר ער איז טאקע מער ניט געקומען אהיים און האט איר ניט געבראכט קיין מתנות און האט איר ניט דערציילט קיין געשיכטעס אינטערעסאנטע פון זיינע ווייטע רייזעס און איר ניט ארויסגעוויזן די ליבע און צערטלאכקייט און לייִדנשאפט, וואס פלעגט זיך אנזאמ־לען אין אים פאר דער צייט, וואס ער איז געווען אוועק.

זי איז געבליבן אליין. אליין מיט איר וויי. אליין אין די טונקעלע וועגן פון דער גרויסער, פרעמד־שרעקנדיקער וועלט, וואו זי איז פריער נאר נאכגעגאנגען, מיט א באשיצער פאר זיך אין פאר־אוים. איצט, אז ס'איז שווער און פארשטעלט די וועג, דארף זי אליין וויסן וואו אירע טריט צו מאכן.

זי איז די באשיצערן פון איר קינד. איר זון.

זיינען פאר איר שווערע וויסטע יארן געווען. יארן אזעלכע, ווי מ'וואלט אלע טעג און וואכן זייערע מיט ביטערניש אנגעפילט. נאר פאר דער צייט איז פרעד געוואקסן. און אזוי אויסגעוואקסן איז ער, אז עלא האט שוין ניט געקאנט מער זען אין אים קיין „קינד".

נאר ווען ער איז געשלאפן, האט זי נאך אין דער פריש־ווארעמער הויט פון זיין לייב, אין די ווינקלען פון זיינע ליפן, געפילט און גע־זען דאס אמאליקע קינדערישקייט זיינס, דאס אומבאהאלפענע צו־געטוליעטקייט.

און נאך שפעטער האט זי א מאדנעם געפיל באקומען:

ביל איז צו איר געקומען, ווען ער איז שוין געווען א גרויסער, א דערוואקסענער און א שטארקער. ווי נאענט ער איז איר געווארן, איז ער אבער געווען א געקומענער צו איר. געהאט איז זיך פרעמדס. עס איז אויך געווען די וויטקייט פון זיין ראסע, זיין לאנד.

פרעד איז שוין טאקע באלד אזא מאן ווי דער טאטע זיינער ווען זי האט אים דערקאנט. ער איז אבער אירער. זי האט געבוירן און דערצויגן אט דעם מאן, וואס כאטש זי איז זיין מאמע, קוקט זי אף אים אליין אפטמאל מיט באוואונדערונג, מיט פרוי'אישער אנטצי־קונג. שיר־ניט: גלוסטונג.

V

עלא נעמט אן פאר ליב די שווערע ארבעט, דעם גאנצן יאר אירן, צוליב דעם, וואס איר הויז קאן זיין, כאטש אביסל, אזוי ווי ווען איר מאן וואלט געלעבט.

זי, אז זי פאראַרבעט זיך, וואלט זי אינגאנצן געקאנט פאר־פעלן א מאלצייט. פרעד אבער דערמאנט איר די צייט פון עסן. ער הויבט זיך אן ארומדרייען אין הויז מיט א מאדנעם אומרו, מיט דער גאנצער פארצווייפלונג פון א הונגעריקן מענטשן און די אויגן זיינע, וואס ווערן זייער ערנסט, שטעלן זיך אן אף דער מוטער: ער פארשטייט ניט, זי איז גארניט הונגעריק?

לאזט זי שוין איבער די ארבעט, אחוץ וואס זי גיט נאך עפעס א פרעס צו אביסל, אדער זי פארענדיקט וואשן, וואס זי האט שוין אין האנט.

זי גייט ארײן אין קיך, הויבט זיך אן ארומפארן ביים אויוון און באם טיש — אז דער טיש וועט ניט זיין אזוי רייך, וואלט געווען אן אומגליק! — איז פרעד אין גערדאנק אף איר גוט ברוגז — און אט איז שוין דאס עסן דא. א סאלאד און ברויט אנגעשניטענער און

סוף אויך, אַ ביין מיט אַ שטיקל פלייש אין פרעד׳ס טעלער. דער טיש איז אָנגעשטעלט.

לאַפּסי, דער ניט־דערוואַקסענער פּעטלאַכער הונט, באַוואַקסן אַרום זיך מיט גרויסע געלע האָר און פון וועמעס אויגן ס׳קוקט אַרויס אַ טרויער, קומט צו און שאַרט זיך מיט דער מאָרדע צו פרעד׳ס פיס. ער גיט צו וויסן אַז ער איז דאָ.

פּאָלי, דער אַלטער פּאַפּוגאַי, מיט די גרינע האָר, וואָס ער פליקט זיי אַליין אויס פון זיך, האַלט זיך מיט זיינע דינע פיסלאַך אַף אַ קיילעכיק קלעצל אין דער גרויסער דראָטענער שטייג. אונטער אים איז אָנגעוואָרפן שאָלעכץ פון יאָדערן, ברעקלאַך ביסקוויטן און די טשאַשקע מיט וואַסער שטייט אַן איבערגעקערטע. ער איז גראָדע ניט הונגעריק, דער קלוגער פויגל, וואָס וואָרפט אַן אַ מיסטישקייט אַרום זיך, אין דער האַלב־טונקעלער קיך, מיט דעם אַלטן פּאַרזשאַ־ווערטן אויוון. נאָר אַז ער דערזעט ווי מע זיצט באַם טיש, קערט ער זיך איבער עטלאַכע מאָל און הויבט אָן שרייען, מיט אַ קול פון אַ מענטשן אַזאַ, וואָס האָט מסתמא אַמאָל ערגעץ געלעבט אין אַ מדבר:

— העלאָ, פּאָלי! קרעקער! העלאָ, קרעקער, פּאָלי!

עסן, הייסט עס, זאָל מען אים געבן.

פּאָלי און לאַפּסי זיינען זיך גוטע פריינט. לאַפּסי זעט, אַז ס׳זאָל דעם פויגל קיין שלעכטס ניט געשען. אַז מ׳לאָזט אַרויס פּאָלי׳ן אין דרויסן, ער זאָל זיך דורכפליען און דורכלופטערן, האָוקעט צו אים לאַפּסי, ווי אַן אָנזאָג, אַז ער זאָל ווייט ניט אַוועקפליען. ער אַליין ציט אויס די פיס אַף דער זון, וואַרעמט זיך, כאַפּט אַ פליג מיט דער מאָרדע. ס׳איז אים גוט אַפן גראָז אויך.

נאָר אַז פרעד זעצט זיך אַוועק עסן, פאַרגעסט ער אינגאַנצן, אַז ס׳איז דאָ אַ לאַפּסי און אַ פּאָלי אין הויז. ער זעט אויך ניט ווי די מאַמע עסט, כאָטש ער קוקט זיך אום אַף איר. אַז דער פּאַפּוגאַי הויבט אָן שרייען, בייזערט זיך אַף אים אָן פרעד:

— שווייג. טומל ניט!

ער איז ניט אין כעס, פרעד. נאָר ער איז ערנסט. זייער ערנסט. אַפילו דער מאַמעס קול וואָלט ער איצט ניט געוואָלט הערן. ס׳דאַרף זיין שטיל אַז ער עסט און ער האָט ליב צו פילן דעם

ריכטיקן טעם אין יעדן באַזונדערן ביסן וואָס ער נעמט אין מויל אַריין. זיין גאַנצער קערפּער איז אָנגעשטריינגט. די אויגן קוקן שטאַרק פּאַראינטערעסירטע אַף די שפּייזן, וואָס אַרום אים אַפן טיש. ס'איז זיינס. זיינס! קיינער קאָן עס בּאַ אים ניט צונעמען. די נאָז־לעכער, אָנגעאָטעמטע מיט די פרייע ריחות פון דער נאַטור דאָ, צעשפּרייטן זיך, נעמען איין דעם ריח פון די שפּייזן און באַוועגן זיך אינאיינעם מיט די שאַרפע ציין זיינע. ס'בעסטע בּאַ אים, איז עסן מיט די הוילע הענט. גיבּן אַ בּראָד אַפ אַ שטיק ברויט, אָדער מיט אַ שטיק ברויט צווישן די פינגער אַרומנעמען וואָס ס'איז דאָ אין טעלער.

ס'מויל זיינס, דאַכט זיך אַמאָל פרעד'ן, איז אים ניט אַפן ריכטיקן אָרט. ס'וואָלט געדאַרפט זיין אַזוי, אַז מ'זאָל גוט קאָנען זען ווי מ'עסט. ס'זאָל אויסקומען, ווי מען שטופּט אַריין די ביסענס צו יענעם און ס'זאָל זיין אין דער אייגענער מויל אַריין...

נאָר אַזאַ געדאַנק קומט אים אַרויף ווען ער האָט שוין בּאַלד אָפּ־געגעסן, אַז דער טעלער הויבּט זיך שוין אָן אויסליידיקן.

איינמאָל, אינמיטן עסן, איז אים אַליין פון זיך, אַרויפגעקומען אין מח אַזאַ געדאַנק:

בּאַ אַ מענטשן דאָס עסן, איז די הויפּט־זאַך. דאָס וויכטיקסטע בּאַדערפעניש. אַלע טאָג דאַרף מען עסן. אָן דעם קאָן מען ניט לעבּן. איז, וועט ער אַלע מאָל זען, אַז ער זאָל האָבּן וואָס צו עסן.

ניין. ער האָט געפילט, אַז ניט דאָס מיינט ער. האָט ער ווייטער געטראַכט און דער געדאַנק האָט זיך אויסגעדרייט שוין אַנדערש, קלאָרער:

ער וועט ניט רוען, ער וועט אָנפירן אַ קאַמף, טאָמער וועט עמיצער ניט וועלן דערלאָזן, אַז ער זאָל האָבּן וואָס צו עסן. אַ!

און פון דעמאָלט אָן, איז אַפּטמאָל ווען ער עסט, טראַכט זיך אים אָט דער געדאַנק: ער וועט קעמפן פאַרן ביסן ברויט. פאַר עסן!

## VI

מיט אַ ראָזעווע פאַרבּ, וואָס האָט זיך צעשפּילט אַף איר פּנים, האָט עלאַ, בּאַלד נאָכ'ן עסן, גערופן דעם זון, ווי אַ שוועסטער אַ בּרודער:

— קום, פרעדי, וועסטו עפעס זען א שיינס.

זי איז מיט אים אריינגעגאנגען אינם גרויסן צימער, וואו ס'איז דא דאס וועש און אים צוגעפירט צו א פענצטער.

— זעסט?

דער דרויסן איז געווען פול מיט ליכטיקן טאג.

גלייך אנטקעגן איז די הויז פון דעם אלטן דאקטאר האלמס, א צוויי שטאקיגע, ברייט באלעבאטישע, מיט א ווייס אפגעפארבטן גאניק פון פארנט און ארומגעשניטענע גראז און וואקסענדע בלומען ארום. עטלאכע בוימער געדיכטע שטייען פעסט איינגעווארצלטע, שטאלץ מיט זייער פוסטקייט.

די בוימער וואס גיבן ארויס פרוכטן, א פאר עפל און בארן־בוימער, שטייען הינטערן הויז. א גוטסקייט איז דא אין זיי. זיי האבן שוין געבליט. איצט הויבן זיי אן ארויסגעבן פון זיך זייערע פרוכטן. נאך אין עטלאכע וואכן ארום וועלן שוין די פרוכטן זיין . . . שפע'דיקע פרויאישע בוימער . . .

— וואס ווייזטו מיר? — האט פרעד געפרעגט, נאר ער האט באלד אליין דערזען:

אף דער הינטערשטער וועראנדע, מיט דינע דראטן פארצוימט, איז געזעסן דער אלטער דאקטאר האלמס און זיין יונגע דינסט לוסי.

ער — א מענטש, וואס איז געווען. זיבעציק יאר האבן זיך דורך אים דורכגעצויגן און אים צעקנייטשט, איינגעבויגן. ארויס־גענומען דעם תוך פון זיין לעבן. ער האט אנגעזאמלט א פארמעגן און זיך האלט ער אין פארלירן. ער ווערט וואס א טאג ווינציקער, מער אוים.

זי — זי איז דא . . . וואו זי איז דא, איז זי אינגאנצן. זי האט מיט זיך אירע אלע דריי און דרייסיק יאר. זיי זיינען א טייל פון איר קערפער. זיי זיינען אין אירע פולע בריסטן, אין אירע שטארקע, כאטש פארהארעוועטע הענט.

— זיי גייען דאך טאקע חתונה האבן. — האט עלא דערציילט.

דער אלטער דאקטאר, האט פרעד געזען, האלט לוסים א האנט. זיינע הענט ציטערן נאך מער ווי אלעמאל. זי האבן זיך אין וואס אנצוהאלטן, זיינע זיי פריילאך.

זי נעמט אים ארום בא דער קיילעכיקער פלייצע, פארקוקט

אים אין די קליין געוואָרענע אויגן, וואָס גייען אויס. ער האָט דאָך איר אויך ליב. ניין?

פרעד איז איצט זאַט, איז אין אַ גוטן געמיט. דער אַנבליק פון לוסין, אירע לאַנגזאַמע קערפּערלאַכע באַוועגונגען מאַכט וואַרעם זיינע בלוטן. דער אַלטער דאָקטאָר זעט אים אויס ווי אַ שאָטן. לוסיס גרינע קלייד שפּרייט אויס פאַר זיינע אויגן דאָס אינטימע ווייבלאַכקייט אירס.

פרעד נעמט זיך ציען, אַזוי ווי אויסגלייכן די ביינער זיינע.

עלאַ האָט אויפגעכאַפּט זיין קוק און דערפילט דעם ציטער פון זיין קערפּער.

— ווי געפעלט דיר דאָס פאַר פאָלק? — פרעגט זי.

— ס'אַ רחמנות אויף איר — קאָן פרעד זיך ניט רירן צו ווייט פון דעם געפיל, וואָס ער האָט צו דער יונגער פרוי — ס'אַ גרויסער רחמנות.

אָה, ס'אַראַ נאַר אַ זון זי האָט. אויף איר איז אַ רחמנות! אַן אַרעמע דינסט, גייט זי קריגן מאַיאָנטקעס, ווערט אַזוי רייך, איז איר נאָך שלעכט! ווי לאַנג וועט ער דען נאָך לעבן, דער אַלטער דאָקטאָר האָלמס? גרויסער נאַר, וואָס דו ביזט!

— און דאָס וואָס זי דאַרף מיט אים זיצן און אים גלעטן? — פּרוּווט פרעד אַרונטערנעמען פון זיך דעם נאַר, וואָס די מאַמע האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן. און ס'זאָל ניט בלייבן דער מינדסטער ספק, אַז ער איז גערעכט, גיט ער דער מוטער אַ פרעג, קוקנדיק נאָך אַלץ אין דרויסן:

— וואָלסטו דאָס געטאָן?

ער האָט זיך געריכט אויף אַ בייזן ענטפער. נאָר עלאַ איז גאָרניט געוואָרן ברוגז אויף אים. איר פּנים איז געווען פאַרפלאַמט, אַ רויטער קאָליר האָט זיך געמינעט אויף די באַקן.

— זיכער — האָט זי געזאָגט — וואָלט איך מיט אים חתונה געהאַט. איך וואָלט שוין קיין פרעמדע וועש ניט געוואַשן און מיר וואָלטן ביידע געווען פאַרזאָרגט אויף אַלע אונזערע יאָרן.

זי האָט ניט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, אַז פרעד האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און געשוויגן.

און אַז ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר מיט דער

דינסט און געזען ווי זי האָט מפקיר געווען איר האַנט צו שפּילן זיך מיט אים, צו צוטײלן אים תענוג, האָט ער שוין ניט געהאַט דעם פֿריערדיקן געפֿיל פֿון גלוסטונג צו איר און אויך ניט קיין רחמנות. דעם רחמנות פֿון זיין מאַמען האָט ער באַנומען, וואָס זי איז געווען גרייט צו טיילן איר נאָך יונג לעבן מיט דעם אַלטן דאָקטאָר, ארויפשלעפּן אף זיך זיין אַלטקייט און אים לאָזן צערטלען זיך מיט דעם וואַרעמען ציטער פֿון איר יוגנט, וואָס איז אַפֿילו פֿון איר אַליין פֿאַרבאָרגן.

אף אַלץ איז זי גרייט געווען.

נאָר יענע, לוסי, די איינגערע פֿון איר, האָט צוגענומען דאָס, וואָס עס האָט געזאָלט זיין באַ איר גליק, האָט צושטערט איר חלום.

ער האָט זיך דערוואוסט פֿון דער מוטער׳ס חלום, ווען ער איז שוין געווען אַ צושטערטער.

און ער האָט געקוקט אף לוסי׳ן מיט אַ פֿאַרדראָס, מיט אַ געפֿיל אזא, וואָס איז מיט יעדער רגע געוואָרן מער שנאה׳דיק.

עלאַ האָט ווי אַ פֿאַרשולדיקטע, אַ באַשטראָפֿטע, זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט.

## VII

אַ רויך, אַ געדיכטער, שוואַרץ און גרוי, שפּרייט זיך אויס אין דער לייַנג פֿונם דאָרף, שפּאַרט זיך פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו ארויס און בלייבט הייַנגען אין דער לופֿטן, ווי אַ כמאַרע.

אַ באַן האָט מיט אַ קלינגעריי און מיט אַ שטאָלענעם הוזשען פֿון רעדער אף רעלסן, זיך דורכגעיאָגט. לאָזן זיך צוריק ארויף די פֿיר הילצערנע שטאַנגען, וואָס האָבן פֿון ביידע זייטן רעלסן זיך צוגעבויגן מיט די שפּיצן און שיִר ניט דערגרייכט איינע דער אַנ־דערער. די וועג איז פֿריי געוואָרן. מענטשן קאָנען שוין דורכגיין און מאַשינען קאָנען שוין פֿאָרן.

נאָר איזאַלאַ האָט ניט קיין מענטשן קיין סך, וואָס זי זאָל זיי קאָנען אוועקגעבן, זיי זאָלן שטיין און וואַרטן ביז וואַנען די באַנען פֿאָרן דורך.

די מענטשן פֿון איזאַלאַ כאַפּן זיך ניט צו איבערגיין, איבערלויפֿן.

זייער אינטערעס איז דאָרט וואו זיי זיינען. ווינציק באַנען שטעלן זיך דאָ אָפּ. היגע מענטשן פאָרן ניט אָפּט אַוועק פון דאַנען. אַז מ'וויל זיך אַביסל דורכפאָרן, זען אין אַ נאָענטן ווילעדזש אַ קרוב אָדער אַ פריינט, איז דאָ אַן עלעקטרישע קאַר, וואָס פאָרט גרינג און שטיל און שטעלט זיך אָפּ וואו מען דאַרף.

די עלעקטרישע קאַר, די „נאָרד שאָר", וועמעס רעלסן זיינען מיט אַ דרייסיק־פערציק טריט אָפּגעטיילט פון די רעלסן פון דער רויד־באַן, האָט נאָר אַזוי ווי פּאָר מאָדע וועגן, אויך אַ פאַרצאַמונג, אַ „געיט", ווי די באַן. אַז זי קומט אַריין אין דאָרף, קומט זי אַ היימישע, מיט אַ פּייפעריי. געזעז, ווי ווייט זי איז געווען? זי האָט געבראַכט אַביסל געסט אַהער און ווער וויל פאָרן ווייטער?

דער קאָנדוקטאָר שטייט זיך אַ רואיקער אַף אַיאָלער ערד, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געדאַרפט אַוועק פון דאַנען. ער העלפט מיט אַ היימישער פריינטלאַכקייט אַראָפּשטייגן די מענטשן, וואָס גייען אַראָפּ און לאָזט אַרויף אַנדערע. ס'איז ניטאָ וואָס צו כאַפּן זיך. נאָר אַז אַלע זיינען שוין אַרויף, הויבט ער אויף אַ האַנט, אַ סימן צום מאָטאָרמאַן, ער קאָן שוין פאָרן ווייטער.

דער מאָטאָרמאַן גיט אַ קלינג, וויל אַ דריי טאָן דאָס רעדל, נאָר אַ יונגע מיידל מיט אַ ליכטיק קליידל און ווייס־איידעלע באַקן, קומט פון ערגעץ אַ טאַנצנדיקע צולויפן.

— וואַרט אַף מיר! וואַרט אַ ווייל! — שרייט זי צום מאָטאָרמאַן און לויפט גלייך צום פראָנט פון דער קאַר.

— אַ, שור! — ענטפערט איר זייער פריינטלאַך דער מאָטאָר־מאַן אין די „אָוועראָלס" מיט ווייסע פּאַסן. און אַז זי גייט שוין אַרויף, צעלאָזט ער שנעל די קאַר. זאָל מען וויסן, פונדעסטוועגן, אַז אַן עלעקטרישע באַן קאָן אויך פאָרן גיך.

יאָגן זיך די באַנען אַוועק, בלייבט איאָלאַ נאָך מער איינגע־שטעלט אַף איר אָרט ווי פריער, ווי דאָס דאָרף וואָלט געווען אין אַ טיפן תהום אַוועקגעשטעלט און איינגעהאַלטן שטיל, ווי איאָלאַ וואָלט איבער די וואָלקנס צו די בלויע טיפקייטן פון הימל, מיט איינגעהאַלטענעם ציטער, אַרויפגעקוקט.

---

פרעד גייט אַוועק פון דער היים אַפן גאַנצן טאָג. אין הויז

ציט זיך און וויקלט זיך ארום, זיין לעבן צוזאמען מיט דער מוטער'ס. ער וויל אבער אנגיין מיט זיין אייגענעם באזונדערן לעבן. כאטש ער טרעפט זיך אן זעלטן־ווען מיט א נייע באגעגעניש און די דערפארונגען זיינע פון יעדן טאג זיינען ענלאך און גלייך ווי די זייטן פאפיר פון איין בוך, אזוי אז מ'קאן מישן א טאג נאך א טאג, האט אבער, פונדעסטוועגן, יעדער טאג עטוואס אנדערשדיקס. אט ווי איין טאג גיט זיך אויס א זוניקער, א פריי צעשפרייטער איבער דער וועלט און אן אנדערער, א פארכמארעט־רעגנדיקער, אן איינגעשרימפענער אין זיך.

פרעד גייט אלעמאל ארויס פון הויז מיט א געוויסער נייגעריקייט, גרייט צו זען און הערן וואס ס'וועט קומען. דאס לעבן איז פאר אים א קוואל פון אינטערעס, פון אלעמאל נייע און נייע אויפקומענישן, טרעפונגען. סאיז נישט קיין געדאנקען נייע וואס יעדער זאך רופט בא אים ארויס. ער קאן ניט אויסטראכטן א געדאנק און אים דערפירן צו א סוף, וואו מ'זאל אים קאנען אפלאזן. פון טראכטן ווערט ער מיד און מערסטנס אין כעס. טראכט ער, קומען ארויף אזוי פיל אומגערעכטיקייטן. זיי זאמלען זיך אן א סך, ליגן זיך שווער אוועק אין זיין גאנצן מח. ער ווערט מיד, צוטומלט.

פרעד זעט בילדער. ניט קיין אויסגעפאנטאזירטע. נאר דאס וואס ער זעט, מישט זיך ניט צענויף מיט עפעס אנדערש. עס שטעמפלט זיך אפ אין זיינע אויגן. הערט ער א ווארט, נעמט ער זיך אן מיטן גאנצן קלאנג דערפון, כאטש דעם באטייט פון דעם ווארט קאן ער גאר אויפכאפן און פארשטיין ערשט שפעטער.

דער פאסט אפיס איז ס'ערשטע פלאץ, וואו ער שטעלט זיך אפ. די פראנט וואנט פון דער איין שטאקיגער געביידע, א ליכטיק גרויע, טראגט אין זיך עפעס אזוי ווי א סוד פון דער ווייטער וועלט.

דער מיטליאריקער פאסט־מייסטער דערזעט פרעד'ן, רופט ער אים אריין. זיין געשטופלט גראב־רויטלאכער פנים ווערט ערנסט, כאטש איין אויג פון זיינע צוויי גרויע, די לינקע, וואס איז אביסל קלענער, גיט עטוואס ארויס דעם שמייכל וואס דער גאנצער פנים האלט אין זיך פארהילט.

— ס'איז גוט וואס איך האב דיך דערזען, פרעד, — זאגט ער און שרייבט דערווייל עפעס אף א פאפיר, ס'זאל אים צוגעבן נאך

מער ערנסט און ווירדע — ס׳זיינען דאָ פאַר דיר עטלאַכע בריוו. אנגעקומען נאָך דעם, ווי די בריוו־טרעגער זיינען שוין אוועק מיט זייערע פעק בריוו צו דיר.

און ער צעלאַכט זיך זייער געשמאַק, דער פּאָסט־מייסטער, פון דעם וויץ, וואָס ער האָט ערשט געזאָגט. מע זאָל אים פרעגן, איז דאָס דער בעסטער וויץ, וואָס איז אַמאָל פון עמיצן אַרויסגעזאָגט געוואָרן. כאַ־כאַ, ס׳זיינען אָנגעקומען פאַר פרעד׳ן אַ סך בריוו! אַ מענטש, וואָס מען ווייסט פון אים!

פרעד נעמט גוטמוטיק און איגנאָרירנדיק אָן דאָס אַפּלאַכן פון אים, פון אָט דעם פּאָסט־מיסטער, וואָס ער זעט אים קיינמאָל ניט אַ גאַנצן, נאָר דעם אויבערשטן טייל פון זיין קערפּער, פון אָרום בויך ביזן קאָפּ.

דער פּאָסט מייסטער איז נאָך ניט באַפרידיקט געננג. ער וויל נאָך אַביסל חוזק׳ן אויף פרעד׳ס חשבון, קוקט ער אויף דער מיידל, וואָס זיצט נעבן אַ פענצטערל מיט גראַטעס און ער איז דער באַלעבאָס איבער איר, און ער זאָגט צו פרעד׳ן:

— אַז דו ווילסט, קאָנסטו אַריבערטראָגן דיין געלט פון דער באַנק אַהער. מיר צאָלן ניט קיין גרויסן פּראָצענט, ס׳איז אָבער זי־כערער.

דער פּאָסט־מייסטער גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף דער מיידל, זיין אָנגעשטעלטע, זען ווי זי לאַכט פון זיין וויץ. נאָר זי, בלענטש, וואָס האָט אָנגעשטעלט וואַזאַנעס און בלומען־טעפּ אויף דעם גרויסן פענצטער פון פּאָסט אָפיס און גיט זיך מיט זיי אָפּ יעדן טאָג, קוקט גאָר אויף פרעד׳ן און מיט אַזאַ וואַרעם איבערגעגעבענעם בליק, וואָס זאָגט גאַנץ קלאָר:

— הער זיך ניט צו, וואָס אַ שוטה דרייט דיר אַ מח.

ווערט ער, דער פּאָסט־מייסטער, שטאַרק מבולבל. סע פאַרדריסט אים שוין די גאַנצע זאַך, וואָס ער האָט זיך אַזוי אַרונטערגעלאָזט און געשפּאַסט מיט פרעד׳ן, ווי יענער וואָלט געווען זיין גלייכן. ער פאַרקוקט זיך אין דעם פּאַפּיר און מיט אַ בייזלאַכקייט אין אַ ווינקל פון דער רעכטער זייט אויג, צו דער מיידל, זאָגט ער צו פרעד׳ן:

— וועלל, מיר האָבן קיין צייט ניט איצט. קום אַריין אַן אַנ־דערש מאָל.

בלענטש ווייסט, אַז זי דאַרף איצט גאַרניט זאָגן צו פרעד'ן. איר באַלעבאָס איז שוין אַזוי אויך אַף איר ברוגז. ער טראַכט שוין איצט וואָס ער זאָל איר זאָגן, ווי אַזוי ער זאָל איר אויסריידן. עס אַרט איר אָבער ניט וואָס שפּעטער וועט זיין. זי וויל דעם פּאָסט־מייסטער וואָס שטאַרקער ווי טאָן פאַר באַליידיקן פרעד'ן און זי זאָגט אים מיט טיפער צאַרטקייט:

— גוד באַי, פרעד!

דער ניט אָנגענעמער געפיל, וואָס ער האָט געהאַט ווען דער פּאָסטמייסטער האָט פון אים אָפּגעלאַכט, איז שוין אינגאַנצן אַוועק. ס'זיינען געבליבן די ליכטיקע בליקן פון בלענטש'ס בלויע אויגן. אירע ווערטער האָבן אים געמאַכט צו פילן אַזוי גוט, אַז ווען ער גייט אַרויס אין דרויסן, גיט ער אַ קנאַק מיט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט, הפקר'דיק צופרידן און די האַנט גיט זיך אַ בויג און אַ הויב־אויף. ס'איז גוט!

## VIII

אינמיטן ווילעדזש, אַף איין זייט צווישן די רעלסן פון דער באַן און דער עלעקטרישער קאַר, איז דאָ אַ שמאָלער פּאַרק. צו אַ בוים איז צוגעקלאַפּט אַ הילצערנע טאַבליצע מיט אַן אויפשריפט:
„דער פּאַרק איז געמאַכט געוואָרן פאַר די בירגער פון איאָלאַ".

שטייען עטלאַכע בייגק אין ביידע זייטן. אַ צעמענטענער וואַ־סער־פאָנטאַן, צום טרינקען. עטלאַכע ביימער און אַביסל גראָז אַרום זיי.

אַמאָל, אַז צייטן זיינען געווען בעסערע, איז דאָ בייטאָג קיינער ניט געווען, אַ חוץ וואָס אַלטע לייט פלעגן זיך אַהער צונויפקומען, קוקן אַפן דאָרף, וואָס מ'קאָן עס פון דאַנען זען אינגאַנצן. מ'האָט גערוי־כערט פּיפּקעס, געסלינעט קיי־טאַבאַק, גערעדט וועגן די בלאַסע פּאַסי־רונגען פון דאָרף און פון די מעשים תעתועים, וואָס קומען פאָר אין דער גרויסער שטאָט, וואוהין און פון וואַנען עס יאָגן זיך די באַנען.

מר. קוק, אַ פיר און אַכציק יאָריקער, וואָס זיין געל פּנים איז געווען צעטראַסקעט ווי ערד אין אַ גרויסער טריקעניש, און ער האָט געקייט נאָר דיניקע איינגענעצטע פּעניצלאַך און זיך אָפּט געוואָרגן

מיט זיי, האָט דאָ אַלעמאָל דערציילט פון זיין ווייב, די פאַרשאָלטענע, וואָס איז אינגער פון אים און וואַרט אַף זיין טויט, צו קאָנען אים ירש'ענען.

נאָר זי וועט אים שוין ירש'ענען! — האָבן די יאָסלעס פון זיין מויל־גרוב גע'חוזק'ט — ער האָט באַוואָרנט, אַז די הויז זאָל זי ניט קאָנען פאַרקויפן ביז צען יאָר נאָך זיין טויט. צען יאָר נאָך זיין טויט. און וואָס ער האָט אַ חוץ דער הויז, לאָזט ער איבער פאַר די קינדער.

קאָן ער שוין רואיק שטאַרבן? דאַרף ער שוין מורא האָבן וואָס זי וועט אים איבערלעבן?

די אַנדערע אַלטיטשקע, וואָס זיינען געווען אַ פּאָר יאָר יונגער פון אים, האָבן אים אַלעמאָל אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם און געלאַכט יעדער איינער מיט אַן אַנדער געלעכטערל און יעדער גע־לעכטערל — אַ לעצטער טרויעריקער בלאַז פון אַ טרובקע אין אַ פאַרשפּילטער מלחמה.

די וואָס זיצן איצט דאָ אַף די ביינק און אַפן גראָז, זיינען יונגע און מיטליאַריקע מענטשן, וואָס ס'האָט זיך זיי אויסגעלאָזט אַרבעט און אין זייערע היימען איז זיי שווער צו זיין אַ גאַנצן טאָג.

זיצט מען דאָ מיט אַ שטיקל האָפנונג: אפשר וועט עמיצער קומען אַהער פאַר אַ גערטנער, אָדער פון דער באַן קאָמפּאַניע, אָדער פון דעם רייכן עלדאָראַדאָ האָטעל, צו דינגען אַ פּאָר מענטשן אַף אַ פּאָר טעג אַרבעט.

מע זיצט און מ'שטייט אַרומגעשטעלט אין עטלאַכע גרופּעס. איינער וואַרט אַף אַ צווייטנס וואָרט און מ'קוקט אַרום זיך אַז אַ ציל.

זעט מען:

אַפן טראָטואַר, רעכטס, גייט אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן און פירט ביים הענטל איר אַ יונגערן ברודערל. די מאַמע האָט גע־הייסן זי זאָל אַף אים גוט אַכטונג געבן, האַלט זי אים ביים הענטל. דאָ, ווייסט זי, פאָרן די באַנען און מע קאָן זיי נאָך ביידע איבערפאָרן. האָט זי זיך פריער גוט אַרומגעקוקט אַף ביידע זייטן, געלאָזט פאַר זיך גיין אַ גרויסן מענטשן, און פונדעסטוועגן גייט זי נאָך אַלץ מיט שרעק, מיט אַ צאַפּלדיק הערצל, וויל וואָס גיכער איבערגיין דאָס

פלאץ. פלוצים גיט זיך איר ברודערל'ס הענטל א גליטש אויס פון אירע און ער גיט א לויף אף צוריק. ער האט דערזען א ברעטעלע ליגן צווישן זאמד און שטיינדלאך. אזא שיין ברעטעלע . . . בויגט ער זיך אן, נעמט דאס ברעטעלע, גיט א טרייסל אפ דערפון דעם שטויב, און גיט ווידער איבער זיין הענטל צו דער שוועסטער. זאל זי שרייען אף אים, אבי ער האט שוין דאס ברעטעלע ביי זיך . . .

העגרי, דער נעגער, וואס ארבעט בא דער פראכט אין דער סטאנציע פון דער רויך באן, צעטיילנדיק זיינע צען שעה ארבעט דא און אין דעם נאענטן שטעטל, קומט צו צום וואסער פאנטאן. פון אן אונטערשטע קעשענע פון די „אוועראלס" שטעקט ארויס א שמאטע, וואס ער האלט אין איין רייניקן דערמיט די פענצטער און ביינק. ער בויגט זיך איין און לאזט זיך אן מיט זיין גאנצן שווארצן קאפ אף דעם קראנט פון וואנען דאס וואסער שפריצט ארויף. ער שטייט לאנג אנגעבויגן. פריער שטילט ער זיין דארשט, נאכדעם טרינקט ער שוין גלאט פון הנאה וועגן. קאלטע, פרישע וואסער — אזא וואסער האט אמאל די מוטער רבקה פון א ברו־נעם געשעפט.

העגרי'ן קאנען דא אלע. ער איז א מענטש, וואס זינגט. בא דער ארבעט, אדער ווען ער רוט אביסל, אלעמאל זינגט ער און וויצלט זיך און לאכט.

די מענטשן, וואס זיצן אין קליינעם פארק און זיינען אזוי מקנא יעדן, וואס האט אן ארבעט, פארגינען העגרי'ן זיין „דזשאב". כאטש יעדער, טיף ביי זיך אין הארצן, פילט אן אומ־צופרידנקייט פון דער זיכערקייט פון זיינע „אוועראלס" און פון דער שמאטע וואס שטעקט פון דער קעשענע ארויס. מ'פארגינט אים זיין ארבעט, נאר עס קומט זיי פונדעסטוועגן איצט אויס מאדנע, וואס א נעגער טרינקט וואסער פון דעם פאנטאן, וואס זיי טרינקען, און יעדער פון זיי האפט, אז דער ערשטער נאך אים, וועט עמיצער אנדערש, ניט ער, טרינקען פון דער וואסער.

ניטא גארניט וואס צו טאן. אפילו פאר זיך אליין.

— לאמיר שפילן א קערטל! — זאגט איינער מיט א טאן ווי אף אים איז דאס איצט אויסגעפאלן צו פארגעבן דעם פלאן.

ס'ווערן אויסגעליידיקט קליינע מטבעות פון די קעשעניעס, אלע

זעצן זיך ארום אין א עגול. מ'פארגעסט אינגאנצן אז מ'איז אין דרויסן, אף דער זון, אפן און פריי פאר אלעמען, און די שפיל הויבט זיך אן.

פרעד קומט צו.

אף מיטשפילן האט ער קיין געלט ניט. און ער האט זיך שוין אזוי צוגעוואוינט, זיך אוועקשטעלן נעבן איינעם פון די שפילער, פאראינטערעסירן זיך אין זיינע קארטן, און האבן הנאה און באגייסטערונג און פארדראס, ווי ער וואלט אליין געשפילט.

די שפילער באמערקן אים און נעמען אים אויף ווי ער וואלט אויך געשפילט און זיך געלאזט פארלירן געלט. דער, נעבן וועמען ער האט זיך אוועקגעשטעלט, רוקט זיך אפ אביסל, מאכט פלאץ פאר אים, טאמער וויל ער זיך זעצן. פרעד טוט אים האלב צוליב, בויגט זיך אן אף די קניען, ס'זאל הייסן אז ער איז באטייליקט אין דער שפיל און איז דאך א זייטיקער.

אין דעם קארטן שפיל דא אין פארק, זעט פרעד א מין רייצן זיך מיט אלעמען, מיט די, וואס ס'איז זיי גוט: איר זעט? מיר האבן ניט וואס צו טאן. מיר קאנען זיך ניט פארגינען עסן צו דער זאט און יעדער פון אונז האט זיך זיין חלק שלעכטס, — זיצן מיר זיך אין פארק, וואו איר און אלע פארבייפארער קאנען אונז זען און מיר שפילן אין קארטן — טאשעווען און שטעלן אין קאן און געווינען און פארלירן. מיר זיינען אייער בזיון און אייער מורא. מיר לאכן פון אייך און האבן אייך אלעמען פיינט!

---

א מאשין איז צוגעפארן און א פייף פון א הארן האט זיך דערהערט.

די שפילער האבן זיך אומגעקוקט. דערזען פאול'ן פון דעם עלדאראדא האטעל, וואס איז געקומען עמיצן דינגען אף ארבעט, און די שפיל האט אויפגעהערט.

פאול נילסאן, א בחור פון א יאר איינאונצוואנציק, א הויכער, מיט קליינע אויגן, האט זיך זיין ארבעט, אויסקלייבן צוויי מענטשן פאר א פאר טעג ארבעט אין האטעל, געטאן גאנץ געלאסן.

פרעד'ן, האט ער זיך געמאכט ווי ער זעט אים גאר אינגאנצן ניט. ס'איז ניט זיין שולד, וואס זיי זיינען אמאל געווען חברים אין

„סקול‟ עטלאַכע יאָר צייט. הנאה האָט ער אָבער געהאַט, וואָס ער האָט אים געטראָפן דאָ, צווישן די אַלע ליידיק־גייער, וואָס טויגן צו גאָרנישט. וואָלט מען איצט געקאָנט זאָגן, אַז זיי זיינען אַמאָל געווען סקול־חברים? דורך פרעד'ן האָט ער מער בולט'ער זיין גוטן שטאַנד געקאָנט דערזען.

ס'איז דאָך אַלץ איבערגעוואויגן אַף זיין זייט. פרעד איז אַ זון פון אַ פרוי, שוין ניט רעדן, וואָס זי איז אַ פּראָסטע, אָרעמע וועשערין, איז זי אַ פרוי וואָס איז גאָר געקומען פון פראַנקרייך. אַן אויסלענדערין. זיין מאַמע, פּאָול'ס, ציט איר יחוס־בוים נאָך פונם פערצנטן יאָרהונדערט.

— העלאָ, פרעד! — מוז ער אים שוין דערזען, ווען יענער שטעלט אַן אַף אים זיינע בליקן, פול מיט וואונדער, וואָס ער דערקאָנט זיך ניט צו אים — וואָס מאַכסטו? איך האָב דיך גאָרניט דערקאָנט!

— כ'האָב זיך טאַקע געוואונדערט — רעדט פון פרעד'ן אַרויס זייער אַמאָליקע חבר'שאַפט — און איך האָב זיך געקליבן גיין צו דיר אין האָטעל.

— צו מיר? — פרעגט פּאָול ווי ער וואָלט זיך גע'חדוש'ט און ער גרויסט זיך באַ זיך אַליין דערמיט, וואָס ער קאָן פון איין וואָרט פאַרשטיין אַ גאַנצן ענין. ניט אומזיסט האָט ער געלערנט אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע און אין אַ „ביזנעס קאָלעדזש‟. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ פירער, אַ מענטש וואָס קאָן אַרומנעמען אַ סיטואַציע, איינס און צוויי. נאָר זאָגן פרעד'ן, אַז ער ווייסט וואָס ער וויל, וועט ער ניט. זאָל פרעד רעדן און מענטשן זאָלן הערן ווי אַזוי מ'רעדט צו אים.

פרעד'ן איז ניט אַנגענעם צו רעדן פאַר אַלעמען אין די אויגן. דערצו ווילט זיך אים אַביסל אַרומפאָרן מיט זיין אַמאָליקן חבר. אַט ווי זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַמאָל קליינערהייט. ער האָט אַ געוויסע הנאה וואָס פּאָול איז איצט אין אַזאַ צושטאַנד.

זאָגט ער און קוקט אים זייער פריינטלאַך אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט מיט זיינע אויגן געוואָלט פּאָול'ס אויגן אַ וואַרעמען גלעט טאָן:

— מיר'ן זיך דורכפאָרן, וועל איך עס דיר זאָגן אַפּן וועג, פּאָול.

אַ רגע בלייבט פּאָול זיצן אַ שווייגנדיקער. פּרעד'ס רעדן צו אים איז אַזוי וואָרעם־אַטעמדיק, אַז עס רופט אַרויס בײַ אים דעם ליבן געפיל צו אים פון דער פריער יוגנט, נאָך איידער ער האָט גע־לערנט אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע און האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ פירער. אין פּרעד'ן, זעט ער, איז נאָך געבליבן אַזוי פיל פון זיין פּשוטער אינגלשקייט.

פּרעד וויל עפענען דאָס טירל פון דער מאַשין און ער קומט צו אַ טריט נאָענטער. דאָס פּאַרדריסט שוין פּאָול'ן. ס'ווערט אין אים מיטאַמאָל אויסגעטריקנט דאָס ביסל ווייכקייט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אין זיך געהאַט. „ער קריכט אין דער מאַשין, ווי ס'איז זיינע"
— בליצן אויף זיינע קליינע אויגן מיט רוגזה, און ער זאָגט צו פּרעד'ן:

— איך האָב קיין צייט ניט. און אין האָטעל בין איך אויך אַלעמאָל פאַרנומען. אויב דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן, זאָג עס איצט.

ווידער פּרעמדע. ווייטע. איינער הויך, דער אַנדערער נידע־ריק. פּרעד האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין. אָבער אין דעם מאָמענט איז עס אים פאַרגעקומען אַזוי ווי זיין צוקונפט, זיין גאַנצע ווייטער־דיקע עקזיסטענץ, הייגנט אָפּ פון אָט דער איצטיקער באַגעגעניש. אַ רויטקייט האָט אַרומגענומען זיין גאַנצן פּנים און מיט אַ טאָן פון חבר'שאַפט און פון רעספּעקט צו פּאָול'ן, האָט ער געזאָגט:

— פאַרשטייסט, די מאַמע וויל, איך זאָל ווערן אַ סאָלדאַט. איך גיי אַרום ליידיק און זי איז אָרעם. איך בין געזונט, האָב אַ סך כחות. נאָר איך האָב ניט דיין ענערגיע. עס איך דער מאַמעס אָרעמען ברויט. איך דאַרף, מ'זאָל מיר עמיצער געבן אַ שטויס. איך וועל שוין נאָכדעם אַליין קאָנען גיין. דו האָסט אַ גאַנצע דעה אין דעם האָטעל. דו קאָנסט דינגען מענטשן אָף אַ פּאָר טעג, און דו קאָנסט אָנשטעלן אַ מענטשן אָף ווי לאַנג דו ווילסט. איך האָב געהערט וועגן דיר. איצט הויבן זיך אָן קומען אַ סך געסט. אָט גיב מיר אַן אַרבעט. אַ וועל־כע אַרבעט דו ווילסט. וועל איך עסן מיין אייגן פאַרהאָרעוועטן ברויט. דער האָטעל און דו וועלן זיין פון מיר צופרידן. וואָס וועט זיין פון מיר, אַז איך וועל זיך אַזוי אַרומדרייען? פאַרשטייסט, איך נויטיק זיך זייער אין דיין טובה.

פּאָול האָט געקוקט אַף די אַרומיקע, געזען אין זייערע אויגן, אַז זיי ריכטן זיך ניט אַנדערש, נאָר אַז ער וועט זיך צוהערן צו פּרעד׳ס בקשה. און דאָס האָט אים פּאַרדראָסן. וואָס מיינען זיי, מען נעמט גלאַט און מען שטעלט אַז אַן אַרבעטער? זיי זיינען אומוויסנדע מענטשן. זיי ווייסן גאָרניט. און אַט וועלן זיי טאַקע גוט ווערן איבערראַשט.

— איך האָב מורא, אַז איך קאָן גאָרניט טאָן פאַר דיר — האָט ער מיט אַ זייער ערנסטן פּנים געזאָגט צו פּרעד׳ן, און ער איז געווען צופרידן מיט זיינע ווערטער, וואָס זיינען די ווערטער פון אַ מענטשן אין זיין שטאַנד, אַ איידל, אַ שאַרף — דו ווייסט דאָך, דו האָסט ניט קיין צו גוטן נאָמען דאָ. דיר פעלט ענערגיע, האָסטו אַליין צוגעגעבן, און עס פעלט דיר אויך דיסציפּלין. אַמאָל האָסטו דאָך שוין געאַרבעט אין האָטעל, ביזטו אַליין אַוועקגעגאַנגען, ווייל דער מענעדזשער — דער הויפּט מענעדזשער! — האָט דיר פאַר עפּעס אויסגערעדט. ס׳איז גוט וואָס איך בין ניט געווען דער, וואָס האָט דיר דעמאָלט אָנגעשטעלט. איך האָב זיך שוין אַזוי אויך גע־שעמט . . . מ׳האָט געוואוסט אַז איך קאָן דיר. איך זאָג עס דיר אין די אויגן: מען קאָן דאַרפן נאָך אַ מענטשן באַ אונז און איך קאָן אָנשטעלן וועמען איך וויל. דיר אָבער וועל איך ניט נעמען.

ס׳איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס פּרעד האָט דערפילט דעם טעם פון געפּייניקט ווערן. אין אָרעמקייט איז ער אויפגעוואַקסן געוואָרן. באַליידיקונגען האָט ער שוין צוליב דער אָרעמקייט אויך אַ סך איבערגעטראָגן. אָבער די ווערטער פּאָול׳ס זיינען געווען ניט נאָר אַ באַליידיקונג. דער ווייטיק פון אויסהערן זיי איז געווען צו אַ שאַרפער. ס׳איז געווען אַן אָפּזאָג מיט גיפטיקע רייד, וואָס זאָל פאַרשאַפן יסורים.

„צו וואָס האָב איך עס אינגאַנצן באַדאַרפט?״ — האָט אים אַ שטאַרקע חרטה געצופּט אין האַרצן. אָבער ס׳איז אים אויסגעקו־מען אַז ס׳גאַנצע לעבן זיינס, די יאָרן, וואָס ער וועט ערשט דאַרפן לעבן, האָבן זיך ניט זעענדיקע, אָבער מאַנענדיקע און בייזע, אַוועק־געשטעלט זיך אַנטקעגן אים און פאַרלאַנגען פון אים אַן ענטפער: וואָס וועט זיין דער תכלית? וואָס וועט זיין דער זין פון זיין לעבן?

דער ווייטיק האָט זיך ניט אויסגעדריקט אין אַ ברוגז אַף פּאָול'ן. מיט אַלע חושים האָט ער געפילט, אַז ער מוז איצט אויס־הערן אַלץ, וואָס פּאָול וועט אים זאָגן. ס'איז ניט פּאָול אַליין רעדט דאָס צו אים אַזוי. דאָס ריידן עס די אַלע, וואָס ער וועט דאַרפן צו זיי אָנקומען. הונדערטער מענטשן פּייניקן אים.

אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, וואָס ער האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט די גאַנצע צייט וואָס פּאָול האָט גערעדט, האָט ער געזען ווי די אַלע אַרומיקע, זיינע חברים אין נויט, שמייכלען, שטימען איין, הייסט עס, אַז ער איז ניט דער מענטש וואָס מ'דאַרף אים העלפן, אים געבן אַרבעט, און יעדער פון זיי שמייכלט זיך צו צו פּאָול'ן. ער האָט אַרבעט. ער האָט ברויט פאַר אים!

וואָס דען? זיי זיינען גערעכט און זיין אַלטער חבר, פּאָול, איז אודאי גערעכט. ער האָט טאַקע ביז איצט געלעבט אין אַ גרויסן אומ־פאַרגעבליכן טעות. פריי האָט ער געוואָלט זיין. לעבן אַז אַן אויס־רעכענונג. און וואָס האָט ער געמיינט, בעטן אַרבעט? ס'איז עפּעס אַ סיגאַרעט, וואָס מ'בעט בא יענעם? דאָס איז דאָך אַ געלעגנהייט אַף צו ווערן אַ מענטש, צו באַווארענען זיך, צו האָבן אַן אָנהאַלט אין לעבן! גלאַט אַזוי גיט מען אַרבעט?

אָט די געדאַנקען זיינען אים נאָר וואָס אַרויפגעקומען, זיינען טאַקע געווען פרעמדע, ערשט אָנגעקומענע. אָבער ער האָט זיי אָנגענומען פאַר זייער ריכטיקע. איצט, האָט ער געטראַכט, וועט ער זיך באַנוגענען וואָס פּאָול וועט אים אויסקלויבן אַלס איינעם פון די צוויי אָדער דריי, וואָס ער דאַרף זיי האָבן אַף אַ פּאָר טעג. ער וועט אים טאַקע דאַנקען דערפאַר אויך. מיטן גאַנצן האַרצן דאַנ־קען אים!

פּאָול האָט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן צו צוויי פון דער גרופּע, זיי זאָלן זיך אַרינזעצן אין זיין מאַשין.

— מיר ווילסטו ניט? — האָט פרעד געפרעגט. די נייע, פרעמדע געדאַנקען זיינען מיטאַמאָל ניט געוואָרן. אַ בייזקייט האָט אים באַהערשט. אָט דער בזיון וואָס ער ליידט איצט, און וואָס האָט אַרויסגערופן אין אים אַ כעס און אַ ווילן צו אָפּרעכענען זיך, צו קעמפן, האָט אים וואָס אַ רגע ווייטער געבראַכט מער צו זיך, צו זיינע אייגענע געדאַנקען. ער האָט דערפילט, ווי איינער וואָס

איז געצוואונגען צו אָטעמען מיט געפּרעסטע לופט, הויבט אָן דערפילן די נאַטירלאַכע לופט.

— דיר דאַרף איך ניט האָבן — האָט ער דערהערט פּאָול׳ס שאַרפע ווערטער, ווערטער פון אַ שונא — דו קאָנסט עסן דיין מאַמעס ברויט.

מיט אים איז ער שוין פאַרטיק געוואָרן. קיין איין וואָרט וועט ער שוין מיט אים ניט ריידן. קיינמאָל ניט. נאָר פאַר די אַנדערע אויסגעבליבענע, האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— איך דאַרף איצט מער ניט האָבן ווי צוויי מענטשן. אַז איך וועל דאַרפן נאָך, וועל איך אייך אודאי נעמען.

אַ סאָלדאַט איז דורכגעגאַנגען. איינער אַליין דאָ באַטאָג, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרבלאָנדזיעטער, כאָטש ער איז געגאַנגען מיט שווערע טריט. געגאַנגען און אַרומגעקוקט זיך. שנאַפּס האָט ער שוין דאָ אין אַ הויז געטרונקען, נאָר איצט דאַרף ער האָבן ס׳וויכטיקסטע, ס׳נויטיקסטע. און ער איז געגאַנגען און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אומעטום זיינען דאָ דאָ באַהעלטענישן, און אין אַלע באַהעלטענישן זיינען דאָ מיידלאַך, און די מיידלאַך גייען אין ווייסע קליידלאַך. הענט און פיס הוילע, צוציענדיקע, רייצן זיך מיט אים, ווייזן זיך און אַנטלויפן צוריק אין זייערע באַהעלטענישן.

פּאָול איז שוין געווען גרייט אַוועקפאָרן, נאָר ער האָט געוואָלט אַ טרונק טאָן. און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונם אויטאָמאָביל און איז געגאַנגען די עטלאַכע טריט צום וואַסער־פאָנטאַן, האָט ער געפילט אַז אַ חוץ דעם, וואָס ער וועט געבן אַ טרונק פאַר זיין אייגענער הנאה, וועט ער דערמיט אויך צוטיילן אַ געוויסן כבוד אָט די מענטשן, וואָס זיינען דאָ. ער טרינקט פון דער זעלביקער וואַסער וואָס זיי טרינקען.

איז פּרעד׳ן האָט געזאָטן זיין בלוט; ער האָט געפילט דאָס אַנגעזאַמלטע אַרומשטראָמנדיק בלוט זיינס, ווי ער וואָלט געפילט דעם ווייטיק פון אַ טיפן שניט אַף זיין לייב. עס האָט זיך געהויבן און באַוועגט ווי אַ כוואַליע. אָט ווערט ער דערטרונקען אין זיין אייגענעם בלוט.

עס איז געווען האַס אין זיין בלוט, אין זיינע אברים און אַ

גליענדיקער פארלאנג צו קאמף, צו נעמען נקמה. באלד אפן ארט. די שטארקסטע נקמה.

נאר זיין הארץ, דאס הארץ פון פרעד'ן, אין דעם מאמענט פון אנטשיידונג, איז געווען פול מיט פיין, פיין וואס א מענטש האט ווען ער דערפילט זיין שוואכקייט ביז צום אויפנעלייזט ווערן פון זיך אליין, ווען ער דערפילט אז גארניט, קיין ממשות'דיקס איז ניטא אין אים — עס גייט אויס פון אים דער לעצטער אטעם זיינער.

מיט אויגן פארלאפענע, פארנעבלטע האט ער געקוקט אף פאול'ן, און פלוצים, ווי אנכאפנדיק זיך אין א לעצטע רעטונג, ווי דער אינס־טינקט וואלט אים געזאגט, אז דאס איז די איינציקע זאך, וואס איז אים געבליבן איצט צו טאן, האט ער גענומען אים נאכגיין, נאכ'־שאטען'ען.

פאול האט זיך אף א ווייל אפגעשטעלט. וואס וויל ער? אפשר זיך שלאגן מיט אים?

ניין, ניט זיך שלאגן. ער האט געזען ווי פרעד גייט אויך צום וואסער־פאנטאן. ער איז גיך צוגעגאנגען צום קראנט מיט וואס מען דרייט אויף די וואסער און ערווארט אף אים.

ווארט מיט חיה'שער איינגעשפארטקייט.

ער וויל אים, הייסט עס, באדינען.

א דינער שמייכל האט זיך ארויפגעצויגן אף פאול'ס ליפן. זע נאר, זעט נאר, אינמיסטן, ווי ער האט געמאכט פרעד'ן קנעכטיש, אונטערטעניק. אט ווי ער וואלט געווען זיין פערזענלאכער באדינער. זיין משרת.

האט ער מיט דער ווירדע פון א האר א גרויסן, און ווי א דזשענטלמאן, אן איידל־דערצויגענער, וואס בויגט זיך פאר א ליידי, אנגעבויגן דעם קאפ זיינעם צום פאנטאן, עטוואס געעפנט ס'מויל. געווארט, פרעד זאל אויפדרייען די וואסער. זאל דער קנעכט דעם האר באדינען!

און פרעד האט אויפגעדרייט די וואסער. מיט דער גאנצער קראפט אין זיין רעכטער האנט האט ער מיטאמאל א שטארקן דריי געטאן דעם קראנט, א דריי ביזן סוף. א שטראם וואסער האט ווי פון א קוואל ארויס א שפאר, א זעץ געטאן, מיט א וואקסנדיקער קראפט. ארויף, ארויף!

דער שטאַרקער וואַסער־שטראָם האָט דעם האַר'ס פּנים, האָט פּאָול'ן אינגאַנצן באַגאָסן, באַשפּריצט. אַפילו אין די אויגן איז דאָס וואַסער אַריין. ער איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער, אַ פּאַרלוי־רענער. באַ'עולה'ט.

האָט פּרעד אַף אים אַ קוק געטאָן . . . דערזען אים אין זיין געפאַלנקייט און אַ גרויס געלעכטער האָט אים באַנומען. אַ געלעכ־טער, אַ פּרייער, אַ האַרציקער, פון אַ מענטשן אַ יונגן, וואָס איז געזונט און איז פריי.

ס'איז אַוועק פון אים דער כּעס. ס'איז שטיל געוואָרן דאָס בלוט וואָס האָט געזאָטן צו קאַמף, צו נקמה, און ער האָט דערפילט, אַז אַלע פיניקונגען און אַלע באַליידיקונגען, וואָס ער האָט ערשט איבערגעלעבט, זיינען צוגענומען געוואָרן מיט דעם גרויסן גאָס וואַסער, מיט דער האַרציקייט פון זיין געלעכטער.

ער האָט צוריק דערפילט אין זיך דעם פרייען מענטשן.

## IX

מיד פון דער גרויסער שטאָט, פון איר צו פיל־פאַרביק און נמאס געוואָרענעם רוישיקן לעבן, איז ווערא געלעגן אַפן באַרג, ביים לייק. מיט אַ האַנט האָט זי זיך פאַרשטעלט די אויגן פון דער זון און אויף אַ ווײַלע צענומען די פינגער אַזוי, אַז זי זאָל קאָנען אַ קוק טאָן אַף דער בלענדקייט, נאָר די זון זאָל ניט צו שטאַרק פאַרזשמורען אירע אויגן.

דער טאָג איז געווען אַ מיט־זומערדיקער, אַ לויטערער. שאָטנס פון בוימער און צווייגן האָבן אין ליכט געציטערט, זיך באַוועגט. די וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען דאָס לייב און צווייגן מיט בלעטער האָבן זיך געוויגט מיט אַ שאָרכן. אַ זיידענער פאָס פּאָוועטינע האָט אַף דער זון געגלאַנצט.

דער לייק האָט זיך געריינצלט אַנטקעגן הימל, מיט בלויע און טונקל־ברוינע קאָלירן. פון וווייטן האָט זיך געזען ווי אַ גרויסער פעלד מיט גרין גראָז וואָלט פונם וואַסער פאַרפלייצט געוואָרן. וויאָ־לעט שטראַלן האָבן פאָסן וואַסערן באַליכטיקט. דער לייק האָט אַ רחבות'דיקן גרוס פון דער ווייטער, גרויסער וועלט געבראַכט.

אַ זשוואַווע, נאָך אַביסל ווינציקער פֿון מיטלוואוקס, זעט ווערא אויס ווי זי איז אויסגעוואַקסן נאָר אַף אַזוי פֿיל, וויפֿיל זי דאַרף נויטיק האָבן. ס׳פֿנים אַ ברוינלאַך־טונקעלס, מיט אַ פּאָר זומער־שפּרינקלאַך אַף זיך, וואָס סע אַרט איר ניט, אַז זיי זיינען דאָ. די אויגן באַטראַכטנדיקע, מיט אַ שוואַרצן גלאַנץ, וואָס זען אַ סך און זוכן נאָך. אַ קורצע נעזל, אַ ברייטלאַכס, האָט זי, וואָס די נאָז־לעכער שמעקן לופֿט און איינדרוקן און זיינען קיינמאָל ניט אָנגעזעטיקט. אירע ציטערדיק־באַוועגלאַכע, געזונטע ליפּן, און די קיילעכיק־מאַטע באַקן, געבן צו צו איר אויסערלאַכער פֿרוילאַכקייט.

ווערא האָט געהאַלטן אַ רעוואָלוציאָנערן אייגנלישן זשורנאַל, אויפֿגעמישט באַ אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי טויזנטער כינעזער שטאַרבן אויס פֿון הונגער אין זייער לאַנד; ווי אַזוי גאַנצע מחנות כינעזישע רעוואָלוציאָנערן ווערן געפּייניקט און אומגעבראַכט מיט אַלערליי מיתה־משונה׳ס, פֿון זייערע אייגענע ברידער־כינעזער, אויף דעם באַפֿעל פֿון רעגירונגען פֿון אַנדערע גרויסע לענדער, וואָס האָבן גרויסע געלט־אינטערעסן אין יענעם לאַנד, און די רעוואָלוציאָנערן זיינען אַ שטערונג צו זיי.

נאָך אין שטאָט האָט זי באַמערקט די קאָרעספּאָנדענץ און זי האָט איינזינען געהאַט דאָס איבערלייענען באַלד ווי זי וועט האָבן צייט. אַזוי פֿיל אינפֿאָרמאַציע פֿון יענעם לאַנד!

דאָ האָט זי שוין עטלאַכע מאָל גענומען לייענען די קאָרעספּאָנ־דענץ און צוריק אַוועקגעלייגט דעם זשורנאַל אַפֿן גראָז.

זי האָט געפֿילט אַן אָנגענעמע לאַנגווייליקייט. אַזוי ווי די גאַנצע שטורמדיקע פּאָר יאָר וואָס זי האָט דורכגעלעבט, האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון איר און זי איז איצט רואיק, אָט ווי עס איז געמיטלאַך־רואיק דאָס אויסגעפּוצט רויטע ווערעמל, וואָס האָט פּאַמעלאַך גע־פּויזעט נעבן איר.

זי איז געקומען אַהער זיך אָפּרוען. אָפּרוען זיך פֿון דעם קאַמף, וואָס זי האָט אָנגעפֿירט מיט צוויי מענטשן.

איינער — איר גלייכן. אין אירע יאָרן, מיט אַזוי פֿיל וויסן אין לעבן ווי זי, און מיט דעמזעלביקן שטאָלץ, וואָס זי האָט. און ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל אים דינען, בויגן איר ווילן פֿאַר זיינעם, אויפֿנעמען זיינע ווערטער מיט צושטימונג.

— פאַרוואָס אַזוי?

ווייל יונג איז ער און ווייסט זיין קראַפט און גרויס איז זיין פאַרלאַנג פאַר דערגרייכונגען. צי פילט ער דען ניט ווען זי רעדט צו אים, ווען זי טענה'ט זיך מיט אים אויס, אַז זי איז גרייט צו פאָלגן אים, גרייט צו אונטערגעבן זיך, נאָר איר שטאָלץ, דאָס באַוואוסטזיין אירס פאַר איר אייגענעם ווילן, דערלאָזט עס ניט?

— און דער אַנדערער — אַלע מאָל דער אַ נ ד ע ר ע ר — וואָס איז ווי אַ שאָטן איר נאָכגעגאַנגען, סיי אַף דער גאַס און סיי אין די געדאַנקען. ער, וואָס האָט זיין איינפלוס אויסגעאיבט אַף איר ווען זי איז נאָך גאָר יונג געווען. ער, דער אַנדערער, וואָס זיין לעבן האָט זיך אַזוי געכוואַליעט, אַז ער איז געוואָרן עגאָאיסטיש און ציניש־קאַלט, און צו איר אַזוי צאַרט, אַזוי ליב, אַזוי סענטימענ־טאַל.

— אָך, ווי געפייניקט ער האָט איר!

מיט זיין בעטנדיקן בליק, מיט זיין שווייגן, מיט דעם, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז ער איז דאָ, אַז פאַר קיין זאַך איז פאַר דעם מענטשן ניט געבליבן, נאָר זי, און איר וועט ער קיינמאָל ניט אָפּ־לאָזן.

אַ שווערער קאַמף געווען פאַר ווערא'ן, וואָס נעמט אונטער אוואַנטיורעס, נאָר אַף צו האָבן פון זיי די נויטיקע הנאה. זאָל זיין געפאַר, זאָל עס איר אָנקומען מיט דער שטאַרקסטער אָנשטרענגונג און אַפילו מיט ווייטיק, אָבער זי דאַרף אַרויסקריגן דערפון פאַר זיך דעם תמצית, ווי די זאַפט פון אַ פרוכט.

„וואָס ווילן זיי האָבן פון מיין לעבן?‟ — האָט זי זיך אַפּט אַליין באַדויערט, ווען זי האָט מיט אַ פאַרדראָס געטראַכט וועגן זיי.

און די צוויי זיינען ניט די איינציקע געווען. ווערא'ס בליק, אַ גליענד־פריילאַכער, גיט אַ צי, אַ ציק. האָט ליב זיך פאַרטשעפען אין מענער אויגן. אָן אַ צוועק. נאָר אַזוי זיך: ס'איז גוט אַ שטיף צו טאָן, מ'איז דאָך יונג.

נאָר מענער־אויגן, אַז זיי ווערן צוגעצויגן, שטעלט זיך אָן דער בליק זייערער. האָבן זיי זיך און איר קיין רו ניט געגעבן.

רו האָט ווערא געמוזט האָבן. אויך פון איר אַרבעט אַלס ביב־ליאָטעקערן, אין דעם אַפּטייל פון קינדער ביכער. שטענדיקער טומל,

איבערפלוס פון צערטליכקייטן און גריזעניש, וואָס די שטאָט איז אַ פאַרשוואַלדיקטע, קאָן ניט צאָלן די אָנגעשטעלטע זייערע שכירות אין צייט, כאָטש די „שטאָט־באַלעבאַטים" וואָס טוען גאָרנישט, לעבן אַף דער שטאָט'ס רעכענונג אין גרעסטן וואוילטאָג און אַף זיי גייט אַוועק מיליאָנען.

וואָס? סע אַרט ניט אַ מענטשן אַזאַ זאַך?

אַ פויגעלע אַף אַ בוים רופט מיט אַ דין אומעטיק קול'כל, אַ בעטנדיק, מאַנענדיקס, ווי אַ פייפעלע פון אַ פאַסטוך און אַ צווייטע פויגעלע ענטפערט דעם מיט אַ צוויסטשעריי אַ צופרידענעם און מיט אַ פולן פיסקל. ס'הייסט: ווילסט צוקומען צו מיר? קום צו . . .

ווערא האָט דערפילט, אַז אירע אויערן זיינען אויסגערייניקט געוואָרן פון טומלדיקן גערויש, וואָס האָט זיך שווער געלייגט איבערן גאַנצן מאַרך אירן און אירע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט אַ ריינער לויטערקייט פון טיפע בלויען. זי האָט זיך שוין עטלאָכע מאָל געהאַט געוועזן אויפגעהויבן מיט אַן אימפעט — וואָס ליגט זי אַזוי לאַנג? — און האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט און אויסגעצויגן און אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג פון אַ געלעכטערל: „הי!" וואָס זי פאַרגעסט זיך, אַז זי איז דאָ און האָט אַזויפיל צייט און דאָס דאַרף זי טאַקע טאָן — ליגן און פוילן זיך און גאָרניט, גאָרנישט טאָן.

נאָר אַ בילדל פון דער גרויסער שטאָט, פון וואַנען זי קומט, איז געבליבן הייגנען אין מח אַזוי ווי אַ פאַרלאָזטס, וואָס פילט זיך דאָ פרעמד.

צי זי האָט דאָס בילד טאַקע געזען אינגאַנצן, אָדער זי האָט געזען נאָר עטוואָס און האָט דאָס איבעריקע אַליין דערטראַכט; צי דאָס בילד האָט זי געזען ערשט איידער זי איז געקומען אַהער, אָדער סאיז שוין אַ לאַנג געזעענס און אַ פאַרגעסנס אפילו און איצט האָט זיך עס צוריק באַוויזן, — קיין חלוק ניט. ס'האָט זיך אַרומגעדרייט אין מח. ס'איז געווען:

אין אַ סטריט קאַר. אַף אַ באַנק זיינען געזעסן אַ יונגערמאַן און אַ יונגע פרוי און דער מאַן האָט געהאַלטן אַ קינד אַף די הענט.

אַן אַרבעטער פאַמיליע געוועזן. אין דעם מאַן'ס איינגעסטו־לעוועטקייט, אין זיינע אַפגעלאָזענע לאַנגע הענט, האָט מען געקאָנט זען: די הענט האָבן אַלעמאָל מיט שטאָל און אייזנס זיך פאַרנומען:

זיינע אקסלען, האבן פאר'עקשנ'ט־געבויגן, שווערע משאות געטראגן. און אפשר האט ער קאנאלן געגראבן, אדער אף פראכט קארס גע־ארבעט.

אין צייטן בעסערע, ווען ער איז אלעמאל איינגעשפאנט אין זיין עול געווען, האט ער יעדן שבת געציילטע דאלארס, זיינע שכירות, צו זיין ווייב אהיים געבראכט און יעדן שבת האט זי לאנג גע'חשבונט, געפלאנעוועט ווי אזוי די הוצאה צו דערהאלטן. און אלעמאל אויפ־געגעבן דאס חשבונען אינמיטן, ווי א שווערע אויפגאבע וואס זי קאן עס ניט מאכן.

און פון דער אלטער איינגער הויז און פון דער ארעמער גאס האט א גרויע טונקלקייט געטרייסט: ס'איז דא אומעטום אזוי. אומעטום אזוי. און געשראקן: ס'וועט נאך ערגער זיין. ערגער זיין.

די פרוי — ווי די ארעמקייט וואלט געקומען אף איר אומגע־ריכט. געקומען ווי א שטורם, ווען זי האט פון גוטס געטראכט, האט אירע ברוסטן איינגעפרעסט, קוים איבערגעלאזט א זכר, די נאז אויס־געשארפט, אויסגעצויגן, די אויגן פאררוקט אין זייערע לעכער, גע־לאזט אין זיי א פיבערדיקן שרעק. די הענט — דינע, שוואכע, פאר־שפיצט בא די עלנבויגנס.

דער מאן — א חוץ זיינע לאנגע הענט און איינגעסטולעוועטקייט, זעט ער אויס ווי א מענטש, וואס האט נאך אינגאנצן דעם קאמף מיטן לעבן ניט אויפגעגעבן. אין זיינע אויגן ליגט א באהאלטענער שטורם און דער בליאסק זייערער זוכט ארום גערעכטיקייט. ערגעץ, ווייסט ער, דארף זיין גערעכטיקייט. וואו איז עס? . . .

ער איז געזעסן און געהאלטן זייער קינד אף זיינע הענט.

א מיידעלע, א צוויי־יאריקס, מיט טונקל־בלאנדע, גלאטע הע־רעלאך, געקרייזלטע; אויגעלאך שווארצע, וואס האבן אמאל אויפ־געכאפט א זון־שטראל פון א ליכטיק־פרייען פרילינגס טאג און זיי האלטן דעם שטראל אין זיך. ס'פנימ'ל, א צארטס, א ווייכס, אזוי ווי אויסגעאיידלט און אויסגעצערטלט פון די שטילע, טיפע ליידן, טאטע־מאמע'ס.

ס'האט אויסגעזען אז זיי פארן פון א וואוילטעטיקע אינסטי־טוציע, וואו מ'האט זיי געגעבן א פעקל שפייז. די יונגע פרוי האט עס געהאלטן אין די הענט ווי אן אומווירדיקע זאך, אז וועלכן זי קאן

זיך אָבער ניט באַגיין. זי האָט געקוקט פאַרטראַכט, מיט אַ שטאַרן בליק, אַף אַ פּינטל אַפן פּלאַר פון דער קאַר. אַזוי קוקן מענטשן, וואָס ווערן געפּייניקט און האָבן שוין אַזויפיל דורכגעליטן, אַז זיי נעמען אַן אַלץ פאַר ליב. מינוטן לאַנג האָט זי ניט געקוקט אַף איר מאַן און אַף איר קינד. אירע געדאַנקען זיינען געווען ווייט פון זיי. זי איז געווען פאַרנומען מיט איר אייגענעם לעבן. אירע ליפּן האָבן זיך עטוואָס געעפנט און פאַרמאַכט. אירע אויגן, נאָך אַלץ אָנגע־שטעלטע אַף דעם פּינטל, זיינען געוואָרן אָנגעצויגענער, שאַרפער, ווי אין דעם פּינטל, וואוהין זיי האָבן געקוקט, האָבן זיי איר גאַנצע וועלט דערזען . . .

די טראַמוואַי האָט מיט האַסט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אַזש אויפגעטרייסלט, די פרוי איז נאָך אָבער אַלץ געווען אין איר פאַר־טראַכטקייט. דאַן האָט זי אַ קוק געטאַן אַפן מאַן מיטן קינד. פונם קינדס פּנים׳ל, פון אירע אויגעלאַך האָט אַ יונג אייגן לעבן אַ צאַפּל געטאַן. איר פליצקעלע איז געווען ארומגענומען פון איר פאַטערס לאַנגע אָפּגעלאָזענע הענט.

און די מוטער, אַז זי האָט דערזען די הענט אַרום איר קינד, האָט זי אַ ציטער געטאַן. אין די אָנגעשטריינגטע, אַדערדיקע הענט, וואָס זיינען געווען אויסגעצויגן און ווי פאַרדרייט אין אַ זייט, איז געווען מיסטיש־שרעקנדיקס. ס׳האָט אויסגעזען צו דער מוטער, אַז דאָס זיינען ביינער־קנאָכן פון אַ טויטן . . . אַ טויטער גייסט, וואָס שוועבט אַרום און טראַגט מיט זיך פאַרניכטונג, האָט אַרומגענומען איר קינד, דריקט עס שטאַרק און נאָך אַ רגע — וועט ער עס דער־שטיקן! . . .

זי האָט אין ציטערניש אַ שפּרונג געטאַן, אַרויסגעריסן דאָס קינד און דאָס אַ כאַפּ געטאַן צו זיך.

די ביינערדיקע הענט, וואָס האָבן שטייף געהאַלטן דאָס קינד, האָבן זיך אָפּגעלאָזט, געבליבן הייגנגען.

* * *

ווערא איז געלעגן אַפן גראָז, מיט די אויגן צום הימל, צו די שנייאיק־ווייסע וואָלקנס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מאַרמאָר. זי האָט געלאָזט אירע געדאַנקען זיך טראָגן אַזוי ווי די קליינע וואָלקנס, וואָס ציען זיך צו אומבאַשטימטע ווייטקייטן. אַ טאָג נאָך אַ טאָג וועט

פארגיין און זי וועט דאַ ווערן אַ נאַטור־קינד, אַזוי ווי אַ געבוירענע דאַ, אונטער דעם ברייטן פרייען הימל, בײַ די וואַסערן פון לייק, צווישן ביימער און גראַזן און בלומען.

נאָר ס'איז נאָך געווען שווערעס אין אירע געדאַנקען. זי איז געקומען פון דער שטאָט דער גרויסער, וואו אומגערעכטיקייטן ווערן באַגאַנגען אויף אַלע גאַסן, וואו דאָס לעבן טופּעט מיט גערדיכטע, שווערע טריט, וואו אין דעם טומל ווערן דערשטיקט געשרייען און זיפצן; וואו וואָס העכער די מויערן ציִען זיך צום הימל צו, אַלץ מער טראָגן זיי אין זיך דאָס בייזקייט, דאָס שלעכטס פון דער וועלט און דאָס ליידן און מאַטערניש פון מענטשן.

נישט אַלעמאָל האָט ווערא צו וועמען איבערגעבן אירע געפילן און געדאַנקען, וואָס קומען אַז ווי ווינטן איינע נאָך די אַנדערע. זי קאָן אַ געדאַנק אויסטראַכטן אַזוי ווי זי וואָלט גערעדט צו עמיצן, און איצט האָט זיך איר אַזוי געטראַכט:

... מיין ניט, ברודער מיינער, אַרבעטער, אַז איך חנפ'ע דיר, ווייל איך זע דיין מאַכט אָנקומען. אַ מאַכט, וואָס וועט אַרומנעמען די וועלט און זי פירן אַ באַנייטע אונטער דיין השגחה.

איך פיל צו דיר אַזוי, ווייל איך זע ווי שוואַך דו ביזט איצט. דו ווערסט אַלץ מער רחמנות'דיקער. ביזט דערנידעריקט און באַליידיקט. אויף דיר איז אויסגעשפּרייט דער צער פון דער וועלט.

... און אַז דו וועסט איבערנעמען די מאַכט, ברודער מיינער, אַרבעטער, און דו וועסט זיך אַפּרעכענען מיט דיינע אונטערדריקער, שאַנעווע ניט קיינעם. באַצאָל מיט שלעכטס פאַר שלעכטס.

— וואָס טראַכסטו, ווערא? — האָט זי דערהערט אַ באַקאַנט קינדעריש קול.

אויפן גראָז, אין דער לייַנג פון איר, שיר וואָס זייערע קעפּ האָבן זיך אָנגערירט, איז געלעגן דוד'ל, דער צען־יאָריקער זונדל פון אירע פריינט, די בערגערס, וואָס וואוינען דאָ שוין עטלעכע זומערן און צו וועמען זי איז געקומען אויף אַ פּאָר וואָכן. דאָס קעפּל אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענטלאַך, איז ער געלעגן און געשמייכלט צו איר מיט זיינע ברוינע אויגן, מילדע און לויטערע, וואָס האָבן צו איר געקוקט מיט דרך ארץ, מיט אַ חשק צו דערציילן איר

א סך זאַכן פון זיך און הערן פון איר זאַכן, וואָס ער ווייסט נאָך ניט.

— ווי קומסטו אַהער? — האָט זי זיך געוואונדערט — פון ווען אַן ביזטו דאָ?

— אַ, איך בין שוין דאָ אַ לאַנגע צייט — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעזעצט — איך האָב פריער געמיינט, אַז דו שלאָפסט. דו ווייסט? — האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף, אַזוי ווי ער וואָלט געווען גרייט צו געבן אַ שפרונג־אַוועק — דאָ וואַקסן יאַגעדעס אין וואַלד. גוטע יאַגעדעס. ווילסט גיין, זיי רייסן?

— שפּעטער — האָט ווערע געזאָגט און מיט אינטערעס אים באַקוקט.

ס'האָט איר אָנגערעגט די ווידעראַנאַנדערדיקע שטריכן אין אים. די צעקוטשמעטע הערלאַך צעוואָרפן איבערן פּנים, ווי בײַ אַ גרויסן בחור; די ליפּלאַך און דער קינבאַק, צאַרט, פריש. אויפן פּנים איז אויסגעגאָסן אי אַ ווילדקייט, אי אַ קינדערשע איידלקייט. אפילו די רייד, וואָס זיינען שוין בחוריש־גרויסע, ווערן אַרויסגערעדט מיט אַ יונג קול'כל, וואָס גייט אַרויס דורך די ליפּן, וואָס מאַמע ווישט אָפּ נאָכ'ן עסן.

— זעץ זיך אַוועק! — האָט זי אים באַפוילן, אָנגעמענדיק זיין טאָן, וואָס דאָס האָט אים הנאה געטאָן — האָסט דאָ גאָרניט קיין חברים, מיט וועמען צו שפּילן זיך?

ער האָט אַ שטופּ געטאָן אין די הויזלאַך אַריין דאָס אויבערשטע העמדל, וואָס איז אים אַרויס פון פּאַסיקל.

— א י ך האָב ניט? — האָט ער שוין מוחל געווען די באַליידיקונג, צוליבן נחת, וואָס זי, די גרויסע מיידל, ווערע, ווייסט ניט וואָס זי רעדט — דזשימי מינירימי און זיינע שוועסטער, עסטער און רוט, וואָס האָבן ליב צו פאָרן אויף מיין בייסיקל, אַזוי ווי ס'איז זייערס, איז איינס, צוויי, דריי? „קיד" דאָגלאַס, וואָס איז אים אַריין אַ שפּילקע אין האַלז און ער איז ערשט געקומען פון האָספּיטאַל — איז פיר? די דריי פּוירקענסאָנס, וואָס אַלע קינדער האָבן פיינט זייער מאַמע, ווייל זי איז אַ „וויטש"*) — איז פינף און זעכ־

*) אַ כשופמאַכערין.

ציק? עדי ארטים, מיין בעסטער פריינט, וואָס קאָן קלעטערן אַף אַלע בוימער — איז — שאַ! — האָט ער זיך איבעראַניים אַ כאַפּ געטאָן — איך גיי זיי אַלע ברייגגען אהער!

— מוחל, נישט איצט — האָט זי אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ הענטל און אַוועקגעזעצט — וואָס קאָנסטו ניט איינרוען? וואָס גיסטו זיך אַלעמאָל אַ הויב אויף?

די אויגן זיינע האָבן געשמייכלט: צופרידן, וואָס זי הויבט אים אָן צו דערקאָנען.

— מאַמע זאָגט, אַז אַט אַ דאָ אַ, — האָט ער מיט אַ פינגער געמאַכט אַ קיילעכדיקן צייכן אַף זיך פונם האַלז ביז די פיסלאַך — אַט דאָ אַ, זאָגט זי, ליגט אַ רוח, אַ טייוול.

אַזוי ווי ס'האָבן זיך באַ אים פריער באַוועגט די אברים, אַזוי האָט זיך אים איצט דער צונג צעגומען און ער האָט גענומען ריידן אָן אַ שעור.

ווערא האָט געקוקט אַף דוד'לען און דערפילט אַ באַגער צו פייניגן אים, ווי טאָן, צונעמען פון אים זיין זיכערקייט אַלס קינד פון באַלעבאַטישע עלטערן, וואָס דאָס לעבן קומט אים אָן גרינג. זאָל ער זיך באַצייטנס דערוויסן פון דעם שלעכטן לעבן אַרום אים.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, דוד'ל — האָט זי אים געפרעגט — ווען דו האָסט ניט וואָס צו עסן?

ער האָט געמיינט, אַז פון אַט די ווערטער דאַרף עפּעס אַרויס־קומען אַ זאַך פון וואָס ס'וועט זיין צום לאַכן. האָט ער צוערשט געענטפערט מיט אַ פריילאַך געלעכטערל „האַ־האַ” און נאָכדעם האָט ער דאָס פאַרטייטשט מיט ווערטער:

— אין שאַפע און אין „אייז באָקס” איז דאָ אַ סך עסן. פאַר דיר אויך . . .

— אָבער וואָס וואָלסטו געטאָן, אַז עס זאָל ניט זיין?

— אַ, ביזט „פאַני” — זיינען אירע ווערטער אים אויסגעקומען זייער נאַריש — אַז סע ליידיקט זיך אויס, גייט די מאַמע אין קראָם און קויפט איין נייע. אָדער מע גייט אין אַ רעסטאָראַן. איך האָב ליב גיין אין אַ רעסטאָראַן. ווייסט פאַרוואָס? — האָט ער שוין אָנגעהויבן מיט אַ נייער זאַך.

— ביזט אַ נאַרישער בחור — האָט ווערא אים באַלד אָפּגע־

שטעלט — איך פרעג דיר, וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דיין טאַטע פֿאַרלירט זיין שטעלע, ער בלייבט אָן אַרבעט, און ס׳איז ניטאָ גאָר־ניט קיין געלט, און דו ביזט הונגעריק?

ס׳איז גאָרניט. ער האָט קיין דאגה ניט.

— איך וואָלט געזאָגט פּאַפּע׳ן, ער זאָל אַרויסנעמען מיינע הונדערט טולער פון דער באַנק. איך האָב שוין הונדערט טו־לער — האָט ער אויסגעצויגן די ליפּן באַ דעם וואָרט — ווייסט?

— מ׳האָט שוין דאָס גאַנצע געלט דיינס אויפגעגעסן. מ׳האָט שוין אַלצדינג פֿאַרקויפט פונם הויז און דער טאַטע און די מאַמע קאָנען קיין אַרבעט ניט קריגן. וואָס וואָלסטו געטאָן?

דוד׳ל האָט שוין אָנגעהויבן ווערן באַ זיך געפאַלן. פון אירע ווערטער האָט זיך אים אָנגעהויבן פֿאַרשטעלן אַ שרעקנדיק בילד. ער און די מאַמע און דער טאַטע גייען אַרום הונגעריק און האָבן ניט וואו צו שלאָפן. דער טאַטע איז פֿאַרצאָרנט און די מאַמע קוקט אַף אים, אַף דוד׳דען און בייסט די ליפּן.

אָבער אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן מיט פרישקייט, פונם לייק און פונם וועלדל אַרויס און איבער דעם גאַנצן קערפּער זיינעם האָט ער דערפילט אַ טעם פון זאַטקייט און איבער דער הויט אַ זעלטענע אָנגענעמקייט, אַזוי ווי די מאַמע וואָלט אים געגלעט און געקושט, בעת ער ליגט אין אַ וואַרעמער בעט אַ האַלב פֿאַרשלאָפענער, און ער האָט מיט אַ גרויסער פרייד זיך געגעבן אַ הויב־אויף, מיט דער שטענדיקער רירעוודיקייט זיינער.

— ס׳וועט קיינמאָל ניט זיין אַזוי ווי דו זאָגסט! — האָט ער מיט זיכערקייט געזאָגט. עס זאָל איר גאָרניט איינפאַלן מער צו ריידן וועגן דעם.

נאָר אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַרעכטיקונג, אַז ס׳זאָל אים ווייטער קיין זאַך ניט אָפּגיין, האָט ער געזאָגט, מיט אַ קול, וואָס האָט אָפּגעקלינגען נאָך מער קינדעריש ווי ער איז:

— ערשט פֿאַר דריי וואָכן בין איך געווען שטאַרק קראַנק. איך האָב געהאַט הונדערט מיט פינף גראַד היץ. יאָ, פרעג מיין מאַמע! האָסטו שוין אַמאָל געהאַט אַזוי פיל היץ?

אַז ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז ער שוין געלעגן מיטן קעפּל אַף איר שויס, איבערגעגעבן און שטיל־לייטיש, און אַריינגעקוקט אין

וועראַ'ס אויגן אַריין. די ברוין־בלאָנדלאָכע האָר צעלאָזט און אַ שוויים האָט גענעצט זיין שטערן.

— איך גיי אַהיים, אָנטאָן מיין „ביידינג סוט" און זיך גיין באָדן — האָט ער געזאָגט — דו האָסט?

— יאָ — האָט וועראַ דערפילט דעם פרישן טעם פון ים־וואַסער אַף איר ליב — זאָג דער מאַמען, וועט זי דיר אים געבן און זאָג איר — האָט זי אים שוין געדאַרפט נאָכשרייען — אַז איך וועל ניט קומען אַזוי גיך עסן. זאָל זי מיט דיר עפּעס צושיקן פאַר מיר! — האָט זי שוין הויך אויסגעשריען די לעצטע ווערטער און ניט געוועזן זיכער צי דוד'ל הערט.

— קיי־אַ! — האָט זיך צו איר דערטראָגן זיין ענטפער, ווען ער האָט זיך אונטערגעבויגן אונטער אַ דראָטענער פאַרצאַמונג אַף דורכצוגיין.

ער וועט דאָך ניט גיין דאָרט וואו די וועג איז אַ פרייע!

## X

וועראַ האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם ברעג פונם באַרג.

אירע אויגן האָבן אַרומגענומען דעם לייק אין זיין ווייטקייט. געזען: אַ וואַסער־ברייטקייט און קיילעכיקייט, וואָס גלייכט זיך מיטן הימל אויס. וואו הימל — דאָרט אָנטקעגן איז וואַסער. הימל שפּילט זיך אַף אין וואַסער, וואָלקנס ליגן שאַטנדיק אין וואַסער. נאָר הימל איז ווייט און וואָלקנס צעגייען זיך. דער לייק איז דאָ־אָ. נאָענט איז זיין קראַפט, די קראַפט פון זיינע טיפע וואַסערן.

און וואָס מער וועראַ האָט געקוקט אַפן לייק, האָבן זיך די אויבן־אויפיקע אימפּרעסיעס מער אויסגעשטאַלטיקט. דאָס באַהאַלטענע לעבן פון דער ברויזנדיקייט האָט גענומען אַרויסקומען, זיך אַנטפּלעקן. דער לייק וואָס איז אין שטאָט פאַר איר אַלעמאָל געווען פרעמד און פּחד'יק, איז איר איצט געוואָרן אייגן. זי שטייט שוין נעבן לייב און שפּילט זיך מיט זיין גריווע, וואָס איז ווייך און גלאַט און אָנגענעם.

נאָענט באַם ברעג, אַנטקעגן איר, האָט זי דערזען ווי אַ מאַן שווימט אַרום. דער פּנים טונקט זיך אין וואַסער; דער קערפּער

אַ גרויסער, אַ שווערער, ליגט אָבער מיט אַ לייכטקייט אויסגעצויגן. די פּיס באַוועגן זיך ווי בײַ אַ קינד, וואָס וויל עפּעס אויספּירן, און סע דריגעט מיט די פּיסלאַך, און מיט די הענט שניידט ער, דער מאַן, דאָס וואַסער, אַנגעשטריינגט און זיכער. דאָס ברוינקייט פון זיין קערפּער, וואָס זעט זיך אַרויס אַרום דעם באָד־אַנצוג, און איז אַרומגענומען מיט דער לויטערקייט פון וואַסער, איז אַ בילד פון יוגנטלאַכער קראַפט, פון מאַנליכער שטאַרקייט. ער האָט אויסגעזען צו איר ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פון דער קראַפט פון די וואַסערן.

אירע אויגן האָבן זיך אַנגעשטעלט אויף אים, אים נאָכגעפאָלגט אין זיין שווימען, אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן שוין אַליין געקאָנט באַשטימען ווי וויט ער וועט שווימען, וואו ער וועט זיך פאַרקירעווען צוריק; ווען ער וועט מיט די הענט ליגן אויפן וואַסער און ווען ער וועט מיט זיי שטופן דאָס וואַסער אינעווייניק. עס האָט זיך איר שוין געגומען דאַכטן, אַז דאָס שווימט ער לויט דעם באַפעל פון אירע אויגן, כאָטש ער זעט איר גאַרניט. אַז ער איז געשווימען ווייטער, נאָכדעם ווי אירע אויגן האָבן זיך שוין גענומען ציען אויף צוריק, האָט עס איר פאַרדראָסן וואָס ער פאָלגט איר ניט, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון איר רשות . . .

פרעד איז אַרויס פונם וואַסער און זיך אַוועקגעלייגט אויפן זאַמד, מיטן פּנים אַרויף. די הענט און פיס אויסגעצויגן.

ווערא'ס אויגן האָבן זיך אַזוי ווי פאַרצויגן מיט אַ נעבל. זי האָט מיט כעס אַ פּאַטש געטאָן אויף אַ זלידנע פליג, וואָס איז לאַנג געשטאַנען אויף איר האַנט. זי האָט דערפילט, אַז זי פאַרלירט זיך אינגאַנצן. איר גאַנצע גייסטיקע שטאַרקייט ווערט אָפּגעשוואַכט און עס שטאַרקט זיך אין איר אַ פאַרלאַנג, צו זען דעם מאַן פון דער נאָענט, צו באַקאָנען זיך מיט אים, ווערן פריינט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, מען זאָל איר קאָנען זען פון אונטן און האָט אַרונטערגעשריגן, מיט אַ קול אַ הויכס, וואָס דער ווינט האָט געהאָלפן צעטראָגן:

— העי, יו־הו!

האָט ער ניט געהערט, וועט זי שוין מער ניט רופן. ס'איז גלאַט געווען אַ געשריי, צום ים, צו דער לופט אַרום.

נאָר ער האָט יאָ דערהערט. זיך גענומען אַרומקוקן און איז

אויפגעשטאַנען. אַ ווײַלע געזוכט, צו אויסגעפינען פון וואַנען דאָס קול קומט און ער האָט איר דערזען.

„איך זוך זיך אַליין צרות" — האָט ווערא פון זיך אַ לאַך געטאָן. נאָר אירע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן און גערופן דעם בחור און מיט געוואַגטקייט, אָבער מיט אַ ציטערנדיקע שטימע, האָט זי אויסגעשריען, שוין ניט אַזוי הויך ווי פריער:

— קומט אַרויף!

פרעד איז געשטאַנען אַ רגע, איבערגעטראַכט, האָט פון דעם באַד־אַנצוג אַרונטערגעטרייסלט דעם זאַמד, האָט מיט דער האַנט אַ וויַיז געטאָן, זי זאָל אָף אים וואַרטן אַ ווײַל. אָף גיך האָט ער אָנגעטאָן זײַנע שיך, גענומען מיט זיך דאָס אָנטאָן און זיך געלאָזט גיין אַרויף.

איצט האָט איר שוין ניט באַנג געטאָן, וואָס זי האָט אים גערופן און זי האָט ניט געטראַכט וואָס זי זאָל אים זאָגן. זי האָט געהאַט אַ גוטן געפיל. זי האָט דעם פרעמדן מאַן דערזעבערט מיט איר געוואַגטקייט. זי האָט אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט צום באַרג אַרויף, צו איר. דער וועג אַרויף איז אַ שווערער, אָן טרעפּ, אָן אויסגעהאַקטע גריבלאַך. מ'דאַרף זיך אָנכאַפּן אין צווײַגן פון בוימלאַך אָדער קוסטעס, גיין אָן אָן אָנהאַלט. אָבער ער איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט צונ'אַ ציל. דערצו, מיט דעם אינטערעס פון נײַגיר און וואונדער.

ער איז שוין געווען נאָענט און ווערא האָט דערפילט ווי אַ קראַפט, אַט אַזוי פּרימיטיוו און שטאַרק ווי דער לייק, ווי די פרײַקייט פון דעם ווײַטן אַרום דאָ, דערנעענטערט זיך צו איר. שוין אונמעגלאַך אָפּצוטרעטן. צו שפּעט צו חרטה האָבן. נאָר אויפכאַפּנדיק זײַן בליק, דעם ערשטן קוק, וואָס ער האָט אָף איר געטאָן פון דער נאָענט, האָט זי דערזען אַ גוטמוטיקייט וואָס קוקט פון אים אַרויס. אַ געזונטן יונג, האָט זי דערזען, מיט פּשוטער נשמה'דיקייט, וואָס איז אויך אַזוי פיל ווי זײַן פיזישער פאַרנעם.

אַזאַ גוטסקייט האָט זי דערפילט! אַ שמייכל האָט זיך אַליין ברייטער און איינדרוקספולער צעשפּרייט אָף איר געזיכט.

— העלאָ . . . מענטש! — האָט זי געזאָגט, אים געבנדיק אַ האַנט, ווען ער האָט געדאַרפט מאַכן דעם לעצטן טראַט אַרויפצו,

און זי האָט אים אַרויפגענומען.

ער איז געווען צעוואַרעמט־רויט, האָט נאָך שווער געאָטעמט און געהאַלטן אין האַנט זיין אַנטאָן.

און זיינע אויגן האָבן דרייסט געקוקט אַף איר און געשמייכלט.

## XI

פאַר פרעד'ן איז די באַגעגעניש מיט ווערא'ן געווען אַ גרויסע פאַסירונג אין זיין לעבן. ס'איז געווען ביי אים אַ געמיש פון נייגעריקן אינטערעס, וואָס זי און אירע רייד האָבן אין אים אַרויסגערופן און אַ געפיל פון פאַרלאָרנקייט. זי האָט גערעדט מיט אים פון זאַכן, וואָס ער האָט אַמאָל אַ סך געטראַכט פון זיי און פון זאַכן אַזעלכע, וואָס זיינען אים אינגאַנצן ניי. נאָר די רייד און אירע געדאַנקען זיינען אַלע געווען פאַר אים ניי און ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטריינגט צו באַנעמען זיי, כאָטש זי האָט גערעדט פשוטע ווערטער און ער האָט פאַרשטאַנען דעם מיין זייערן.

אין דער ערשטער האַלבער שעה פון זייער באַקאַנט ווערן, האָט שוין ווערא געוואוסט די וויכטיקסטע פרטים פון זיין לעבן. געזען, אַז ס'איז אים שווער צו ריידן אַליין אַ סך, אָדער מיט אַ פּאָר שטריכן אַרויסגעבן זיך, האָט זי אים געשטעלט פראַגעס, קורצע, מיט אַ מין אויפפאָדערונג פאַר אַן ענטפער און ס'איז אויך געווען איינע אַ פראַגע, וואָס ער טוט?

— גאָרניט — האָט ער אַ שעמעוודיקער געענטפערט.

— גאָרניט? וואָס הייסט? — האָט זי אַ גרויסע עולה דערפילט — אַזאַ געזונטער מענטש ווי איר? וואָס האָט אַזאַ אָרעמע מאַמע?

— איך קאָן ניט קריגן קיין שטענדיקע אַרבעט — האָט פרעד געזען וואָס גיכער צו פאַרענטפערן זיך פאַר איר — ס'אַ דאָרף. נישטאָ דאָ קיין פאַבריקן, קאָן מען ניט געפינען קיין אַרבעט אַף אַלעמאָל.

— אָבער וואָס טוט איר פאַרט? — האָט ווערא פון אים געמאַנט, ווי ער וואָלט שולדיק געווען דער וועלט אַ חוב און מוז עס אָפּגעבן.

— איך אַרבעט אַמאָל בײַ שניידן גראָז, אַמאָל בײַ דער באַן, בײַ גראָבן טונעלן. מ׳קוקט דאָ זייער נידעריק אַף מענטשן וואָס אַרבעטן. אַז איך אַרבעט אַמאָל אין אַ רייכע הויז, איז אַפילו די קינדער־קוקן אַף מיר פון אויבן אַראָפּ. באַטראַכטן מיר פאַר אַ מין בעטלער, אַ טויגעניכטס.

— פאַרוואָס פאַרט איר ניט אין שטאָט אַריין, אַרבעטן אין אַ פאַבריק? — איז זי נאָך אַלץ געווען צושטייענדיק מיט אירע פּראַגעס — אין אַ פאַבריק מוז מען באַהאַנדלען אַרבעטער מיט ווירדע און זייער אַרבעט איז נוצלאָך פאַר אַלעמען.

פּרעד האָט מורא באַקומען פאַר אירע רייד. מיט אירע ווער־טער, האָט זיך אים געדאַכט, צעטרייסלט זי און וואַרצלט אויס אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ זיין אַנהאַלט. דער באַרג, דאָס וועלדל, דאָס גאַנצע דאָרף און אַפילו דער לייק הויבן זיך אָן אָוועקרוקן פון אים, לאָזן אים אַ וואַקלענדיקן אַליין, אָן אַ פונדאַמענט.

— איך וועל ניט אַוועקפאָרן פון דאַנען — האָט ער געצויגן צו זיך אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט אַוועקשלעפּן — אַז איך פאָר אַמאָל אין שטאָט אַריין, קום איך צוריק אַהיים אַ דערשראָקענער.

— פאַרוואָס? פאַר וועמען?

— פאַר דער פרעמדקייט וואָס איך דערפיל דאָרט צווישן די מענטשן און די הויכע הייזער. די שטאָט איז אַ פאַרשאָלטענע. ס׳איז ניטאָ דאָרט אַזוינס וואָס וואַקסט פון דער ערד אַרויס, נאָר ס׳איז אַנגעשטעלט פרעמדע, שווערע זאַכן, איינס אויף ס׳אַנדערע. שטאָל אַף שטיין און שטיין אַף שטאָל. איינמאָל, באַלד ווי איך בין פון וואַקזאַל אַרויסגעגאַנגען, האָב איך געזען ווי אַ יונגער, אָרע־מער מענטש, אַ היימלאָזער, האָט געבעטן בײַ אַ רייכן מאַן אַ ניקל אַף אַ גלאָז קאַווע. ער האָט שוין אויסגעשטרעקט זיין האַנט, ער האָט זיך געבויגן צו אים און דער רייכער מאַן האָט אים אַפילו ניט אויסגעהערט. ער האָט זיך אַוועקגעקערט פון אים אַזוי ווי מיט כעס.

— רייכע מענטשן זיינען אומעטום שלעכטע — האָט וועראַ׳ן הנאה געטאָן פּרעד׳ס שנאה צו די רייכע, און זי האָט זיך צורעדט וועגן דעם אייביקן קאַמף, וואָס עס ווערט אַנגעפירט צווישן די צוויי קלאַסן, די אָרעמע און רייכע. זי האָט אים גענעבן צו פאַרשטיין

די טעאָריע פון קלאַסן קאַמף, ווי אַזוי עס דריקט זיך אויס אין די פאַרשידענע פאָרמען פון סאָציאַליזם און ווי אַזוי דער קאַמף ווערט אָנגעפירט דורך דער ווייט דערגרייכטער קאָמוניסטישער פאָרמע. און פאַרענדיקט האָט זי מיט אַ קלאָרן זיכערן אויספיר:

— ס׳וועט נאָך אפשר נעמען אַ סך צייט, דער קאַמף וועט זיין זייער אַ בלוטיקער, אָבער עס וועט דאָ פאָרקומען דאָס זעל־ביקע וואָס אין רוסלאַנד: די רייכטימער, דער קאַפּיטאַליזם וועט אָפּגעשאַפט ווערן.

די גאַנצע טעאָריע וואָס ווערא האָט פאַר אים אַנטוויקלט, האָט ער יאָ פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ער און זיין מאַמען און פאַר די אַלע אָרעמע און פון לעבן אונטערדריקטע, וואָס ער קאָן און וואָס ער קאָן ניט, איז דאָס אַ גוטע זאַך, אַט דאָס וואָס זי רופט: קלאַסנקאַמף, סאָציאַליזם, קאָמוניזם. ס׳איז עפּעס אַזוי ווי אין דער ביבל. עס גיט האָפענונגען. אַ ליכטיקן גלויבן. אָבער די לעצטע דערקלערונג אירע איז בײַ אים אויסגעקומען די אונמעגלאַכסטע זאַך אין דער וועלט.

— וואָס הייסט — האָט ער געפרעגט — עס וועלן ניט זיין קיין רייכטימער? מען וועט אַלץ פאַרניכטן? וואָס וועט מען טאָן אָן זיי?

— נאַאיווער מענטש איינער! — האָט אים ווערא מיט די ווערטער דערנענטערט צו זיך און גערעדט מיט אַ וואַרעמקייט, גלעטנ־דיק אירע האָר, וואָס דער ווינט האָט צעשויבערט — ס׳וועט זיין אַ רייכקייט פון שפע, וואָס מענטשן וועלן האָבן וואָס זיי באַדאַרפן. ס׳וועלן ניט זיין קיין פאַרשלאָסענע קאַסעס, קיין באַהאַלטענע אוצרות, וואָס געהערן נאָר צו מיוחסים, אויסדערוויילטע. וואָס ס׳איז דאָ, וועט זיין פאַר אַלעמען. מענטשן, צום ביישפּיל, וואָס אַרבעטן אין די מינע, אין די טיפענישן פון דער ערד, און זיינען אַלעמאָל אין געפאַר צו באַגראָבן ווערן לעבעדיקע, וועלן ניט דאַרפן, אַ חוץ דעם, אויך איינשטעלן זייערע לעבנס אין דעם קאַמף אויף צו קריגן כאָטש דאָס נויטיקסטע פאַר זייערע באַדערפענישן. אָך, — האָט זי אויס־גערופן, מיט אַ טיפן געפיל — וואָס מענטשן ליידן זיך איצט אָן! וויפיל אומגערעכטיקייטן עס זיינען דאָ אַף דער וועלט!

זי האָט געקוקט אין פרעד'ס ברוינע אויגן וואָס האָבן אויסגע־זען רעליגיעז־קריסטלאַד, מיט אַ בלויליכן גלאַנץ אין זיי.

— איר גייט אין קירכע? — האָט זי אים געפרעגט.

— אַמאָל. זייער זעלטן — האָט ער געענטפערט — אַז איך וויל צוליב טאָן מיין מאַמען. נאָר איר ווייסט — האָט ער שטיל געזאָגט, דערציילנדיק אַ סוד — מיין מאַמע איז אויך ניט קיין גלויביקע. אַמאָל, דערציילט זי, איז זי געווען זייער רעליגיעז. די קירך איז געווען איר גרעסטע גייסטיקע פרייד. היינט גייט זי נאָר צוליב געוואוינהייט, פאַר לייטנס וועגן. דאָס לעבן האָט איר צו פאַרביטערט, אַז זי זאָל נאָך האָבן גלויבן אין זיך. אָבער זי גייט אין קירך אַלע זונטיק.

ווערא האָט אים געהערט מיט אינטערעס.

— אַז זי גייט אַהין, פאַרפּוצט זי זיך? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ — האָט פרעד'ן אַביסל געוואונדערט וואָס זי האָט געטראָפן — די קירך איז דאָס איינציקע אָרט, וואו זי גייט אָנגעטאָן מיט דער שענסטער קלייד וואָס זי האָט נאָר.

— אַט דערפאַר גייט זי טאַקע אַהין, כאָטש זי איז שוין ניט קיין גלויביקע — האָט ווערא אויפגעכאַפּט די געדאַנקען פון דער פרעמדער פרוי, וואָס איז איר אָבער נאָענט מיט איר לעבן און מיט אירע טואונגען — די אָרעמסטע מענטשן האָבן אַ געפיל, אַ טיפן פאַרלאַנג פאַר יום־טוב'דיקייט, פאַר שיינקייט. אייער מוטער בייקנט נאָך עפּעס אַ גלאַנץ, אַ פרייד פון שיינקייט און זי גייט דערפאַר אין קירך, וואו זי קאָן גיין שיין אָנגעטאָן און כאָטש אַ שעה אין דער וואָך איבערלעבן מאָמענטן פון דערהויבונג. ביי איר איז די קירך אַ יום־טוב. זי טראָגט דעמאָלט אַף זיך עפּעס צירונג אויך?

— יאָ, יאָ. אַ גאָלדענע בראָשקע. אַ מתנה וואָס דער טאַטע האָט איר געגעבן פאַר דער חתונה — האָט פרעד דערציילט מיט עקסטאַז אין זיין קול און געקוקט אַף ווערא'ן מיט וואונדער און דרך ארץ. פון זיין מאַמען ווייסט זי, די פרעמדע מיידל, אַ סך מער ווי ער, דער זון אירער.

---

דער ערשטער געשפּרעך צווישן זיי האָט אויפגעהערט. ווי אַ רעגן וואָס גיט אַ גאָס און שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווייל, וואַרטן אַף

אז אנדער רעגן וואָס דאַרף אַראָפּקומען. וועראַ האָט דערפילט, אַז פּאָר איינמאָל האָט זי שוין גענוג אַרומגערעדט די פראַגן פון רעכט און אומרעכט און קאַמף פון די אָרעמע. סיי ווי, פּרעד׳ס ווערטער האָבן בײַ איר ניט געהאַט קיין גרויסן באַדײַט. יעדן מאָל וואָס זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן, איז זי מער אָנגערעגט געוואָרן פון זײַן פיזישער שטאַרקייט. עס איז געוואָרן איר פאַרלאַנג — אים האָבן נעבן זיך די צייט, וואָס זי וועט זײַן אין אײַלאַ און אויסאײַבן אַף אים אַזאַ איינפלוס מיט דעם איבערפלוס פון איר גייסטיקער קראַפט איבער אים, אַז זי, „ס׳קליינע פּיצל״, ווי זי האָט זיך איצט אַליין גערופן, זאָל קאָנען איבער אים הערשן, אים בויגן צו זיך. זי זאָל קאָנען טאָן מיט אים וואָס זי וויל.

אַ חוץ וואָס אירע איברים האָבן זיך געצויגן צו אים, ווערנדיק באַהערשט אפילו פון זײַן שטאַרקן אָטעם, האָט זי אויך געפילט אַ מין פײַנליכע הנאה וואָס פיזיש איז ער אַנטקעגן איר אַזוי גרויס, מעכטיק.

— שטעלט זיך אויף! — האָט זי אים באַפוילן מיט אַ קול וואָס האָט געהאַט אַ קלאַנג פון געבעט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן אים. זיי האָבן געקוקט בײַדע איינער צום אַנדערן, נאָר אירע אויגן האָבן געקוקט אַרויף און זײַנע אַראָפּ. אַזוי פיל וויפיל זי האָט געקוקט צו אים אַרויף, אַזויפיל האָט ער געקוקט צו איר אַראָפּ, אַרונטער. זײַנע אויגן האָבן זיגעריש געשמייכלט און אירע האָבן פײַנלעך געגלאַנצט, צוגעגעבן איר שוואַכקייט און האָבן מיטאַמאָל אויפגעלויכטן.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים אַקסל צו אַקסל.

— איר זײַנט אפשר מיט אַנדערהאַלבן קאָפּ העכער — האָט זי געזאָגט און אַ טאַפּ געטאָן די מוסקולן פון זײַן רעכטער האַנט. — „אַ שטיק אײַזן!״ — האָט זי געזאָגט און אים אַ פּאַטש געטאָן איבער דער האַנט.

זי האָט אים געהייסן צוריק אַוועקזעצן זיך און זי האָט זיך צוגעלייגט, אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אַף זײַן אַ פוס.

פּרעד האָט אויפגעהויבן אַ שטיינדל וואָס איז געלעגן נעבן אים.

— אַנטשולדיקט — האָט ער געזאָגט צו ווערא׳ן, ווי זי וואָלט אים געוועזן אין וועג. אַז זי האָט אַ פּאָר׳חדוש׳טע אויפגעהויבן איר קאָפּ, האָט ער אַרויסגערוקט זײַן פוס און האָט זיך אויפגעשטעלט.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צום ברעג און אויסקיילעכנדיק מיט דער האַנט אַ חלל אין דער לופֿט, האָט ער דאָס שטיינדל אַ וואָרף געטאָן — ווייטלאַך אין לייק אַריין.

ער איז צוגעגאַנגען און זיך אָוועקגעזעצט. ווערא איז שוין געלעגן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַף אַ האַנט. זי האָט געקוקט אַף אים און געשמייכלט:

— איר וואַרפט אייער ענערגיע אין לייק אַריין . . .

זי האָט אים דאָן אָנגענומען באַ אַ האַנט און זיך אויפגעשטעלט.

— קומט, האָט זי געזאָגט — ווייזט מיר אַלע שיינקייטן פון וועלדל. איך בין געקומען אַהער פון שטאָט אַן אויסגעמאַטערטע, אַן אַנטוישטע. לאָמיר זיך אָננעמען פאַר די הענט און מיר'ן גיין און איר וועט מיר ווייזן אַלע ווינקלאַך פון אייער שטיל, אומעטיק לעבן דאָ.

## XIII

ס'איז גוט וואָס ווערא איז דאָ אין איאַלאָ צום ערשטן מאָל, און פרעד קאָן איר ווייזן אַזוי פיל וואונדערלאַכע זאַכן, זאַכן וואָס זיינען איצט אפילו פאַר אים אַליין אויך אַזוי ניי און זיי באַגייסטערן אים.

פרעד איז אין אַ צויבערלאַנד. ער איז פול מיט גליקלאַכע געפילן.

ס'אַרא וואונדערלאַכע, פלינקע און געוואָגטע מיידל ווערא איז!

ער איז אַרומגעגאַנגען מיט איר אין דעם געדיכטן טייל פון וועלדל, דאָ, וואו ס'דוכט זיך אַז ס'איז ניטאָ קיין אויסגאַנג אין ערגעץ. אָט איז מען אַף אַ באַרגיקע הויכקייט און אָט דאַרף מען אַרונטערלויפן אַרונטער אין אַ טיפן טאָל אַריין, דורך אַ דין אויסגעשפּיצעכיגטן באַרגשניט. איין ריר אין אַ זייט און צוויי טיפן פון ביידע זייטן לויערן אַרויף. און ווערא לופט אַזוי גלייך אַרונטער, אַזוי זיכער ווי ער. קומט צו זייער אַ געפערלאַכן שפרונג, וואו ער וויל איר אָננעמען באַ אַ האַנט, לאָזט זי ניט. ניט איצט. זי וויל אַליין לויפן. וואָס מער געפאַר! וואָס מער אָנרעגונג! יעדן מאָל וואָס זי לויפט אַפּ אַ שטיק וועג אַרונטער, רייסט זיך פון איר אַ

פריידיקער געשריי ארויס. אירע האר צעלאזט איבערן ווינט. די הענט, די איידעלע, צעשפרייט, לויפט זי ווי דא וואלט זיך געעפנט א טיפער אפגרונט און זי פאלט מיט פרייד אין אפגרונט אריין!

אונטן, אין דער שטילקייט פון טאל, בלייבט זי שטיין נעבן פרעד'ן, אבער זי איז נאך ניט רואיק. די אויגן קוקן מיט ווילדער אומרו אין דער הויך, אפן בארג ארויף.

— צוריק ארויפגיין? — פרעגט זי. איר קול איז ווינטיק, רוישיק, פארסאפעט.

— נישט איך — זאגט ער און שמייכלט — איך בין מיד. איך דארף זיך אפרוען.

דאס זאגט ער, נישט ווייל ער מיינט אז זי וועט עס אים ניט גלויבן, נאר ווייל אזוי פילט ער טאקע. ניט טאן קיין זאכן איבער די כחות. מ'איז ארונטערגעקומען אהער, דארף מען דערווייל זיין דא.

אין טאל האט זיך געהערט דאס שטילע פליעסקען פון די וואסערן באם ברעג. ווייט אפן לייק האט א ווייסע שיפל יוי א שלאנג זיך געצויגן. שאטנס האבן אף נאכט געוואוירט. א גריל האט פון איר באהאלטענער נארע, אזוי ווי פון דער ערד ארויס, מיט אן אפקלינגענדן טאן איר דינעם געזאנג ארויסגעגרילצט. די זון האט דורך די בלעטער פון א בוים דורכגעשטראלט.

ווערא האט דערזען פאר זיך א וואונדער: א בוים וואס איז געוואקסן אין א זייט פון טאל, איז אף איין זייט געווען געדיכט אנ־געוואקסן מיט צווייגן און בלעטער; די צווייטע האלבע זייט איז געווען ליידיק, א חוץ וואס א פאר קליינע צווייגלאך האבן גענומען ארויסשפראצן און האבן מער ניט געקאנט וואקסן.

זי האט ניט געוואלט אליין זיך דערקלערן דעם וואונדער. זאל עס פרעד בעסער טאן. און זי האט שטארק געוואלט, ער זאל איר געבן דעם ריכטיקן ענטפער.

און ס'איז טאקע געווען גוט וואס זי האט אים געפרעגט וועגן אזא זאך. ער ווייסט שוין זייער גוט פארוואס דער בוים איז נאר אף איין זייט באוואקסן.

— איר פארשטייט? אף דער זייט איז דער בוים פריי, קאן ער זיך צובליען. דא אבער איז ער פארשטעלט פון אן אנדערן. איר

זעט, ווי ד י זייט איז אזוי גערייבט באוואקסן? זיין גאנצע קראפט גייט אף איין זייט.

דער בוים איז געשטאנען ווי א לעבעדיקער וועזן, וואס האט אין זיך א מוח און ווייסט עס. שעמט זיך דערמיט און פארענטפערט זיך: דאס איז אזוי פון דער נאטור . . .

פרעדער האט געזען ווי ווערא האט פאראינטערעסירט געקוקט אף דעם בוים, האט ער איר גענומען דערציילן נאך זאכן פון בוימער, וואס ער ווייסט:

— איר האט געזען אמאל א נעסט פון וועוויארקעס? אף קיין געזונטע בוימער זיינען ניטא אזעלכע ברייטע, טיפע נעסטן. אז א בוים ווערט קראנק, פארלירט זיין זאפט, זיין פייכקייט, קומט צו־פליען א פויגל אזא, א פיקהאלץ, און הויבט מיט זיין שנאבל אן פיקן, מאכט לעכלאך אינם בוים, קיילעכיקע לעכלאך, ווי דורכגעבויערט מיט אן עקבער. נאכדעם, אז דער פיקהאלץ האט אפגעטאן זיין ארבעט, קלעטערט אף דער בוים ארויף א וועוויארקע און בייסט מיט אירע אנגעשארפטע ציינער, גרעסער און ברייטער די לאך, בויערט אזוי לאנג ביז זי מאכט א נעסט אין דעם בוים. און דאס ווייסט איר? — האט פרעדער'ן שטארק הנאה געטאן וואס ער האט זיך אין צייט דער־מאנט אין נאך א וויכטיקע זאך, וואס עס קאן גראדע זיין אז זי, ווערא, ווייסט עס ניט — ווי גרויס א בוים איז אין דער הויך, אזוי טיף זיינען זיינעווארצלען אין דער ערד!

— קומט — האט ווערא געזאגט און מיט קיין ווארט אדער מינע ניט געגעבן אים צו וויסן, אויב זי איז איבערראשט פון די אנטדעקונגען וואס ער האט נאר וואס געמאכט — לאמיר גיין ווייטער.

עס זעט אויס, אזוי ווי דער וועג וואלט געפירט צו א פארבארגענער הייל.

פרעדער איז געווארן בא זיך געפאלן. ער האט געמיינט, אז ער וועט בא איר אויסנעמען וואס ער וועט איר דערציילן פון דעם לעבן פון די בוימער. איצט זעט ער איין, אז אזעלכע זאכן מאכן אף איר ניט קיין איינדרוק. זי הערט אויס און שווייגט. ער האט אפגע־ריסן א פרוטקע און מיט א נאגל גענומען שיילן די דינע פייכטע קארע. איצט ווייסט ער שוין פון וואס ער זאל מיט איר ריידן. פון אומגערעכטיקייט — דאס האט זי ליב הערן!

זי האָט געזען ווי ער האָט מיט צו שטאַרקן האַסט אַרונטער־געשיילט אַ שטיקל קאָרע און זי האָט געפרעגט:

— פון וואָס טראַכט איר עס איצט?

— אַ, איך טראַכט, אַז איר זיינט טאַקע זייער גערעכט. ס'זיינען דאָ אַ סך אומגערעכטיקייטן אַף דער וועלט.

איר האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן מיט אמת'ער פרייד. אַט וועט זי הערן פון אים אַ גוט וואָרט, אַ וואָרט אַזוינס וואָס זאָל אים גייסטיק דערהויבן.

זי גייט דאָ אַרום מיט אים. ס'זיינען שוין אַריבער די ערשטע מאָמענטן, וואָס זי האָט נאָר געפילט צו קוקן אַף אים און זיין באַ־רוישט פון זיין קראַפט. די נאָענטקייט האָט אַ סך רייץ פון דער באַרוישונג צוגענומען. אַז זי וויל, איז ער דאָך אינגאַנצן אירער. זי ווייסט די מאַכט וואָס זי האָט איבער אים און זי וויל געניסן פון זיין קראַפט, וואָס וועט זיך זיכער ווי אַ שטורם אַ ריס טאָן, ווען זי וועט נאָר דעם דינעם אָבער קאַלטן צודעק פון פּרעמדקייט אַרונ־טערנעמען דורך אַ פּאַסנדן וואָרט, אַ באַוועג. וויפיל גליק ער האָט פאַר איר, פאַר דער פרוי אין איר, וואָס אירע געפילן זיינען אַ סך שטאַרקער ווי אירע דורכגעטראַכטע אידייען און איר פאַרלאַנג פאַר צערטליכקייטן און פינקלענדיקע צעברויזקייט, איז פאַרט דער גרעס־טער פון אַלע פאַרלאַנגען אירע!

און דאָ אין דעם טאָל גייען זיי ביידע אַרום. ווייט אַזוי און שטיל. און לויטער איז דאָס געמיט.

נאָר פריער איז ווערא ניט געווען אין גוטן מוט. גייענדיק דאָ מיט פרעד'ן, האָט זי מער אַרויסגעזען זיין פּראַסטקייט ווי זיין פּשוט'קייט. אַ פּראַסטקייט, וואָס האָט אפילו צוגענומען דעם חן פון זיין אָרעמקייט.

איצט אָבער, אין אַט דער מינוט, איז עפּעס געשען. פרעד האָט אַליין גענומען ריידן פון די אומגערעכטיקייטן וואָס זיינען דאָ אַף דער וועלט. ער האָט, הייסט עס, אויפגענומען די אידייען וואָס זיינען איר אַזוי טייער. זאָל ער איצט זאָגן דאָס גוטע וואָרט, אַרויס־זאָגן זיין אומפּאַסונג פון זיין פּראָטעסטירנדיקן וועלט־באַנעם און זי וועט אַלע אירע וואַרעמע געפילן צו אים אַרויסווייזן.

— אין וואָס זעט איר די גרויסע אומרעכטן אַף דער וועלט ? — האָט זי בּאַ אים געצווּיגן די ווערטער.

— אין אַ סך זאַכן — האָט פּרעד געענטפערט. ער האָט אין איר סימפּאַטישן קוקן אַף אים, אין אירע אויגן, וואָס האָבּן זיך געצווּיגן צו אים, פאַרשטאַנען, אַז זי וויל אַ גוטן ענטפער. און ער האָט זיך אָנגעשטריינגט, ס'פּנים איז אים געוואָרן חנ'עוודיק רויט־לאַך און די ווערטער זיינען שטילע אַרויסגעקומען פון טיפן האַרצן אַרוים :

— ס'זיינען דאָ אַ סך אומרעכטן. נאָר איצט האָבּ איך זיך דערמאָנט אין איינער. ס'אפשר אַ נאַרישקייט, נאָר איך האָבּ דער־פון אַ סך מאָל געטראַכט. דאָ איז דאָ אַ בּאַן סטאַנציע. ווייסט איר דאָך, די קאָמפּאַני איז אַזוי רייך. איז אַמאָל, זיינען אין סטיישאַן, וואו מ'וואַרט אַף די בּאַנען, געווען אָפענע פריַיע פּלעצער, וואו מ'האָט געקאָנט אַריינגיין, אַז אַ מענטש האָט געדאַרפט אַריינגיין. היינט זיינען די טירלעך פאַרשלאָסענע. מען מוז אַריינוואַרפן אַ ניקל. וואָס זאָלן טאָן די אָרעמע מענטשן וואָס האָבּן ניט קיין ניקלס און דאַרפן אַריינגיין אַהין ? ס'אַ גרויסער אומרעכט פון דער קאָמפּאַני !

נאָך אַז ער האָט גערעדט, האָט שוין ווערא געשמייכלט און אַז ער האָט געענדיקט, האָט זי זיך שטאַרק צעלאַכט — אָט וואָס פאַר אַן אומרעכט ער האָט געפונען אין דער אכזריות'דיק־קאַפּיטאַליסטי־שער סיסטעם !

דער תוך פון זיינע ווערטער האָבּן איר געמאַכט צום לאַכן, אָבּער דער טאָן ווי אַזוי ער האָט זיי אַרויסגערעדט, איז געווען אַזאַ ערנסטער, אַזאַ ווייטיקלעכער, אַז זי האָט בּאַלד חרטה געהאַט אַף איר געלעכטער. זי האָט בּאַגריפן, אַז ער פילט דעם אומרעכט פון די פאַרשלאָסענע טירלאַך, אין זיין אייגענעם לעבּן, אַ סך מער, אַ סך טיפער ווי זי, ווען זי רעדט אָדער זי טראַכט פון די ערגסטע אומ־רעכטן און עוולות וואָס ווערן בּכלל בּאַגאַנגען.

אַז אמת, אויך אַזאַ פּשוט'ער און נאַאיווער ווי פּרעד, איז איצט געקומען צו איר מיט אַ פראַגע, וואָס זי האָט זיך גאָר קיינמאָל אַליין ניט געשטעלט : ווי אַזוי קאָן זי ריידן פון אומרעכט, פון אַרבּעטער קאַמף, פון קאָמוניזם ? זי איז ניט קיין אַרבּעטאַרין און

איז ניט אזוי אָרעם אַז זי זאָל לײַדן הונגער. זי איז פון קײן „באָס״, פון קײן אויבערהאַר ניט באַלײדיקט געוואָרן.

און וואָס רעדט זי פון דעם „קאָמוניסטישן בײַשפּיל פון רוס־לאַנד״? — האָט זי אַ פאַרשוילדיקטע געקוקט דעם אמת אין די אויגן אַרײַן — האָט זי דאָרט אָדער דאָ דעם קאָמוניזם דורכגעלעבט, דורכגעווייטיקט?

„אַבי איך רעד! אַבי איך בין בײַ זיך אַ גאַנצער מענטש!״— האָט זי זיך אין די געדאַנקען געמוסר׳ט און מיט גרויס פרײַנטשאַפט געקוקט אויף פרעד׳ן, וואָס איז געשטאַנען אַ באַלײדיקטער, מיט דעם ווייטיק פון איר געלעכטער.

— איך האָב דיר ליב, פרעד — האָט זי געזאָגט און געפילט די ווערטער — כ׳וועל שוין מער ניט לאַכן פון דיר.

— מער ניט? — האָט פרעד׳ס קול זיך געבראָכן.

נאָר ער אַלײן איז געווען שטאַרק, זײער שטאַרק. אַ מענטש פון גבורה.

דער מאַן פון איזאַלאַ האָט אין דעם טאָל פון וועלדל, צו דער מײדל פון גרויס־שטאָט, זײַן ליד פון קראַפט געזונגען.

## XIV

אײדעלע און לויטערע זײַנען די נעכט, די צעליכטיקטע זומער־נעכט אין איזאַלאַ.

אַז די לבנה קוקט אויף וואַלד, אויף הויכע בוימער אַראָפּ, קוקט פון איר אַ בלײכע בלאַסקײט אַרונטער. בוימער זײַנען בלינד, פון זײערע אײגענע שאָטנס. שטײען אײביק אויף אײן אָרט און זײַנען אַלעמאָל אין זיך, אַלעמאָל מיט זיך פאַרנומען. וואַלד איז אַלײן נאַכט. אַ שטילער שונא פון דער לבנה.

אויף ים׳ען פאַרקוקט זיך די לבנה אין איר שײן־נעכט. נאָר ים׳ען זײַנען מידע באַנאַכט, מיד פון זײערע אײגענע כוואַליעס, וואָס ווינטן שטורעמען אויף און שלײדערן זײ אַרויף. ים׳ען האָבן אין זיך בײזקײט און שרעק און האָבן אַלײן מורא פאַר דער אײגענער שרעק וואָס זײ טראָגן אין זיך.

זילבערט אַרונטער די לבנה איר ליכט, מאַכט פאַסן אויפן ים;

ווײַל דעם ריז אויפֿוועקן, ווײַל אין אים אַ צאַרטקייט אַרײַנגעבן, ער זאָל איר שײַנקייט באַנעמען און בײדע וועלן פֿרײַנטלעכע אַפּן חלל פֿון דער וועלט קוקן. לאָזט זיך ניט דער ים. שוואַרצט זיך אין דער נאַכט אַרײַן און ברומט — מע זאָל אים צורו לאָזן.

גייט די לבנה איר גאַנג, איר לאַנגזאַם אוראַלטן, לאַנגזאַם זיכערן גאַנג און קומט צו שטעט וואו מענטשן זײַנען דאָ. מענטשן זײַנען קליין און קורץ זײַנען זייערע לעבנס, אָבער גרויס איז זייער באַנעמ אין דעם וועלט־באַשאַף און ווײַט זײַנען זייערע בליקן אַרויף.

מענטשן האָבן ליב די לבנה. פּאָעטן האָבן פֿון דורות אָן אײַנגעפֿלאַנצט אַ ליבע צו איר; פּאָעטן, די זין פֿון נעצנדינער, די ריטער פֿון דער וועלט.

מענטשן האָבן ליב די לבנה. ווײַל איידער זיי פֿרוכפּערן זיך און איידער זיי מערן זיך, זײַנען זיי אָנגעוויזן אַף איר הילף. אין די נעכט פֿון איר שײַנען, פֿון איר ליכטיקן זיך פֿאַר די ווײַטערע און פֿאַר די העכערע פּלאַנעטן, גיט זי אַרײַן דאָס לויטערקייט פֿון איר נשמה צו די מענטשן־קינדער, אַז ס׳זאָל ציען מאַן צו פֿרוי און פֿרוי צו מאַן. מיט איר אײַנזאַמקייט וועקט זי אויף אין זיי אַ בענקשאַפֿט, אַ רחמנות צו זיך אַליין, וואָס נאָר אַ וואַרעמער גוטער געפֿיל פֿון מאַן צו פֿרוי קאָן עס היילן. קאָן די בענקשאַפֿט און דעם רחמנות אַף גליק פֿאַרבײַטן.

נאָר שטילן, ווײַטיקדיק אײַנגעהאַלטענעם בין השמשות באַווײַזט זיך די לבנה.

נאָר מענטשן האָבן אויפֿגעבויט שטעט מיט הויכע מויערן און גאַסן ענגע, הויז אַף הויז און גאַס צו גאַס. זעען ניט די מענטשן פֿון די גרויסע שטעט די לבנה אין איר פֿולער ליכט, אין איר גאַנצן חן. זיי געבן נאָר אַמאָל אַ בליק אַף איר און דערמאָנען זיך אין צײַטן וואָס זיי האָבן איר אַפּטער געזען, געזען אַזוי ווי זי איז, אין איר בליאונג.

נאָר שטעטלאַך און דערפֿער זײַנען דאָ, וואו די לבנה איז ניט קיין דעראינערונג און ניט קיין ווײַטער ענין, נאָר אַ גרויסער טייל פּונקט לעבן פֿון די מענטשן. זי איז דאָ און זיי זײַנען דאָ און זי איז איינע און זי איז אַלעמאָל.

היילִיק און וואונדערלִיך זיינען די נעכט, די זומערדיקע לבנה־נעכט אין אַיאַלאַ.

און אומרואיק, פלאַטערדיק זיינען ווערא מיט פרעד'ן אין די דאָזיקע נעכט.

## XV

ווערא האָט ליב איר פריינדין, מרים בערגער, צו וועמען זי איז געקומען פאַרברענגען די פּאָר וואָכן.

מרים'ס לעבן לאַנגזאַמט זיך רואיק, לייכט, שוין אַ צען־עלף יאָר, ווי געפירט פון אַ האַנט אַ גוטער, אַ זיכערער. אָבער אין די געדאַנקען איז זי פול מיט אומרו, מיט בייטקעניש און געפילן און דאָס מאַכט איר אויסזען אַזוי אינטערעסאַנט, ווי זי וואָלט דורכגעלעבט שטורמדיקע צייטן.

אַלע מאָל דערמאָנט זי זיך אין עפּעס, איין זאַך דערמאָנט איר אין אַ צווייטער און איין מענטש אין אַן אַנדערן.

דערמאָנט זי זיך אין אירע קינדער־יאָרן ביי איר שטיפמאַמען, וואָס האָט פון איר פאַרבאָרגן דעם אָרעמען ברויט וואָס זי האָט געהאַט ביי מרים'ס טאַטן, און די מורא וואָס זי האָט פאַר איר געהאַט ווען זי האָט געטאָן אַן אַרבעט און ניט געוואוסט צי ס'איז גוט געטאָן. פילן זיך מרים'ס אויגן אָן מיט טרויער — אויגן ליכטיק גרויסע, שוואַרצאַפּלדיקע, גוטע אויגן, וואָס ס'איז אין זיי דאָ דער גלאַנץ פון אַ גרויסער מענטשלאַכער נשמה, וועלכע פילט די גרויסע מיסטעריע פון דער וועלט.

מרים קאָן זיין בעת מעשה אַ נאַר־וואָס אָפּגעגעסענע, דערמאָנט זי זיך אָבער אין די שוין לאַנג פאַרגאַנגענע הונגער יאָרן, דערפילט זי ווי דאָס הארץ הויבט זיך איר פון הונגער און אַט איז דאָ ברויט פאַרשלאָסן אין אַ שאַפע און זי קאָן צו דעם ניט צוקומען.

און די מורא פאַר דער שטיפמאַמע איז אַזאַ ממשות'דיקע, ווי אַט וואָלט יענע נעבן איר געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענע האַנט און באַלד וועט זי איר אַראָפּלאָזן אַ קלאַפּ וואָס וועט איר וויי טאָן, וויי טאָן.

און ס'איז ניטאָ קיין באַהאַלטעניש.

דערזעט מרים א בוים, זיינען שוין אירע געדאנקען איבערגעטראגן ביי איר זיידן אין וואלד, וואו ער איז געווען א נאמן און וואוהין זי פלעגט אמאל קומען אז זי האט שוין מער אין דער „היים'' ניט געקאנט זיין.

זי גייט ארום א יונגע מיידעלע אין וואלד אליין . . . הערט דאס צוויטשערן פון פייגעלאר. ערגעץ וויט זעגט מען א בוים. אט איז די בוים געפאלן מיט א קראד.

און דער וואלד רוישט און באוועגט זיך אינאיינעם מיט איר יונג הערצל וואס צאפלט זיך און אומרואיקט זיך אין די פארביינקט־גאלדענע זומער פארנאכטן אין וואלד.

מרים ווייסט: זי האט נאך דעם אומרו, די בייגקשאפט פון יענע פארנאכטן. זי איז נאך די אייגענע וואס דעמאלט, נאר יארן א סך זיינען אוועק . . .

וואוהין גייען עס יארן אוועק?...

זעען אנדערע עולות אין דער וועלט. מרים זעט מיסטעריעז. די וועלט ווייטיקט. זי רייסט זיך פון איר אנהויב ביז איר סוף, ערגעץ אוועק פון זיך. וואס קאן מען האבן צו איר?

אז מרים איז ביים לייק אין א נאכט אן אומרואיקע, און די וואסערן שטורעמען אויף און א פינצטערניש א שרעקעדיקע האלט די ווייטקייטן געצוימט, גייט א דינער שטעכיקער ציטער איבער איר לייב אדורך. אירע אויגן צעגרויסן זיך און לויכטן זיך איין. זעען שיפן אף כוואליעס צעברויזטע. די שיפן בויגן זיך, ווערן געווארפן, זינקען... און דער ווינט דערטראגט צו אירע אויערן די געשרייען פון די מענטשן אף די שיפן...

ווער וועט זיי ראטעווען? ווער וועט זיי העלפן?

טראכט אמאל מרים: די וועלט האט ניט קיין מאמע... וואס זאל איר פירן מיט רחמנות, אפהיטן איר פון בייזקייטן, וואס זאל איר פירן אלעמאל אפן גוטן, אפן גלייכן וועג.

ווערא האט ליב מרים'ן. נאר אלעמאל טענה'ט זי זיך אוים מיט איר און קאן מיט איר ניט מסכים זיין. זי ווייסט אז מרים איז ניט פשוט סענטימענטאל, פון אומוויסן, פון בלינדע אייגנע'עקשן'טקייט. מרים'ס וויסן איז ניט שטארק באגרעניצט. זי ווייסט די נויטן און

פראבלעמען פון איר צייט. אויך איר קריטישער באנעם איז א גוט אנטוויקעלטער.

נאר אזוי איז זי שוין, מרים. אפילו איר לאגיק איז ארומגע־נומען מיט געפיל.

זיי זיינען ביידע געזעסן אפן גאניק און גערעדט פון די צוויי ארבעטער־מארטירער, סאקא און וואנזעטי, די קדושים וואס האבן מיט זייער אומקומען אף אייביק צו שאנד געמאכט דעם אמעריקאנער געריכט און גערעכטיקייט; וואס זיינען אומשולדיקערהייד, נאך די ערגסטע פלאגענישן און אנטוישונגען אומגעבראכט געווארן, צוליב א בייזוויליק־צונגערייטן און גוט דורכגעפירטן בלבול.

האט ווערא מיט א סך צארן אין איר קול, געזאגט מיט שנעלן אויפברויז:

— יענע נאכט האט אין מיר מיין גאנצן צארן דערוועקט קעגן אלע שונאים פון דעם ארבעטער קלאס. ווען איך האב דערהערט אז מ׳האט זיי עלעקטריזירט, האט זיך אין מיר צוצינדן א פייער פון אויפשטאנד און איך האב דערפילט א גרייטקייט, א באדערפעניש, אוועקצוגעבן מיין לעבן אין גרויסן פראטעסט, אין קאמף, אין דער גרויסער שנאה צו אונזערע שונאים.

ביי מרים׳ן אבער האט דער גרויסער פארברעך ארויסגערופן א גאנץ אנדער געפיל.

— איך בין יענעם אוונט געווען איינגאנצן א צעבראכענע — האט זי דערציילט — ס׳איז מיר גארניט אויסגעקומען אז איך קאן ניט די צוויי מענטשן. איך האב זיי געזען פאר זיך ווי זיי וואלטן מיינע לייבליכע ברידער געווען. וואס נאענטער די צייט איז גע־קומען אף צוצונעמען זייערע לעבנס, האב איך מער און מער ווייטיק דערפילט. אז בערגער האט אפגערופן א צייטונג און איך האב דערהערט די ווערטער: „שוין נאך אלעמען!", האב איך א געשריי געגעבן מיט גרוים ווייטיק ווי מ׳וואלט מ י ר מיין מח געבראטן. נאך איצט פיל איך יענעם פיין — האבן אירע פארטרערטע אויגן עדות געזאגט.

— ליידן, ווייטיקן אליין איז אבער ניט דאס וויכטיקסטע — האט אין דעם ווערא זיך אנגעכאפט — עס האט געדארפט ביי דיר ארויסרופן א שטורם־פראטעסט קעגן דער גאנצער סיסטעם, קעגן

דער גאַנצער אָרדנונג, וואָס האָט מענלאַך געמאַכט אַזאַ אומגעוויינ־לאַכן פאַרברעך. ס'איז דאָך ניט געווען די פּראַגע בלויז װעגן די צוויי מענטשן, די פּערזאָנען. ס'איז די אידייע צוליב וואָס זיי זיינען מאַרטירער געווען.

מרים'ס גאַנצער פּנים איז געווען פול מיט נאַאיוויקייט, מיט וואונדער.

— וואָס מיינסטו, װעראַ? — האָט איר קול, ווי ס'זאָל זיין מיר, זיך געדראַפּט אַנשטריינגען — די צוויי מענטשן אַליין, סאַקאָ און וואַנזעטי, האָבן דיר ניט אַזוי אינטערעסירט? זייערע אייגענע אוועקגעריסענע לעבנס האָבן דיר ניט געאַרט, נאָר דאָס וואָס זיי זיינען אומגעקומען צוליב זייערע אידייען? אפשר זיינען דאָס שיינע ווערטער, נאָר וואו איז דער אמת אין זיי? אויב ס'איז ניט דער פּערזענלאַכער ווייטיק פון די מענטשן אַליין און דער אומרעכט וואָס איז אַקעגן זיי באַגאַנגען געוואָרן, טאָ וואָס איז דיר דער חילוק, צי זיי האָבן גלאַט געליטן אין די טורמעס, צי יענע מינוטן וואָס דער וויסטער „געזעץ” האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן?

איצט איז שוין װעראַ געוואָרן באמת אויפגערעגט. ס'קול אירס האָט גענומען ציטערן.

— איך הויב דיך ניט אָן צו פאַרשטיין, מרים. אָף מיין וואָרט, איך ווייס ניט וואָס דו רעדסט. אויב דעם ווייטיק האָסטו נאָר געפילט צוליב די מענטשן אַליין, טאָ וואָס זשע איז דיר דער אונטערשייד, צי מען האָט אומגעבראַכט סאַקאָ'ן און וואַנזעטי'ן, אָדער מ'האָט גע־טויט גלאַט צוויי מענטשן, לאָמיר זאָגן פאַר אַ מאָרד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען?

מרים איז ניט געווען זיכער, צי איר ענטפער פאַרשטויסט װעראַ'ס פּראַגע, אויב ס'איז שטאַרק גענוג אַלס אַ טענה, אָבער גע־פילט וואָס זי זאָגט, האָט זי זיכער.

— וואָס־זשע מיינסטו? דעמאָלט ווען איך ווייס אַז אַ מענטש, עמיצענס אַ קינד, אַ זון, דאַרף געהאַנגען אָדער געטויט ווערן אָפן עלעקטריק טשער, בין איך אויך אומרואיק, פיל איך אויך דעם שטאַרקסטן ווייטיק. אויב דו ווילסט, איז דאָס נאָך ערגער: רעװאָלוציאָנערן, אַרבעטער מאַרטירער שטאַרבן כאָטש פאַר אַ גוטער אידייע. די אָבער, די קרימינאַלע פאַרברעכער איז נאָך ערגער. זיי

שטארבן פאר שלעכטע זאכן וואס זיי האבן געטאן . . . וואס קאן זיין זייער טרייסט אין די לעצטע מינוטן?

— און דו מיינסט, אז דו ביזט גערעכט? — פרעגט ווערא און פרואווט זיך באַרואיקן, זי זאל זיך ניט דארפן שטארק צוקריגן מיט איר פריינדין.

— און דו ביזט טאקע זיכער, אז איך בין אזוי שטארק אומ־גערעכט? — וויל מרים וויסן.

— א, אזוי ווי דו רעדסט איצט, האבן מענטשן געקאנט ריידן מיט טויזנטער יארן צוריק.

— יענע מענטשן זיינען אויך געווען מענטשן. וואס איז אזוי דער יחוס מיט אונז, די איצטיקע?

— דער יחוס איז, וואס מיר האבן שוין איצט ווינציק אזעלכע „נשמה־מענטשן" ווי דו. דאס איז דער גרעסטער פארדינסט פון אונזער איצטיקן דור.

מרים דערזעט פרעד'ן אנקומען צום גאניק, וואו זיי זיצן און פירן זייער געשפרעך. גיט זי א שמייכל און א געשריי אויס צו ווערא'ן אף דער גיך, איידער ער קומט צו נאר נאענט:

— חוה, אט גייט צו דיר אדם הראשון!...

---

מיט מרים'ן פילט זיך פרעד היימישער ווי מיט ווערא'ן.

אמאל, אז ווערא צורעדט זיך פון אירע קאמוניסטיש־רעוואלו־ציאנערע אידייען און אירע ווערטער זיינען אזוי שארף, האגל'דיק, קומט עס אבער ביי אים אויס אז זיי פאסן זיך ניט צו איר. זי אליין וועט אפשר אמאל אף זיי חרטה האבן. זי רעדט אזוי, ווייל זי וויל דערמיט עפעס אויפווייזן, איבערציינגן אז זי איז גערעכט.

ער איז אונטער ווערא'ס איינפלוס און האט מורא דערפאר... ער הערט איר אויס מיט דעם גרעסטן אינטערעס און גלויבט אבער ניט אלץ וואס זי זאגט. עס קומט אים פאר, אז ווען א מענטש רעדט אזוי פון שלעכטקייט, אז מ'דארף זיין אומברחמנות'דיק צו די שונאים, די שונאים פון די ארעמע קלאסן, וואס דאס מיינט די פיינט פון זיין קלאס, איז מעג זי טאקע זיין גערעכט, נאר עפעס איז דא שלעכטקייט אין איר אליין...

פרעד האט פאר ווערא'ן גרויס דרך ארץ, נאר ער ווייסט, זי

איז ניט קיין גוטע. אַ, זי ווייסט אַ סך זאַכן און זי איז זייער אַ קלוגע. נאָר אים דאַכט זיך, אַז זי האָט ניט קיין רחמנות אַף מענטשן. אפילו ניט אַף די מענטשן וואָס זי וויל זיי העלפֿן. זי וויל ס'זאָל זיי זיין גוט, ניט דערפֿאַר ווייל זיי וועלן דערפֿון האָבן נוצן, נאָר ווייל ס'וועט ברענגען דערצו אַז ס'זאָל אַנדערע זיין שלעכט און דאָס וועט איר צופֿרידנשטעלן.

מ'דאַרף ניט מיינען, אַז ער ווייסט שוין גאָרניט. אמת, זי קאָן אים טאַקע דורך און אַפּטמאָל ווייסט זי אפילו די געדאַנקען וואָס ער טראַכט. אָבער ער שטודירט איר אויך. נישט אַזוי פֿון איר רעדן, ווי פֿון איר גאַנצער באַציאונג צו אים און צו די אַנדערע מענטשן. ער האָט שוין זיינע סמנים אויף צו קאָנען איר.

דערפֿאַר איז ער מיט איר אַזוי ניט זיכער און ער שרעקט זיך אַז מיט איינמאָל וועט זי וואַרפֿן אַף אים אַן אומחן. זי וועט אַוועק־פֿאָרן פֿון דאַנען און ס'וועט איר אפילו ניט זיין אויפֿ'ן געדאַנק, אַז ערגעץ איז ער דאָ און ער קאָן איר ניט פֿאַרגעסן.

וועט זיין אַמאָל אַזוי?

אין די בעסטע מינוטן פֿון זייער פֿאַרברענגען צוזאַמען, ווען עס וואַכן אויף אין איר די וואַרעמסטע געפֿילן צו אים, דעם מאַן פֿון גבורה, ווען אַלץ אין איר ווערט אַנגעצויגן אין בלויז יונגפֿרוי און ער איז איר היטער, איר באַשיצער, זי איז נאָר געבוירן געוואָרן פֿאַר אים, צוליב אים — ער ווייסט עס, ער פֿילט עס דעמאָלט — אין אַזעלכע מאָמענטן אפילו שרעקט ער זיך: עס וועט לאַנג ניט געדויערן.

מרים איז אַנדערש ווי ווערא. זי נעמט זיך ניט אונטער צו העלפֿן, צו פֿאַרבעסערן די וועלט. אָבער די נאָענטע מענטשן אַרום איר, זיינען איר אַזוי אייגן, זיינען פֿאַר איר אַזוי וויכטיק. זי גיט ניט אַריין אין מענטשן קיין אידייען, נאָר וואַרעמען אָטעם, פֿריינטלאַכ־קייט. זי גיט איבער צו די אַרומיקע מענטשן אירע גוטע געפֿילן. ער פֿילט זיך אַזוי זיכער נעבן איר.

און ער פֿילט גוט וואָס ווערא איז דאָ ביי מרים'ן. פֿאַרט איז ווערא יונגער און זי וועט פֿון מרים'ן עפּעס לערנען.

מרים וועט אַמאָל זאָגן צו ווערא'ן:

— ס'איז אַף אים אַ רחמנות, אויף פֿרעד'ן. ער ליידט צוליב דיר.

## XVI

לאפּסי שפּירט שוין פון א צייט דאָס טרויעריקייט אין עלא'ס הויז.

אַלעמאָל, אַז ער פלעגט אַרומלויפן אין דרויסן, אָדער ליגן אויפן גראָז און וואַרעמען זיך אויף דער זון, האָט ער געוואוסט, אַז ווען ער וועט אַריינקומען אין הויז, וועט ער טרעפן עלא'ן אַרומגיין, אָדער שטיין ביי דער אַרבעט און אַלץ וועט זיין ווי עס דאַרף צו זיין, ווי ער איז געוואוינט צו זען אַלעמאָל.

אודאי, זייער פריילעך איז הויז איז אים קיינמאָל נישט. אַז לאפּסי שפּאַצירט אַמאָל אַריין מיט קוויני'ן צו אירע מענטשן אין הויז, פילט זיך דאָרט גאָר אַן אַנדער לעבן. אַ סך מענטשן, אַ סך צימערן. ער לאָזט זיך, בגנבה, אין אַ שפּאַציר איבער אַלע צימערן און ס'איז דאָ וואָס צו זען. די צימערן זיינען אָנגעפילט. ס'אַ ליכ־טיקייט און געמיטליכקייט אין זיי. אַז ער גייט מיט קוויני'ן צוריק אַרויס אין דרויסן, איז ער איר מקנא. זי איז שוין באַזאָרגט. זי האָט שוין איינמאָל אַ הויז...

און צוריק אַהיים, גייט ער פּאַמעלאַך. ס'איז טאַקע זיין היים און פאַר עלא'ן מיט פרעד'ן איז ער גרייט אפילו אָפּגעבן זיין לעבן, נאָר ס'איז ניטאָ וואָס צו כאַפּן זיך. ס'זיינען דאָ פריילאַכע היימען און ס'זיינען דאָ איינזאַמע, אומעטיקע. איז עס אויף זיין גורל אויס־געפאַלן צו זיין אין דער אָרעמער, אין דער אומעטיקער. ס'אַ שלעכ־טער גורל זיינער.

נאָר ווי אַזוי ס'איז געווען ביז איצט, איז עס פאַרט געווען איינגעשטעלט. אַ הינטל ווי ער האָט כאָטש ניט געדאַרפט פאַרנעמען קיין יסורים.

איצט, די לעצטע צייט דאָ אין הויז, איז זייער טרויעריק. עלא שטייט ווייניק ביי דער אַרבעט. זי גייט אַוועק פון דער הויז אויף שעה'ן לאַנג און קומט צוריק אַ פאַרטרויערטע. זי זיפצט, ליגט אין בעט. אַמאָל פלעגט מען זען דאָ עסן דריי מאָל יעדן טאָג. היינט איז ער כמעט אַלעמאָל הונגעריק. עלא אַז זי עסט, גיט זי אים אויך עפּעס. נאָר ווען עסט זי?...

וואס איז עס דא פאר א הויז געווארן? — קאן לאפסי ניט פארשטיין.

און דער גרעסטער וואונדער איז ביי אים פרעד. ער קומט אויך דא אפ ווי עלא, ווי ער, לאפסי. נאר ער איז גאר פריילאך און ער גייט אוועק פון דער היים אף גאנצע נעכט און גאנצע טעג. איז ער דא, גייט ער ארום ווי קיין זאך ארט אים ניט. אפטמאל קומט ער צו צו לאפסי'ן, גלעט אים, דריקט אים די ביינער, קערט אים איבער, לייגט צו זיין באק צו זיין קאפ און דער גאנצער מענטש איז פול מיט פרייד.

ווי אזוי קאן מען דא איצט, אין דעם הויז, זיין פריילאך?...

און שטילערהייד, אז פרעד זאל ניט הערן זיינע טריט און אויסבאהאלטנדיק זיך אז ער זאל אים ניט קאנען זען, האט ער אים גענומען נאכגיין. אז זיי זיינען שוין געווען ווייט, האט ער געגעבן א לויף אויף צו פריער. פרעד האט אים דערזען און געבליבן שטיין א פארוואונדערטער. פון וואנען קומט ער אהער? אבער ער האט אים געלאזט גיין מיט זיך.

און גייענדיק זיך ארומגעשפילט מיט אים.

---

א חוץ ווערא'ן מיט מרים'ן, האט פרעד געטראפן זיצן אפן גאניק נאך צוויי מענטשן, א מאן א באקאנטן און א מיידל א פרעמדע. ווערא איז געווען שטארק אויפגעלייגט און ס'האט אויסגעזען אז זי האט זיך איינמיסטן פארפוצט צוליב אים און ס'האט איר גענומען לאנג ביז זי איז פארטיק געווארן מיט איר לייכטן ליכטיק־זומערדיקן אויספוץ. די רויטלאך־קאלירנדיקע קלייד האט איר ארומגענומען און ארויסגעבראכט דעם פרווילאכן רייץ. געוויזן: דאס איז ניט ווערא, די קאמוניסטקע, די קעמפערין פאר דעם ארבעטער קלאס. דאס איז ווערא, די יונגע מיידל וואס האט געווארט אף איר געליבטן...

דערזען פרעד'ן, האט זי צו אים א פינטל געטאן מיט אן אויג. ס'האט געהייסן: גוט, וואס דו ביזט דא. דו פילסט זיך גוט? איך אויך. און מיר'ן זיך באלד ארויסגנב'ענען פון דאנען.

און דערזעענדיק לאפסי'ן, וואס איז געשטאנען פון יענער זייט דראטענער טיר, האט זי אויסגערופן:

— זע נאר, דאס איז דיין הונט? לאז אים אריין אהער. העלא, הינטל דו!

און זי איז געגאנגען לאפסי׳ן אנטקעגן.

אז־לאפסי איז שוין געווען אינעווייניק, איז ער געגאנגען ווייטער, ארויף. באשמעקט די פיס פון יעדן איינעם.

— נעמט אים צו פון מיר! — האט זיך אויפגעהויבן מיט א געשריי דער מאן, וואס פרעד זעט אים אפטמאל ביים לייק — איך האב פיינט הינט!

— ער בייסט ניט — האט פרעד זיך אנגענומען פאר לאפסי׳ן — ער איז זייער א שטילער.

— אף הינטישן יושר פארלאז איך זיך ניט — האט דער מאן זיך ניט געלאזט איינריידן.

— ראזענבערג! — האט ווערא מיט ערנסטן פארדראס אויס־געשריען — שעמען מעגט איר זיך. אזא געזונטער לאבורעץ, ציטערט איר פאר א הינטל!

נאר דעם הויכן געזונטן ראזענבערג׳ן איז געווען אונמעגלאך צו בארואיקן.

— ס׳איז ניט וואס איך האב מורא — איז ער נאך אלץ גע־שטאנען אן אויפגערעגטער — מורא גאר! — און ער האט זיך גע־ווענדעט צו פרעד׳ן — איך בעט אייך, זייט מיין א פריינט און לאזט אים ארויס. זאל ער זיך ארומשפילן אין דרויסן.

פרעד האט געשטופט פון זיך דעם כעס וואס האט אים געהאלטן אין באהערשן:

— ער איז ווירקלעך א שטילער הונט — האבן זיינע ווערטער געציטערט — פארוואס זאל איך אים ארויסטרייבן?

— דער הונט בלייבט דא — איז ווערא געווען אנטשלאסן.

— אויב אזוי, גיי איך אוועק — האט ראזענבערג זיך געלאזט גיין צו דער טיר.

מרים, וואס האט די גאנצע צייט געשמייכלט פון דער סצענע וואס האט זיך דא אפגעשפילט, איז צוגעקומען צו ראזענבערג׳ן און אים ניט געלאזט אוועקגיין.

— דוד בערגעלסאן! דוד המלך! — האט זי געשריען צום זונדל אירן, וואס איז געווען אין צווייטן הויף, ביי די מינירינו׳ס, און מיט

שטאַרקן שוואונג, אַ שטײַיענדיקער זיך געהוידעט אױף זײַער הוידעלקע
— אָט איז דאָ אַ הונט. קום שפּיל זיך מיט דעם.

דודל איז באַלד אַרונטערגעשפּרונגען און ער מיט די צווײ מײדעלאַך און זײַער ברודערל האָבן גענומען לויפן צו לאַפּסי'ן, וואָס איז זײ שוין געלאָפן אַנטקעגן.

די פרעמדע מײדל, וואָס פריער זעט איר דאָ צום ערשטן מאָל און זי איז די גאַנצע צײַט געזעסן אַ שוויַיגנדיקע, האָט זיך איצט אָפּגערופן:

— איר האָט אַמאָל געמוזט כאַפּן אַ ריכטיקן ביס פון אַ הונט. אַ יאָ, מיסטער ראָזענבערג?

ראָזענבערג האָט איר אַלײן ניט געענטפערט אױף דער פראַגע, נאָר געזאָגט אַזוי, צו אַלעמען:

— אַ הונט איז די ערגסטע באַשעפעניש אױף דער וועלט.

און ער האָט מיטן צונג געזוכט אַ דין פּיצל פלײש וואָס האָט זיך נאָכ'ן עסן באַהאַלטן צווישן די יאַסלעס.

ווערא איז נאָך געווען אַביסל אויפגערעגט און האָט געוואָלט בײַטן די אַנגעצויגענע שטימונג, האָט זי אָנגעהויבן זינגען אַ לידל אױף צו באַרואיקן זיך, אַן אומשולדיק לידל וואָס פאַר זיך אַלײן האָט עס קײן באַדײַט ניט, נאָר אַז ס'איז ניטאָ קײן אַנדערס אױף דער רגע און ס'ווילט זיך פאַרט אַ זינג טאָן, קאָן מען עס מיט'ן געזאַנג אַביסל באַטעמ'ען:

מײַן מאַמע קאָכט וואַרע־ניקעס
און איך בין גאָר פלײי־שיק,
דערזע איך אַ שײן אינגעלע־ע,
קריג איך — צונ'אים — ח־שק!

— איך גלויב אײַך... — האָט ראָזענבערג איר איבערגעשלאָגן און אַלע, אַ חוץ פרעד'ן האָבן זיך צעלאַכט — נאָר ווי קומט עס, וואָס איר זינגט ניט קײן קאָמוניסטישע ליד?

— איר האָט אפשר אַ נײַע רעוואָלוציאָנערע ליד געבראַכט פון שטאָט, פון אײער שאָפּ? — האָט ווערא געפרעגט אַ נײַגעריקע.

— נײן, — האָט ראָזענבערג זיך פאַרנומען אױף אַ דיסקוסיע — פאַר מיר אַלײן איז גוט אַ פּשוטע אידישע פאָלקס־ליד.

— כאטש איר ארבעט אין א שאפּ, כאטש איר זענט אן אר־בעטער?

— א א י ד י ש ע ר ארבעטער, זייט אזוי גוט. א א י ד י־ש ע ר! — האט ראזענבערג צוויי מאָל באטאנט דאס ווארט, זי זאָל עס חלילה ניט פארגעסן.

און שוירלי, די שאפּ־מיידל, האט אים צוגעהאָלפן:

— וואס דען זיינען מיר, גוי'אישע ארבעטער?

— סע שטייט אייך ניט אן? — האט ווערא געפרעגט שוירלי'ן, אביסל צורייצט.

— ס'איז נישט די פראגע, צי סע שטייט מיר יא אן, צי נישט אן — האט שוירלי געענטפערט מיט דעם טאן פון אן אדעליקער וואס רעדט פון איר גרויסן יחוס — מיר זיינען ניט קיין גוי'אישע ארבעטער. מיר זיינען אידישע.

— אייער באס, אייער פארמאן, די וואס איר שקלאפט פאר זיי, זיינען אויך אידן — האט ווערא געזאגט מיט איראניע.

מרים, וואס האט פרעד'ן געגעבן א טעפּל קאווע מיט קיכלאך און א טראכט געטאן, אז ס'א חידוש וואס בערגער רופט איר נאך ניט אפּ אפן טעלעפאן, האט זיך אויך אריינגעמישט אין דעם גע־שפּרעך.

— ביזט שוין געווארן א שונא ישראל אויך... — האט זי שפּאסיק געזאגט צו ווערא'ן — דו ביזט, דאכט זיך, נאך דא ניט לאנג געוועז גאנץ אידישלאך געשטימט און ס'האט דיר גארניט געשאדט צו דיינע רעוואלוציאנערע אנשויאונגען.

עס איז געווען ווי ווערא וואלט געווארט אף מרים'ס באמער־קונג.

— איך שטיי ניט מיט מיינע געדאנקען אף איין ארט — האבן אירע ווערטער געברויזט מיט אויפפלאם — מיט יעדן טאג ווערט מיין אידייע מער קריסטאליזירט. אפשר איז דאס טאקע דערפאר, וואס איך האב דא אין איצא געגוג צייט נאכטראכטן פון דעם אלעמען וואס איך האב געזען אין שטאט. יעדער סארט נאציא־נאליזם איז שאוויניזם, איז א שטער צום גאנג פון דער רעוואלוציע. מיר דארפן איין אידעאל פאר זיך, ארבעטן פאר איין ציל: צו פאר־אייניקן די כחות פון דעם ארבעטער קלאס. ס'איז מיר א קליינער

אונטערשייד, צי דער קאַפּיטאַליזם האָט אַלס זיין עמבלעם אַ צלם, צי אַ מגן דוד.

— ער, ס'האָט מיר אַ טעם אייער רעדן! — האָט ראָזנבערג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אין וועלכער ס'האָט צווישן צוויי פינגער געשטעקט אַ סיגאַרעט און די דינע בלויליכע פּאַסן רויך זיינען דערשראָקענע זיך צולאָפן — איר ווייסט, אין וואָס אייער רעדן דערמאָנט מיר?

— אין וואָס? — איז ווערא געבליבן אַביסל אַפּהענטיק פון דעם אופן ווי אַזוי ער איגנאָרירט אירע ווערטער און געוואַרט אַף אַ געלעגנהייט, אַז זי זאָל קאָנען זיינע רייד אָפּשלאָגן.

— איר דערמאָנט מיר אין יענעם קאָמוניסטישן גוי, וואָס האָט מיר אַמאָל מיט זיינע רייד אונטערגעצינדן. איר מעגט עס הערן — האָט ער זיך געווענדעט צו מרים'ן — ס'איז געווען באַלד נאָך דעם אַראַבישן פּאָגראָם אַף אידן אין פּאַלעסטינע. איך דאַרף דאָך אייך ניט דערציילן וואָס פאַר אַ פּאָגראָם דאָס איז געווען, ווי אַזוי אידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. אומשולדיק בלוט. אפילו פון פרויען, פון קינדער, און אין אַ לאַנד וואָס אידן האָבן עס באמת מיט זייער שווייס און מאַרך אויפגעבויט פון אַ ווּיסטעניש. נו, רופן אונזערע אידישע קאָמוניסטן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג. ניט חלילה צו פּראָטעס־טירן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר צו אויסדריקן זייער סאָלידאַ־רישקייט מיט די אַראַבער, טאַקע דיזעלביקע אַראַבער, וואָס האָבן די פּאָגראָמען געמאַכט.

— מילא, בין איך אייך מוחל די חכמה'דיקע רייד וואָס זיינען דאָרט אַרויסגעזאָגט געוואָרן און די חנ'עוודיקע רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן. גראָדע, אַז מ'האָט זיך גוט צוגעהערט, האָט זיך געהערט דער אידישער געשריי, האָט זיך געפילט דער ווייטיק און גרימצאָרן פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט. מ'האָט גערעדט פון די ליידן פון די אַראַבער און ס'האָט זיך געפילט, אַז דער ווייטיק איז פון דעם אייגענעם פּיין.

— נאָר איין רעדנער איז געווען ביי אָט יענער מאַסנפאַרזאַמ־לונג, אַ גוי, אַ קאָמוניסטישער פירער. אַ הויכער, אַ יונגער. שטעלט ער זיך אַוועק, מיט די צוויי גראָבע פינגער אונטער דעם קאַמזויל און גיט זיך אַ זאָגעניש, גיט ער זיך: ער איז באַגייסטערט פאַר די אי־

דישע חברים, וואָס האָבן אַזוי חבריש אַרויסגעשטעלט זייער סאָלידאַ־
ריטעט; ער איז אַנטציקט, איז ער, וואָס די אידישע קאָמוניסטן האָבן
אַזוי באַוואוסטזיניק, מיט אַזאַ קלאָרן פאַרשטאַנד אויפגענומען די
פּאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּאַלעסטינע! ס'האָט אים
הנאה געטאָן און ער האָט די אידן, הייסט עס, געגעבן אַ מעדאַל פאַר
זייער מיאוסן שפייען זיך אין די אייגענע פּנים'ער!

אין דער צייט וואָס ראָזענבערג האָט גערעדט, האָט וועראַ אַ
זיך איינגעהערט און אַ שטילערהייד דערציילט פּרעד'ן דעם אינהאַלט
פון דעם געשפּרעך. זיין פּנים איז געווען פול מיט נייגיר. שוירלים בליק
צו איר איז געווען אַן אַפּלאַכנדיקער. ווערא האָט געוואוסט אַז כמעט
די גאַנצע צייט פון דעם שמועס טראַכט אַלץ שוירלי פון איר, דער
אידישער מיידל, ווערא, און פון איר גוי'אישן פריינט, פרעד, און אַז
מאָרגן, ווען זי וועט זיין אין שאָפּ, וועט זי מיט אינטערעס, ווי עפּעס
אַ וואונדערלעכע געשיכטע, דערציילן דאָס צו אירע חבר'טעס.

ווערא האָט דערפון געפילט אַ וואָרעמקייט און זי האָט גע־
ענטפערט ראָזענבערג'ן וועגן דעם ענין פון פּאַלעסטינע וואָס ער האָט
אָנגערירט:

— איר זייגט ביי זיך אַזוי גערעכט, אַז איר ווילט גאָר ניט
וויסן, אויב אַן אַנדערער איז אויך גערעכט. פּאַגראָמען — פאַרשטייט
מען ווי אַזוי דאָס טוט וויי. מיר, פּונקט אַזוי גוט ווי אייך. אָבער
אפשר וועט איר אַמאָל צוגעבן, אַז ביי די אַראַבער איז עס פאַרט
געווען אַן אויסברוך פון גערעכטן צאָרן? דער צאָרן איז צו ענגלאַנד,
וואָס האָט מיליאָנען אַראַבער פאַרשקלאַפט, פאַראָרעמט, צוגענומען
ביי זיי אַלע מיטלען צום לעבן. ענגלאַנד, צוליב איר וויסטער פּאָלי־
טיק פון אַלץ פאַרכאַפּן, באַהערשן, אַנרייצן איין פאָלק אויפ'ן אַנדערן,
איז געוואָרן גוט און פרום. גענעבן אידן אַ היימלאַנד, ציון. ארץ־
ישראל. האַלט זי דאָס ביסל אידן דאָרט אין קלעם. קיין אידן פון
אַנדערע לענדער לאָזט זי כמעט ניט אַריינקומען. די אידישע אַר־
בעטער יוגנט אונטערדריקט זי. און די אַראַבער — פאַרגעסט ניט,
טויזנטער און טויזנטער אויסגעהונגערטע אַראַבער, קעמפן פאַר זייער
עקזיסטענץ, פאַר זייער פרייהייט, פאַר אַ שטיקל אַנהאַלט אין לעבן.
קאָנען זיי אין דעם קאַמף קעגן זייער בלוטיקן שונא, ענגלאַנד, זיין

אזוי אפגעהיט, ניט צו פארטשעפען די אידן, וואס קומען זיי אין וועג?

ראזענבערג האט זיך א כאפ געטאן א צופרידענער:

— הייסט עס, פארטיידיקט איר, די אראבישע פאגראמען?

— מאכט זיך ניט נאריש! — האט ווערא אויסגעשריען — זעט די לאגע אזוי ווי זי איז. מיר זיינען קרבנות פון ענגלאנד׳ס „טובות" צו אונז. מיר דארפן העלפן די אראבער אין זייער גרויסן קאמף, וועלן מיר נאכדעם געניסן פון זייערע דערגרייכונגען פונקט ווי זיי. און איר קאנט זיין זיכער, אז אין א קאמוניסטישער פאלעס־טינע, וועלן קיין פאגראמען ניט זיין.

— איר וועט מיר ארויסגעבן א באווארעניש, שווארץ אף ווייס?

פרעד האט זייער אויפמערקזאם זיך איינגעהערט אין דעם גע־שפרעך, דורך וועלכן ס׳זיינען פאר אים באקאנט געווארן זאכן וואס ער האט פון זיי קיינמאל ניט געוואוסט. כאטש אין אנהויב האט ער ניט געהאט קיין גוט הארץ אף ראזנבערג׳ן, פארוואס ער האט זיך אזוי איינגעשפארט מען זאל ארויסטרייבן לאפסי׳ן, און ער האט בכלל געזען אז ער איז ניט פריינטלאך צו אים און אזוי קריגעריש צו ווערא׳ן, איז ער אבער נאכדעם געווען צופרידן וואס ראזנבערג איז דא און צוליב דעם וואס ער קאן ניט איינשטימען מיט ווערא׳ן, קומט דער־ווייל אוים צו דערוויסן זיך פון אזויפיל אינטערעסאנטע זאכן. און, ווי ווערא רעדט דאס!... ווי אזוי זי טענה׳ט זיך עס אוים! א מיידל אט אזא, מיט אזוי פיל וויסן און אזא קלוגע — איז זי זיין א פריינ־דין. זיין א גוטע פריינדין!

נאר איין ווארט וואס איז עטלאכע מאל דערמאנט געווארן, האט ער ניט אינגאנצן פארשטאנען. און ער האט געפרעגט ווערא׳ן:

— וואס איז דאס אזוינס, פאגראמען?...

כאטש די פראגע איז געווען געשטעלט צו ווערא׳ן, האט אים אבער ראזענבערג געענטפערט:

— פאגראמען, ווייסט איר ניט וואס עס מיינט? נאאיווער מענטש איינער! דאס איז אזא זאך וואס קיין שום פאלק אין דער וועלט ווייסט ניט וואס דאס איז. מען ווייסט פון הונגער, פון מלחמות, רעוואלוציעס, נאר ניט פון פאגראמען. דאס איז א „מתנה" פון אלע פעלקער צו די אידן... קיין בלוט איז ניט אזוי צוגעפאסט

דערצו ווי דאָס אידישע. מ'שלאָגט זיי, מ'שטעכט זיי, מע הרג'עט זיי. אין די הייזער, אין די גאַסן, אין די אוניווערזיטעטן אַפילו. מ'קלייבט ניט אויס: אידישע מענער, אידישע פרויען, אידישע קינדער, אַלטע לייט. אַבי אידישע... אומעטום, אין אַלע לענדער זיינען שוין געווען פּאָגראָמען און עס וועט נאָך דאָ אויך אַמאָל זיין.

ווי ס'טרעפט זיך אָפט מיט ווערא'ן אינמיטן אַ געשפּרעך וואָס ווערט איר נמאס, איז זי איצט אויך פּלוצים געבליבן גלייכגילטיק. צו ראָזענבערג'ן, צו פרעד'ן און צו אַלעמען דאָ.

פון זינט זי איז דאָ, און איר גוף און גייסט האָבן זיך אויסגע־רוט, און זי טראַכט שוין אַפילו ניט פון די צוויי מענטשן אין שטאָט וואָס האָבן איר מיט זייער ליבע אויסגעמאַטערט, איז איר הויפּט געדאַנק פאַרנומען מיט אירע רעוואָלוציאָנערע אידייען.

אויסגערוט איז זי איצט און איר פאַרברייינגען מיט פרעד'ן גיט איר צו שעה'ן וואָס די פרוי אין איר איז געזעטיקט מיט שפּיל און צערטלאַכקייט. זי פילט אַז אין אַ וואָך אַרום, אַז זי וועט אַוועק־פאָרן, וועט זי נאָך פרעד'ן בייינקען אַביסל. זי וועט אפשר קומען נאָך אַמאָל אַהער אים זען, אָבער מיט אים אַליין קאָן זי ניט אויספילן אירע געדאַנקען. באַזונדערס איז ער איר ניט אייגן, ווען זיי זיינען ניט אַליין.

זי פילט, אַז זי איז איצט איבערגעוועלטיקט מיט דעם קאָמו־ניסטישן אידעאַל. ס'איז שוין איצט ניט קיין פראַגע פון רעכט און אומרעכט. דער אידעאַל איז שוין ביי איר איצט ניט באַגרעניצט נאָר אויף דעם עקאָנאָמישן אינטערעס. אויף אַלץ קוקט זי איצט מיט אויגן פון אַ קאָמוניסטקע. זי האָט זיך דערטראַכט, אַז אַלץ אין דעם גע־זעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, מוז אומגעביטן ווערן, דאַרף אויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען.

זי האָט דערפילט דעם רוף פון דער צייט, די צייט פון אָנהויב קריזיס אין דעם ביז איצט רייכן לאַנד, וואָס ווערט רייף פאַר האַנד־לונגען.

אַ געדאַנק איז איר איינגעפאַלן, וואָס האָט אַ פריידיקן ציטער אין איר אַרויסגערופן. אַלע די וואָס זיצן דאָ אָפּן גאַניק, זיינען פאַר איר געוואָרן פרעמדע מענטשן. זי האָט געהערט די רייד זייערע, נאָר אירע געדאַנקען האָבן געפלאַנט, צענויפגעשטעלט אַ בילד, וואָס

אלץ מער עס האט זיך געשטאלטיקט, האט עס איר מער באגייסטערט, מער פרייד פארשאפט.

. . . א נייַ לעבן וועט זי אנהויבן, אַז זי וועט קומען צוריק אין שטאט אריין. א פילפארביק אינטערעסאנט לעבן וועט עס זיין. זי וועט זיך ווידמענען אינגאנצן צו דער קאמוניסטישער ארבעטער באַוועגונג. ביז איצט האט זי נאר סימפאטיזירט מיט דער אידייע און געשטאנען אין א זייט. איצט וועט זי זיך אנשליסן אין דער פארטיי, וועט זיין אין די רייען פון די קעמפער. ארבעט וועט זי האבן אזוי פיל. איר גאנצע פרייע צייט וועט זי אפגעבן צו אגיטאציע, צו אויפקלערונג, אין די שעפער, אין די יוניאָנס, מיט דעמאנסטראציעס אין די גאסן. ביז איצט איז די אידייע געווען ביי איר א צעשוואומענע. איצט איז פאר איר אלץ אויסגעקריסטאליזירט.

א גרויסער קאמף הייבט זיך אן. א קאמף א שווערער, וועט געדויערן לאנג און וועט פאדערן די גרעסטע אנשטריינגונגען.

דערווייל וואלט געווען גוט אויספרובירן אירע כחות פאר דעם קאמף. און סע שטעלט זיך איר פאר ווי זי שטייט אויף א באנק אין דעם קליינעם פארק אין איאלא. ארום איר זיינען פארזאמלט הונדערטער מענטשן און זי רעדט פאר זיי. גיט זיי איבער די אידייעס פון קארל מארקס און פון לענינ׳ען. זי רופט דעם עולם צום קאמף קעגן די רייכע, קעגן דער ארדענונג.

זי וועט דאס זיכער טאן, באשליסט זי ביי זיך. און אין דעם וועט איר פרעד העלפן. זי וועט נאך היינט רעדן מיט אים וועגן דעם.

און איצט, מיט דעם באשלוס אפגעמאכט, בלייבט זי שוין זיצן רואיק. זי האט שוין אפילו אן אינטערעס אין דעם געשפרעך וואס ווערט דא געפירט.

געוועדט האט שוירלי. מרים׳ס א גוטע באקאנטע פון אמאל, ווען זי האט נאך דער חתונה געארבעט א קורצע צייט אין א שאפ.

מרים האט איר געפרעגט, ווי אזוי עס לעבט זיך איר איצט, ווי אזוי זי פילט זיך. האט שוירלי געהאט אויף דעם א סך צו דערציילן.

— ס׳איז זייער ניט גוט איצט אין שטאט. אזא שלעכטע צייט געווארן. מע שניידט די וויידזשעס און מ׳ארבעט נאר א פאר טעג

א וואַד. די באַסעס זיינען קיינמאָל אַזוי ניט געווען אַפּן פּערדל ווי איצט.

— און וואָס טוט די יוניאָן ? — דערמאָנט זיך מרים אין דער צייט וואָס זי האָט געאַרבעט, ווי אַזוי די יוניאָן האָט געהיט די אינ־טערעסן פון די אַרבעטער, כאָטש צו די פירער האָט מען אַלעמאָל געקאָנט האָבן גענוג טענות.

— ס'איז דען איצט אַ ריכטיקע יוניאָן ? — ענטפערט שוירלי

— ס'איז דאָ אַ רעכטע און ס'איז דאָ אַ לינקע, רייסן זיי זיך ביידע אַרום, איינע קעמפט קעגן דער אַנדערער און די קרבנות זיינען די אַרבעטער, וואָס מען נעמט זיך אַזוי אָן פאַר זיי. און אַ חוץ דעם איז גלאַט געוואָרן שלעכט. קיין אַרבעט איז ניטאָ, סטאָרס פאַרמאַכן זיך, ביינק זעצן אָן און וואָס וועט זיין ווייטער — ווייסט מען ניט.

שוירלי'ס ווערטער האָבן מרים'ן שטאַרק גערירט. כאָטש שוירלי האָט ניט גערעדט וועגן זיך, נאָר פון דער אַלגעמיינער שלעכטער לאַגע, האָט אָבער מרים געהערט אין אירע ווערטער שוירלי'ס איי־גענעם ווייטיק. שוין אַזוי פיל יאָרן אַז זי פּלאָגט זיך אין די שעפּער, אָן אַ האָפנונג צו אויסגעלייזט ווערן אַמאָל. און איצט האָט זי מורא טאָמער וועט זי ניט האָבן וואו צו אַרבעטן. אַן אייביקער שקלאַף צו איר שלעכטן לעבן.

— איר וועט היינט נעכטיקן ביי אונז, אַ יאָ, שוירלי ? — האָבן זיך אירע וואַרעמע ווערטער איבערגעגעבן צו דער מיידל.

— איך וואָלט עס גראָדע געוואָלט — האָט זי געזאָגט — ס'איז דאָ זייער שיין. נאָר די מאַמע איז ניט געזונט און איך קאָן איר ניט איבערלאָזן אַליין.

ראָזענבערג, דער עלטערער בחור, וואָס דערפילט וואָס ווייטער אַלץ מער זיין עלנדקייט און קאָן אַמאָל אַליין ניט פאַרטראָגן זיין פּלוצים'דיקע אויפגערעגטקייט, וואָס באַפאַלט אים אַמאָל פון דער מינדסטער קלייניקייט, האָט געקוקט אויף שוירלי'ן און פון עפּעס אַ טראַכט געטאָן.

— איך פאָר באַלד אויך אין שטאָט אַריין — האָט ער גע־זאָגט — אויב איר ווילט, קאָנען מיר ביידע פאָרן.

— פאַרוואָס ניט ? — איז שוירלי'ס ענטפער געווען זייער אַ

פרייל‏אכער און זי איז שוין געווען גרייט צו גיין ווען ער וועט איר נאר זאגן.

אירע איינגעפרעסטע, אזוי ווי פארשלאפענע בריסטן האבן זיך געהויבן, אירע אויגן האבן געגלאנצט אין דער טונקלקייט פון דעם פארנאכט און זי האט זיך גענומען מער ארויסזען.

## XVII

ווי שיין ס'איז די זומער־נאכט אין איאלא!

דינע שאטנס, ווי אטעמס, שפרייטן זיך אף שטילע זייטן־געסלאך, באוואקסן ביי די זייטן מיט גראז; שאטנס פון דער נאכט, וואס נעמען אריין אין זיך איר פינצטערניש, לייגן זיך אוים אף ערד און גראז און קלעטערן אף בוימער און דעכער, הילן איין די מענטשן וואס גייען ארום, מ'זאל זיי ניט זען גוט. שאטנס, וואס האבן ניט קיין אייגן לעבן און וואקסן אוים אף גרייטע זאכן. זיינען גארניט און אומעטום זיינען זיי דא.

פון דער טיפעניש פון דער אייביק פרישער ערד ארוים וואקסן בוימער, וואקסן גראזן ארוים, טראגן אין זיך ריחות קארעדיקע און שטילע ווינטלעך צוטראגן זיי, ארויף און אין דער ברייט. צומישן זיי זיך מיט די פרישע ריחות וואס אנדערע ווינטלעך ברייגגען צו־טראגן פון דעם לייק ארוים. לויטערט זיך אין זיי די קלארע ווארעמע לופט און איז אלעמאל א פרישע, איז אלעמאל אן ערשט געווארענע.

די לבנה איז איידל־טרוימעריש און אומעטיק. האט ניט אין זיך די הערשערישע קראפט פון דער זון. קומט אלץ אין באשאף איר צוהילף. וואכן אויף כחות וואס זיינען מיד בייטאג און אין שטילן גערויש ווערט אלץ געטאן צו האלטן אין באוועגונג דאס לעבן פון דער וועלט.

פארט דורך די עלעקטרישע באן דורכ'ן ווילעדזש, הערט זיך ארום לייק דער ווייט־אומעטיקער אפקלאנג פון איר פייפן, ווי א דערמאנונג: ס'איז געווען און ס'איז ניטא. און אז דער רויך פון דער רויך־באן שפארט זיך מיט קראפט ארויף, קלאפט עס אפ אין דער נאכט ווי א גרויסע פאסירונג.

דער טאג איז ווערא'ס; די נאכט איז פרעד'ס.

נישט אלע מאל האט ווערא די מאכט איבער פרעד'ן. איר קראפט, איר איינפלוס אף אים איז דעם גאנצן טאג. אין די נעכט אבער וואס זיי נייען ארום צוזאמען, האט פרעד די אויבערהאנט.

בייטאג איז ווערא די איבערגעלעבטע, אינטעליגענטע מיידל פון גרויס־שטאט; די דערצויגענע פון ביכער, פון בילדונג, א פרוי מיט אן עקשנות'דיקן ווילן און וואס איז די לעצטע צייט אזוי אי־בערגעגעבן צו א פראקטישע אידייע. אויב עס טרעפן זיך מינוטן מיט פרעד'ן, וואס זי דערפילט זיך ווי א פרימיטיווע פרוי, וואס איז גרייט זיך אונטערגעבן זיין מאגלאכע קראפט, זיך בויגן אונטער זיין ווילן, ניכטערט זי זיך אבער באלד אויס, פון א געדאנק וואס פאר־טרייבט דעם געפיל. און יעדער געדאנק אירער איז א קאלטער, א קלארער, א דורכגעטראכטער.

אין די נעכט אבער גיט זי זיך קיין רעכענונג ניט אפ. זי דערפילט די מיסטישע קראפט פון דער נאכט איבער איר.

און פרעד איז ביינאכט ווי א סאווע, וואס איז דעם גאנצן טאג געווען א געפאנגענער, א שוואכער און האט איצט זיין פריי־הייט און זיין גבורה באקומען.

צי טראכט דען אמאל פרעד פון זיין ארעם לעבן, פון זיין לעבן אן א תכלית, ווען ער וואנדערט ארום ביינאכט ביים לייק, אדער אין וועלדל, אדער איבער די שטילע געסלאך פון איאלא? איז ער דען ניט אזוי פיל זומער־נעכט איבערגעשלאפן וואו ס'האט זיך נאר גע־מאכט, צי אויפן זאמד ביים לייק, אפן גראז אין וועלדל, אדער גאר אין א טאל, אנגעשפארט די קאפ אף דער הוילער ערד?

וואס האט געטראכט פרעד אין די דאזיקע אלע נעכט וואס ער האט ארומגעוואנדערט, אדער איז געלעגן אפן גראז און לאנג־לאנג אף די שטערן געקוקט?

געטראכט, אז גרויס אן א שעור איז זיין היים־ארט איאלא, וואס שפרייט זיך אויס אנטקעגן א הימל א גאנצן, מיט שטערן אזוי פיל, וואס ווער קאן זיי איבערציילן. און שוואכע, האלב בלינדע זיינען זיינע אויגן, וואס זעען נאר אביסל אין דעם הויכן ווייטן רוים. ווען גרעסער זיינען זיינע אויגן און עס איז דא אין זיי א ליכט אזא ווי פון אט יענעם פינקלדיק בלויען שטערן וואס האלט זיך ניט ווייט פון דער לבנה, וואלט ער געקאנט ארויפקוקן א סך העכער, איבער דער

לבנה, איבער די שטערן און איבער דעם הימל. ער ווייסט ניט, צי דאָרט איז דאָ אַ גאַט מיט מלאכים, נאָר עפּעס סודות'דיקעס, עפּעס גרויסעס איז דאָרט זיכער דאָ... אַז ער האָט לאַנג געקוקט אַרויף, איז אַ נאַכט אַזאַ, אַ פרעמדע, אַ געקומענע פון ערגעץ ווייט נאָר אויף שעה'ן, און אַ פּאַספּאַרישע בלויקייט האָט אַרום דער לבנה זיך געוועבט און געלויטערט, האָט זיך אים געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט איז ערשט געוואָרן...

און ער האָט געזען עפּעס פון דעם טיפן סוד אויבן, אויבן, ביים אָנהויב פון דער וועלט.

אַמאָל, אין די שפּעטע שעה'ן פון דער נאַכט, ווען ער ליגט אַזוי אויפן גראָז און נאָר ער איינער אַליין וואַכט איבער דעם אַרום, אַזוי ווי אַלץ איז זיינס און ער קאָן עס ניט פאַרלאָזן, דערהערט ער אַ שטיל־ריידן. שטילע, נאָר מיטן גאַנצן כח שרייענדיקע קולות פון אונטער דער ערד אַרויס. איינמאָל האָט ער מיטן גאַנצן חוש פון זיין געהער זיך צוגעהערט: ס'איז ניט געווען פון ערגעץ אויף דער ערד, נישט פון קיין ווינטל און נישט פון קיין שאָרכן און ניט פון ערגעץ ווייט. די פאַרשטיקטע קולות זיינען געקומען פון דער טיף, פון דער ערד אַרויס. איז אים באַפאַלן אַ פּחד און ער האָט אַ פּאָר מינוט מורא געהאַט צו זיין דאָ אַליין. און ער האָט מורא געהאַט אַוועקגיין און די מורא האָט אים אויף איין אָרט געהאַלטן.

ער איז געווען זיכער, ער האָט געהערט ווי מתים ריידן, רופן אים.

טויטע פון ערשט און טויטע שוין פון הונדערטער יאָרן, בעטן זיך מ'זאָל זיי אַרויפלאָזן. זיי בייַנקען נאָך אַזאַ נאַכט דאָ און זיי ווילן דערציילן וואָס דאָרטן ביי זיי טוט זיך. נאָר אויף אַ ווייל ווילן זיי אַרויפקומען, און אַז ס'וועט ווערן טאָג, וועלן זיי צוריק אַוועק.

אַ סך, אַ סך מאָל האָט שוין פרעד שפּעט בייַנאַכט געהערט אַזאַ געוויש, אַזאַ געבעט און ער שרעקט זיך שוין ניט.

אין דאָרף אַליין, צווישן די מענטשן, האָט פרעד ניט קיין אַנזען. דאָ איז זיין מלוכה אין די שעה'ן פון דער נאַכט.

ווערא זיצט מיט אים אויפן באַרג, קוקט צום טייך און פילט זיין האַנט אַרום איר האַלז, אַ שטאַרקע האַנט וואָס האַלט איר פעסט אַרומגענומען, נאָר זי פילט ניט קיין שווערקייט. ס'איז אַזוי ווי ער

וואלט מיט זיין האנט איר געשיצט, ס׳זאל איר קיין שלעכטס ניט געשען. אירע ליפן האלט זי אף זיינע פינגער — אט עפנט זי אויף דאס מויל און גיט אים א ביס.

זי בויגט זיך מער און אף זיין שוים און קוקט אף אים, קוקט אים אין די אויגן אריין, קנייטשט איין דאס ברייטע נעזל אירס און מאכט א „צורה״.

די גאנצע צייט וואס זיי זיצן דא, זעט פאר זיך ווערא א בילד: א בער און א בעריכע.

נאך אז זיי זיינען געגאנגען אהער, דורך א שמאלער סטעזשקע אין וועלדל, האט זי באמערקט אין א זייט, ווי פון די קוסטעס ארויס, האט א שטילער שעפטשען זיך געהערט. א געמורמעל פון מענטשן וואס טוען א הייליקע ארבעט, נאר פאר אנדערע דארפן זיי זיך היטן... ווערא האט אין אנהויב זיך דערשראקן, א כאפ געטאן פרעד׳ס האנט. נאר ער איז געווען רואיק. געבעטן איר אנגיין מיט דעם געשפרעך וואס זי האט געפירט. נאכדעם האט זי דערזען א העלע ווייסע קלייד האט זיך א פארקאטשע געטאן. און פרעד האט עס אויך געזען. און זי האט איר האנט פון זיינע אף א ווייל ארויסגענומען.

דא, אף דעם פרייען פלאץ וואו זיי זיצן, וואס געהער צום סאלדאטן לאגער, זעט זי, ווי ניט ווייט זיצט דא און דארט א פארל. אט דערהערט מען איינעמס רעדן און א געלעכטער. און אט ווערט שטיל. קוקט אהין ווערא א פאר מינוט שפעטער, איז אין ערשטן אויגנבליק, זעט זי שוין די צוויי מענטשן מער ניט. נאר זי קוקט זיך שטארקער איין, דערזעט זי אז עס רירט זיך, ס׳באוועגט זיך. דאס פארל פירט דורך זייער באגער.

אין אן אנדער זייט, וואו ס׳האט זיך געזען א באוועגנדיקער קוסט, האט עמיצער אין גרויען זיך אויפגעזעצט. אן אנגעצינדן שוועבעלע האט א פלאקער געטאן. דער מאן האט א סיגארעט פאררויכערט. אזוי טוט ער נאך א גוטן מאכל, נאך יעדער זאך וואס ער האט דערפון הנאה.

אונטן, אפן זאמד, ביים לייק, טליען פייערלעך וואס מען האט פארלאזט. שפעטער וועט מען אפשר קומען און מען וועט נאך צוויי־גלאד ארויפוואַרפן און דעם פייער גרעסער מאכן. איצט זיינען די מענטשן אוועק. אינמיטן וועג זיינען זיי ערגעץ, צווישן דעם זאמד

אונטן און דעם ברעג פון בארג, אויבן. אנדערע זיינען אוועק ווייטער, וואו ס'איז שטארק טונקל.

פון לייק ארויס הערט זיך א פליושקען. א בחור און א מיידל באדן זיך. מע הערט זייער רעדן, מען זעט דעם אפגלאנץ פון זייערע לייבער און דאס אפטע פאטאס'דיקע אויסשרייען פון דער מיידל.

ווערא זיצט שטיל. זעט אלעס. זי זעט אויך ווי פרעד זיצט אן אנגעשטריינגטער. הארט זיינען זיינע מוסקולן, און דער בליק אין זיינע אויגן פרעגט, מאנט:

— פארוואס ניט מיר אויך?...

א קילער ציטער גלעט ווערא'ס געזיכט. איר קערפער איז ווארעם. זי פילט ווי זי וואלט צופיל לופט אין זיך איינגעאטעמט און וואוהין זי ווענדט איר בליק, זעט זי פאר זיך דעם בער מיט דער בעריכע, וואס זי האט אין א פארק אין דער גרויסער שטאט געזען.

ס'איז געווען אין א פארנאכט פון א טאג א הייסן. זי איז געווען א פאר שעה אין פארק אליין און האט זיך שוין געלאזט ניין צום ארויסגאנג.

אז זי האט גענומען צוקומען צום פלאץ וואו די חיות געפינען זיך, פון איין זייט א בערגל, וואו זיי האבן אונטן זייערע היילן און פון דער אנדערער זייט הויכע אייזערנע גראטעס, האט זי דערזען, ווי מענטשן א סך שטייען נעבן די שטייגן און אף די היילן און קוקן אף איין ארט, שטארק נייגעריק־פאראינטערעסירטע.

פרויען, יונגערע און עלטערע, זיינען אויך געשטאנען דארט, אבער עטוואס אין א זייט, געכאפט א קוק צו דער שטייג און באלד פארדרייט די פנים'ער, אזוי ווי זיי וואלטן גאר ניט געזען. און אלץ געשטאנען דארט. פון אינעווייניק, פון דער פארצאמונג ארויס, האט זיך אלע ווײַלע דערהערט א שטארקער ווילדער ברומען פון א חיה. און די מענער זיינען געשטאנען און געקוקט אהין און געקוקט איינער אפן אנדערן און געשמייכלט.

ווערא איז געווארן שטארק נייגעריק, האט זיך דורכגעשלאגן א וועג און איז צוגעקומען נאענט צו די גראטעס.

דארט זיינען געווען א בער און א בעריכע.ביידע טונקל־ברוינע, שווערע, מיט פינקלדיקע אויגן, וואס האבן אין זיך אויפ־

געהאַלטן דעם גלאַנץ פון די ווילדערנישן און דאָס ווילדקייט פון זייער שטאַם.

אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי אין זייער שטייג אַרומגעגאַנגען, אויפ־געהויבן די פאַדערשטע לאַפּעדיקע פיס און קונציק אַריינגעכאַפּט אין די מיילער די שטרויענע נים וואָס מ'האָט צו זיי געוואָרפן.

איצט האָבן זיי ניט לאַנג אָפּגעגעסן. ס'ליגן נאָך שטיקלאָך פון דעם ברויט וואָס מ'האָט זיי געגעבן.

אָפּגעגעסן, און דער בער האָט זיך צו דער בעריכע גענומען טוליען, אַנגעהויבן זיך אַרומדרייען אַרום איר.

אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי געווען צוזאַמען. אַ סך מאָל האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט, געזוכט אַ פרייע וועג. נאָר צוגעקומען צו די גראַטעס און ביידע האָבן זיך אויסגעדרייט צוריק. אפשר איז דאָרט פריי דער וועג. נאָר דאָרט, אין דער הייל, איז אויך די וועג פאַר־שטעלט.

איצט האָט דער בער ניט געזוכט קיין פרייהייט, נאָר תענוג, נחת אַ סך. זיין פּאַרל, די בעריכע, איז געשטאַנען נעבן אים, נעבן אים.

נאָר אַזוי ווי ער, אַזוי האָט זי זיך אויך אַרומגעדרייט און אין אַנהויב ניט געלאָזט אים צוקומען גאָר נאָענט. אַפּטמאָל אים געגעבן אַ שטויס אָפּ מיט איר קאָפּ אָדער מיט אַ לאַפּע. זי איז אויך אַזאַ חיה ווי ער.

האָט דער בער געברומט, געשריגן, אויסגעשריגן זיין גרויסן באַגער.

און מיט יעדער רגע וואָס ס'איז אַוועק, מער און מער דערפילט זיין קראַפט וואָס איז שטאַרקער פון אירער; און זיין ווילן איז גע־וואָרן אירער און ביידע האָבן געהאַט דעם זעלביקן באַגער.

האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים, גאָר נאָענט נעבן אים און ער האָט איר באַהערשט, ווי עס באַהערשט יעדער מין זכר די נקבה פון זיין מין.

גרויס איז געווען דער כח פון דער בעריכע אין אירע פיס, נאָר שווער אַזוי איז געוואָרן די משא פון דעם בער איבער איר, די משא וואָס האָט געדריקט, וואָס איז שווערער און קרעפּטיקער און אומרואיקער געוואָרן. האָט זי, אַ סאַפּנדיקע, ציענדיק אַלע כחות

פון זיך אין די פיס אריין, גענומען ארומשפאנען איבער דער לײנג און ברייט פון דער שטייג, צו אנזאמלען כחות, צו אויפהאלטן די כחות.

און דער בער האט נאך שטארקער ווי פריער געברומט און געשריגן. די ווילדקייט פון וועלדער האט אין אים געברויזט. ער האט וואס ווייטער לאנגזאמער געמאכט די טריט פון דער בעריכע. גע־וואוסט, אז זי וועט עס אויסהאלטן, אויסהאלטן.

עס האט פון זיין האלז ארויסגעשריען די ווילדע פרייד פון זיין מיט זיין מין און די בעריכע, האט ווי שוין א צוגעוואוינטע צו דער לעבעדיקער משא און דערפילנדיק אזוי ווי ער דאס גוטסקייט פון זייער צוזאמענזיין, האט זי שוין אליין ארומגעשפרייזט מער פא־מעלעך און מער אונטערגעבנדיק זיך.

ווערא זעט איצט ווידער דאס בילד פאר זיך פון דעם בער מיט דער בעריכע. זי זעט עס אין די אלע סצענעס ארום זיך. זי הערט דעם בער׳ס ברומען אין דעם שטילן שעפטשען דא פון די פארלאך, אין די בילדלאך אפן זאמד, קוקנדיק אף דעם פארל וואס באדט זיך אין לייק. זי זעט דעם בער׳ס ליידנשאפטלעכן בליק אין פרעד׳ס אויגן.

— קוק ניט אף מיר אזוי — האט ווערא שטיל געזאגט צו פרעד׳ן און האט אים ארומגענומען, ווי א כלה־מיידל, א שעמעוודיק־פארוויטעלטע, איר חתן, לייכט, צארט.

## XVIII

די נאכט אין איאלא האט זיך צענויפגעמישט מיט א נאכט א לאנג שוין געוועזענע —

ווייט־ווייט פון איאלא, איבער א ים א גרויסן, אין א שטעטל א אידיש, א אידיש שטעטל אין אוקראינע —

און יארן לאנג שוין צוריק, נאך איידער ווערא איז געבוירן געווארן. נאר אין א נאכט אזא, א זומערדיק ווארעמע און ליב־טיק־לויטערע.

אין א הויז אן אלטע, אונטער א דאך מיט שינדלען, ביי א

טייכל א קליינס מיט לעפעכעס און גרינעם שוים, וואו פארנאכט האבן זשאבעס אומעטיק געקוואקעט. —

איז געזעסן קלמן, ווערא׳ס טאטע, שפעט אין הויז ביינאכט און האט תקון ליל שבועות געזאגט.

אין אז אלקער אז אפגעצוימטן מיט דינע ברעטלאך, איז גע־לעגן כייקע אף איר בעט און האט זיך איינגעהערט אין איר מאנ׳ס זאגן, אין איר מאנ׳ס געזאנג.

ס׳איז געווען א שבועות נאכט און קלמן איז אהיים געקומען פון אן אנדער שטאט, צום ווייב, וואס האט ביי איר טאטן געוואוינט.

ערב יום טוב האט כייקע אירע צוויי צימערלאך מיט גרינס ארומגעהאנגען, די ערד מיט געלע ליים ארומגעשמירט און באשאטן מיט צעריבענעם ציגל. איר אטעם האט אף אלץ געהויכט און אירע הענט האבן מיט א לייכטן ציטער די ארבעט געטאן.

צוגעגרייט צוויי ציכטיקע צימערלאך פאר קלמנ׳ען, אז ער וועט אף יום טוב אהיים קומען.

באלד נאך פסח איז ער אין דער פרעמד אוועק. איר טאטע האט אים געהאלטן אף קעסט א יאר און האט אים אויסגעלערנט זיין מלאכה, מאכן זייף, ווייסע זייף, מיט בלויע בלומען־פלעקן. איצט איז ער אוועק אין אן אנדער שטאט, וואו ער האט מיט א שותף א געלט־געבער, א זאוואדל געעפנט.

שפעטער, אם ירצה השם, אז ס׳וועט אים מצליח זיין, וועט ער קומען, קלמן, און וועט איר נעמען צו זיך. איצט קומט ער דערווייל נאר אף יום טוב.

פון נאך פסח ביז שבועות, ליכטיקע זוניקע וואכן, מיט ריחות אזעלכע פריש־אנגענעמע, איז ער געווען אליין אין דער פרעמד און דאס הארץ האט געצויגן.

איצט איז ער אין דער היים. ער האט געדאווענט אין דעם „רבינ׳ס קלויז“, אינאיינעם מיטן שווער, וואס איז שוין מכמה יארן א גבאי אין דער שול.

דער שווער מיט דער גרויליך־לאנגער באָרד און ער מיטן געלן בערדעלע. א קליין ביסעלע ארומגעשוירן. דעם שווער׳ס קול ביים דאווענען איז אביסל הייזעריק געווען. אזוי ווי די באָרד זיינע, וואס איז שווארצלאך און גרוי און ארומגעציפט אינמיטן און ביי די

זייטן, אזוי איז זיין קול. ס'קומט מיט א זיפץ, ס'איז איבערגעהאקט און ס'גייט זיג־זאג'יק. ס'וועט געדויערן לייגגער ביז ס'וועט אנקו־מען וואו מען דארף, נאר ס'וועט אנקומען...

קלמנ'ס קול ביים דאווענען איז ווארם און גלאט. זינגענדיק און אמאל פארגייט עס מיט א פאנפענדיקן חן'דל אונטער דער נאז. ס'איז מער פאר זיך אליין ווי פאר דעם אויבערשטן... כאטש ער אליין ווייסט ניט דערפון.

קלמן איז פרום. אין דער פרעמד, זייענדיק פאר'דאגה'ט מיטן עול פון פרנסה און מיט פרעמדע מענטשן, האט ער ניט געקאנט אזוי גוט אפהיטן דאס פרומקייט.

אבער איצט, אין דער דאזיקער נאכט פון שבועות, וועט ער אפגעבן דעם וואס לעבט אייביק וואס עס קומט אים, ווייל זיין הארץ איז מיט אים.

זיצט ער ביים טיש, ביים בלאסן ליכט פון דעם האלב פאר־דרייטן קעראסין לעמפל און מיט א נגון א ביינקענדיקן, און שאקלענ־דיק זיך מיט הנאה און מיט התלהבות, פילנדיק דעם גוטן טעם פון יעדער ווארט, זינגט ער אויס די קאפיטלאך פון דער תורה.

— וידבר ה' אל משה כה תאמר לבני ישראל —

האט גאט גערעדט צו משה'ן — אזוי זאלסטו זאגן צו די קינ־דער פון ישראל...

און דאס קול זיינס, א בעטנדיקס, גייט ארויס דורך די פענצטער אין דרויסן ארויס, הערט זיך איבערן געסל דעם שטילן, שוועבט צום טייכל צו, וואו א האלבע לבנה האט איינמאל א קוק געטאן און ס'איז געבליבן איר שיין און טראפנס וואסער האבן אויפגעשפריצט און ארום האבן זיך די וואסערן צעבולבעט און ווייטער פון טייכל, אף דער גוי'אישער גאס בילט א הונט אין דער נאכט אריין.

אין די פאר וואכן אין דער פרעמד, האט קלמנ'ען געצויגן אהער. הערט בייקע אין דעם אלקערל א נייעם ביינקשאפט נגון וואס ער האט אים געבראכט אהער פון דער פרעמד... און עס ווערט איר אזוי אייגן, אז עס דוכט זיך איר, ער זינגט איר נגון אויס...

יונג־פארשייט איז איר לייב... מיטן ערשטן קלייד וואס זי נעמט יעדן אפדערנאכט פון זיך ארונטער איר איר אלקערל, ווערט אוועקגעלייגט איר צניעות פון א גאנץ טאג און עס צאפלען זיך

אַרויס גלידער ניט געזעטיקטע, אָנגעצויגן וואַרעמע. זי דערשרעקט זיך אַליין פֿאַר דער מאָנענדיקער קראַפֿט פֿון איר ליבּ. אַף דער גיך טוט זי זיך אויס און באַהאַלט זיך אונטער דער קאָלדרע, זי זאָל זיך ניט זען און הויבּט אָן אינמיסטן טראַכטן פֿון קלמנ'ען אין דער אַנדערער שטאָט — אַז דער אויבּערשטער זאָל העלפֿן, ער זאָל עפּעס צוקומען צו אַ תּכלית...

היינט האָט זי זיך ניט געשראָקן. זי האָט אַזוי ווי צו איר איינגן ליבּ געשמייכלט: היינט וועט שוין זיין אַזוי ווי דו ווילסט... און זי האָט געפֿילט ווי איר ליבּ, אירע גלידער גרייטן זיך, פֿרייען זיך.

זי האָט געוואַרט אַף אים אין אַלקערל. נאָר קלמן האָט זיך צום ספר גענומען. ס'איז בּילכבער.

און שפּעטער, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבּן ווערן מיד און שלעפּעריק און אַ חוץ צו כייקען, האָט אים שוין אויך געצויגן צו דער קישן, צום בעט־געוואַנט, אויסרוען די בּיינער, אַנשלאָפֿן ווערן אַזוי ווי ער איז אין דעם אַנטאָן, האָט ער זיך שטאַרקער אָנגע־שטריינגט און העכער אויפֿגעהויבּן זיין קול, געטריבּן דעם שלאָף, געטריבּן פֿון זיך אַלע פֿאַרלאַנגען, אַלע זייטיקע מחשבות.

פּלוצים האָט ער אויפֿגעהערט. ער האָט, דאַכט זיך, געהערט ווי כייקע האָט אַ פֿאַרשלאָפֿענע, מיט אַ צעצויגן קול אים אַ רוף געטאָן.

האָט ער זיך איינגעהערט אַ ווײַלע אין דער שטילקייט. איז צו־געגאַנגען צו דער טיר פֿון אַלקערל, האָט דערזען איר ליגן מיט אַ סאָפּנדיקן אָטעם. ניט געזען אין דער טונקלקייט, צי זי דרעמלט, צי זי האַלט די אויגן אָפֿן. ער האָט געפֿילט אַז דעם גרעסטן פֿון אַלע פֿאַרגעניגנס וועט ער איצט האָבּן אַז ער וועט צוקומען נאָענטער, נאָענטער. בּלייבּן דאָ.

אָבּער ווי פֿון עמיצן וואָס וואַלט אים צוגעהאַלטן, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צוריק אין דעם גרעסערן צימער אַריין, האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט בּיים טיש און מיט אַסקעטישער הנאה וואָס ער איז בּייגעשטאַנען אַ גרויסן נסיון, האָט ער זיך ווייטער פֿאַרטיפֿט אין דעם זאָגן, אין דעם זינגען.

און דער נגון האָט זיך אינדרויסן אַרויסגעלאָזט, האָט זיך

באהעפט מיט נאך אזעלכע שטילע נגונים — אין דער יום טוב׳דיק הייליק שיינער נאכט.

זיצט ווערא אפן בארג אין איאלא, א פארטראכטע, א פאר־טיפטע אין זיך. זי טראכט ניט פון עפעס, באשטימטעס, נאר אזוי ווי זי און די נאכט דארפן ביידע עפעס אויסטראכטן.

— אט פליט א פלעדערמויז — זאגט פרעד — בויג זיך אן.

זי בויגט אן איר קאפ, אז דער נאכטיק־מיסטישער פויגל איז שוין נאענט נעבן איר. אט האט ער זיך איינגעגראבלט מיט די שטע־כיקע פיסלאך אין אירע האר און וועט זיי ניט קאנען ארויסנעמען. אזוי דאכט זיך איר.

פרעד שמייכלט וואס זי האלט נאך אנגעבויגן דעם קאפ. זי ווייסט אבער ניט וואס זיין שמייכל באטייט. זי ווייסט ניט וואס איז מיט איר איצט.

די נאכט פון אמאל, פון יענעם שטעטל דעם ווייטן און די נאכט די איצטיקע אין איאלא, גייען ביידע ארום איבער דער וועלט, האבן זיך ביידע צענויפגענומען.

און אפשר האט דער לויטערער גייסט פון איר טאטן אין יע־נער נאכט איר באווירקט איצט.

— קום ארונטער אפן זאמד. א פייערל ברענט נאך — זאגט זי צו פרעד׳ן מיט א קול פון א מידער וואנדעריו.

און זיי לאזן זיך ביידע ארונטער.

## XIX

א גרופע סאלדאטן זיינען געזעסן אפן זאמד ביים לייק, ארום א פייער וואס האט זיך געהאלטן אין אויסלעשן, האבן אפט געשפיגן און שטיל גערעדט צווישן זיך.

געקומען זיינען זיי אהער איינציגווייז. איינער איז געגאנגען, געזען א פייערל צעברענט זיך און א סאלדאט זיצט און ווארפט אן שפענדלאך און צווייגלאך, האט ער זיך אפגעשטעלט, אנגעהויבן רעדן און איז געבליבן זיצן.

נאך איינער האט ארומגעבלאנדזשעט אן א ציל, דורכגעגאנגען און געזען צוויי סאלדאטן זיצן ביי א פייער וואס פלאקערט ארויף,

מיט א רויך אף איין זייט, האט ער זיך אויך אפגעשטעלט און גע־בליבן דא.

ביז אכט סאלדאטן זיינען שוין דא געזעסן. געררויכערט, גע־רעדט, געשפיגן, ווי דאס וואלט געווען א טייל פון זייער ארבעט און יעדער איינער האט ביי זיך אפגעמאכט צו בלייבן דא, אפילו ביז טאג.

דער עלטסטער פון דער גרופע סאלדאטן, באב דזשאנס, א הויכער, א גראב־אנגעפאקטער און א באוואקסענער, מיט דיקע ברעמען, מיט פרישטשעס אפן געשטופעלטן פנים, האט שוין אוודאי צום צענטן מאל זיך נאכגעפרעגט ביי דזשאני בראון, א יונגער סאלדאט, וואס איז א שרייבער אין די ארמיי „העדקוואדערס", אויב עס וועט טאקע אינגיכן זיין א מלחמה.

דזשאני ווייסט, אז באב איז אן אלטער סאלדאט, וואס איז דורכגעדרינגען מיטן גייסט פון דער ארמיי. ער איז שוין געווען אין מלחמות און כאטש ער איז פארבליבן א „באק פרייוועט", א פשוטער זעלנער, אז א וועלכן ס'איז טשין, איז ער אבער א חשוב ביי די אפיצירן.

אז באב איז אנגעקומען מיט א פראגע צו אים, האט ער גע־וואלט אביסל א שפאס טאן און אלע מאל געגעבן אן אנדער ענטפער:

— ס'וועט זיין א מלחמה. זאלסט זיך גאר ניט זארגן. הערסט ניט ווי מ'האלט גאנצע טעג אין איין לערנען זיך שיסן?

— א קויל וועט דיך נאך טראגן דריי מייל הויך.

— דיך וועט מען שוין האלטן אויף „האום גארד". אין א מלחמה דארף מען האבן יונגע, פרישע בלוט, אזוי ווי מיינע...

און גאר צום סוף, אז באב איז שטארק צוגעשטאנען צו אים און האט אים אפילו ארומגענומען דעם האלז מיט זיינע לאפעס, האט דזשאני אים שוין דארויף געענטפערט גאנץ ערנסט:

— אז מען גרייט זיך צו א מלחמה, ווייסטו דאך פונקט אזוי ווי איך. מיט וועמען די מלחמה וועט זיין, איז ניט דיין עסק און וועז זי וועט זיך אנהויבן, ווייס איך אויך ניט. קיינער ווייסט דא ניט. דו ווייסט דען ניט, ווי אזוי סע גייט צו אין דער ארמיי? פריער רעדט מען גלאט אין דער וועלט אריין. נאכדעם ווערט שטיל. נאכ־דעם קלאפט מען טרעוואגע, מע גיט דיר „הארד טעקס" מיט א ביקס

און מיט קוילן און מע פירט דיר ערגעץ אוועק אין א וואלד אריין און מען ווייזט דיר אן: דארט איז דער שונא. שיס!

מיט דעם ענטפער איז שוין באב געווען צופרידן. דזשאני האט גערעדט אמת'ע רייד.

באב'ן ציט צו מלחמה. ס'מאכט ניט אויס וואו עס איז, צי ווייט, צי נאענט. זאל מען דא אוועקשטעלן די ארמיי און ווייזן איבער דעם בארג: דארט איז דער שונא, שלאג זיך מיט אים — וועט ער ניט פרעגן: ווער איז דער שונא און אוודאי ניט: פאר־וואס איז ער א שונא? ער וועט אנלאדן די גוט דורכגערייניקטע און אנגעאוילטע ביקס זיינע מיט גענוג קוילן, וועט אנשטעלן דעם באיאנעט און מיט א כעס און א געשריי זיך לאזן אפן בארג ארויף, מיט פארשטשעמטע ציין:

— יו סאן אוו עי — — —

און וואס אמת איז אמת. אז דער שונא איז שטארק און ווייזט ארויס א גרויסן ווידערשטאנד, אדער ער מאכט שטארקע אנ־גריפן, ווייסט באב ווי אזוי אפצושאצן זיינע כחות.

— אויב עמיצער וועט קומען און מיר זאגן, אז די דייטשן זיינען שלעכטע סאלדאטן — האט באב ליב אפט צו זאגן — וועל איך אים אויסזעצן די ציין. זיי זיינען העלדישע קעמפער, די דייטשן. נאר דא, אפן פראנט האבן זיי זיך געשלאגן און דארט אין דער היים, האבן די „סלעקערס" מיט די „קליידלאך" געמאכט א רעוואלוציע, דער רוח זאל זיי נעמען!

גוט ברוגז איז באב אף דעם „מארינער" נעלסאן, וואס איז דא אויך צווישן דער גרופע. און ער האט אים היינט ווידער שטארק אויסגערעדט.

נעלסאנ'ען איז געווען גוט. ער איז געווען א צוויי יאר מיט דעם אמעריקאנער פלאט אין כינע. אלע מאל, דערציילט ער אליין, האט אויסגעבראכן א קאמף צווישן די „טשינקיס" און מ'האט זיי געדארפט איינשטילן, איינהאלטן די צעבונטעוועטע כינעזער, זיי זאלן וויסן וואס ס'הייסט זיך בונטעווען אנטקעגן זייערע אייגענע סאלדאטן און אנטקעגן די סאלדאטן פון אמעריקע און אנדערע לענ־דער. ס'איז געווען גענוג וואס צו טאן. א סאלדאט האט דארט כסדר געדארפט זיין אף דער וואך. אלעמאל באוואפנט.

נעמט ער, דער נעלסאַן, און בעט זיך מע זאָל אים אָפּלאָזן פֿון דאָרט. איז דאָס אַ סאָלדאַט?

— דו ביזט ניט ווערט צו טראָגן קיין יוניפאָרם — האָט אים באָב גע׳מוסר׳ט און געזידלט — האָסט זיך געדאַרפֿט שעמען.

נעלסאָן, ביי וועמען דאָס דינען אין מיליטער איז נאָר אַן אַוואַנטיורע און אַז ער דערפֿילט אַז עולה, האָט ער עס ליב אַרויס־זאָגן, האָט ניט געקאָנט לײַדן וואָס באָב זידלט אים. ער האָט אויך ניט געוואָלט אַז באָב׳ס ריידן זאָל האָבן אַ ווירקונג אויף די אַנדערע סאָלדאַטן, האָט ער געענטפֿערט מיט האַרץ און פֿאַרדראָסיג:

— וויפֿיל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, באָב, אַז דו זאָלסט מיט מיר וועגן דעם ניט ריידן און מיר ניט אויסוואַרפֿן אַז איך בין ניט ווערט מײַן יוניפאָרם? דו ווייסט גוט, אַז איך בין ניט „יעלאָ״. איך בין אַזאַ גוטער סאָלדאַט ווי דו און אַלע דאָ. איך האָב פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. נאָר איך האָב ניט געקאָנט צוזען ווי מענטשן הונגערן, ווערן, אַזוי ווי דו הערסט, געשוואָלן פֿון הונגער. אונזערע, די סאָלדאַטן, איז געווען גוט ווי די וועלט. מיר האָבן געהאַט געלט און אַז מיר זײַנען אַרומגעגאַנגען אין אַ כינעזישער שטאָט, האָבן מיר געקראָגן אַלץ וואָס מיר האָבן געוואָלט. כ׳האָב עס אָבער ניט געקאָנט צוזען. מיר עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין און זיי פּרעסן הינט, מייז, ווערן געשוואָלן און אַזוי פֿיל מענטשן שטאַרבן פֿון הונגער. אַן אייביקע מגפֿה פֿון הונגער.

— אַ גוטן סאָלדאַט דאַרף ניט אַרן אַזעלכע זאַכן, אַזעלכע נאַרישקייטן — האָט באָב ניט געוואָלט וויסן פֿון די אַלע תּרוצים — אַ סאָלדאַט דאַרף וויסן, אַז ווער ס׳האָט גוטע זאַכן, וואוילטיק, דער פֿאַרדינט עס.

און ער האָט דערציילט פֿון זיך שוין גאָר אַן אַנדער געשיכטע ווי נעלסאָנ׳ס:

— איך האָב געאַרבעט אַ וואָך אין דער אָפֿיצירן־קיך. דאָס איז געווען מלחמה־צײַט, אין פֿראַנקרייך, ניט ווײַט פֿון פֿראָנט. האָבן די סאָלדאַטן אונזערע געגעסן האַרד טעקס מיט „גרעיווי״ און די איבערגעשיקטע, טוכלע פֿליישן פֿון די „סטייטס״ און די אָפֿי־צירן האָבן געגעסן טשיקנס מיט קאַטשקעס, די בעסטע עסנס און געטרונקען די בעסטע ווײַנען. האָט עס מיר געאַרט? איך האָב

געוואוסט, אַז מיר זיינען פּראָסטע סאָלדאַטן און זיי זיינען אָפיצירן.

נאָר וועגן דעם זיינען די אַנדערע סאָלדאַטן ניט געווען איינ־שטימיק מיט באָבן. יעדער איינער וואָס האָט קריוודעס צו די העכערע פון זיך, האָט דאָס אַרויסגערעדט. און אַפילו דזשאָני וואָס אַרבעט אין די העדקוואַדערס און איז אַלעמאָל מיט אָפיצירן, האָט זיי אויך קריטיקירט:

— איך בין פונקט אַזאַ גוטער סאָלדאַט ווי דער קעפּטען און דער מיידזשאָר. איך וועל אַוועקגעבן מיין לעבן פאַרן לאַנד אַזוי ווי זיי, און זיי דאַרפן ניט אַזוי הערשן איבער די פּראָסטע סאָלדאַטן, כלומרשט אין נאָמען פון „דיסציפּלין".

געזען אַז די מערסטע האַלטן ניט מיט אים, האָט שוין באָב געשוויגן. אָבער ניט געפילט זיך ווי אַ באַזיגטער.

ווייל איין זאַך, ווייסט ער, וועט אים קיינער קיינמאָל ניט קאָנען איינריידן: אַז די אַרמיי איז ניט גוט. און דאָס איז ביי אים דער עיקר. מלחמה איז אודאי גוט. זיך שלאָגן מיט שונאים איז דער טיפער בראויז פון זיין בלוט. אָבער אַפילו אין רואיקע צייטן איז ביי אים דאָס דינען אין דער אַרמיי, אַ גרויסער וויכטיקער אויפטו.

— ווייסט, אפשר, וואָס מ'וועט היינט עסן פאַר „ברעקפעסט"?

— פרעגט ער אַ סאָלדאַט וואָס זיצט נעבן אים און ער ווייסט אַז יענער אַרבעט אָפט אין קיך.

— שאַט־אָפ! — ענטפערט אים דער סאָלדאַט — רעד מיר ניט פון ברעקפעסט. איך וועל נאָך ווערן הונגעריק.

באָב דערלאַנגט אים גוטמוטיק אַ קלאַפּ אין פּלייצע און צע־לאַכט זיך מיט זיינע געדיכטע ברעמען:

— כע־כע, ס'ט נאָך ווערן הונגעריק. גוט געזאָגט, „שאַרטי". ביזט אַלרייט.

האָט ער דען ניט געזען אין צייט פון דער מלחמה, אַז קיין אַרמיי אין דער וועלט, האָט ניט אַזעלכע גוטע עסנס ווי אונזערע?

און נאָר ס'עסן? אַלצדינג איז גוט. די גימנאַסטיק אַפילו, וואָס ס'קומט אים נאָך אַלץ אָן שווער. דאָס אויסשטעלן זיך יעדן פרימאָרגן אין אַ ריי און באַלד ענטפערן ווען מ'רופט אויס זיין נאָמען — „היער!" דאָס דערוואַרטן יעדן טאָג עפּעס אַ נייעם באַפויל;

דעם נחת וואס ער פילט יעדן מאל ווען אז אפיציר קוקט איבער דאס געווער און זיין ביקס איז אויסגערייניקט און אויסגעאווילט, אז זי בליאסקעט, א פארגעניגן צו קוקן אף איר. ער זעט דען ניט, ווי דער אפיציר איז צופרידן פון אים, כאטש ער זאגט אים גארניט?

און וואס קאן זיין פאר אים א גרעסערער פארגעניגן ווי די „רעוועלי'' פארנאכט, מיט דער מיליטערישער מוזיק און די מיליטע־רישע מארשן? די צערעמאניע ווען מ'דארף שיקן די סאלדאטן אף דער וואך און ער פילט, ער ווייסט אז ער איז א טייל פון דער גאנצער ארמיי. א גוטער סאלדאט פון ערשטן ראנג!

מיט איין זאך נאר פילט ער זיך איצט געערגערט. ער האט זיך ארויסגע'גנב'עט פון זיין באראק און האט ארומגעבלאנדזיעט איבערן דארף און איבערן וועלדל און אויפן זאמד, ווייל ער האט ניט געקאנט איינרוען אף זיין געלעגער און ער האט געמיינט אז ער וועט האבן א „באגעגעניש''.

איז אים ניט געגאנגען. ער איז כמעט זיכער, אז די אלע אנ־דערע דא, די יונגערע פון אים, האבן היינט געהאט עפעס אן אוואנ־טיורע. נאר ער איינער — נישט. פארדריסט עס אים און ער איז נאך אלץ אומרואיק.

— כ'האב היינט אומזיסט צו'פטר'ט א נאכט — קאן ער ענדלאך ניט איינהאלטן ביי זיך זיין דורכפאל.

— אט איז איינע! — רופט אויס איינער פון דער גרופע, ווייזנדיק אף ווערא'ן, וואס גייט מיט פרעד'ן פון בארג ארונטער.

באב'ס אויגן ווערן אנגעצינדן, ווי ביי א חיה וואס דערזעט א פארציקונג.

— וואס כ'וועל איצט טאן, זאל זיין שטיל! — זאגט ער און קוקט צו דער חברה.

— וואס וועסטו טאן? — פרעגט אים נעלסאן — זי גייט מיט א מאן.

— א ציווילער — לאזט באב די אויגן ניט ארונטער פון ווערא'ן, וואס איז שוין באלד פון בארג אראפ — אויב ער וועט זיין קלוג, וועט ער ביי מיר ליגן אין וואסער. די מיידל איז מיינע. ד ע מ י ט!

---

דער נאַרדליכער שטערן האָט אַן איינזאַמער, אַ ווייטער, זיך געמיניעט, געביטן זיין קאָליר און אַרונטערגעקוקט מיט אַ מיסטי־שער ליכט.

מאַרס איז מיט דער לבנה געגאַנגען. ער האָט מיט זיין טיפער, שטאַרקער ליכט די לבנה צו זיך געצויגן, איר געפירט איבער בלויע־נישן, וואָס ווייטער אַוועק פון די אַנדערע פּלאַנעטן.

מלוכה פון דער שפּעטער נאַכט האָט אין די הויכע רוימען גערוישט.

די וואַסערן פון לייק האָבן מיט גערויש און שוואַרצע גע־היימנישן איבער זיך, געצויגן צו זיך די נאַכט. געוואָלט אַלץ אין זיך אַריינגעמען, איינשלינגען.

אַז ווערא איז מיט פערד'ן געגאַנגען אַראָפּ באַרג, האָט זי געהאַט דאָס געפיל צו גיין צום וואַסער, גלייך, אַז אַן אָפּשטעל און גיין אַזוי מייל, מיילן ווייט, ביז זי וועט קומען צו אַן אינזל.

דאָס פייערל און די מענטשן אַרום האָבן איר צוגעצויגן.

— העלאָ, סאַלדאַטן! — האָט זי זיי באַגריסט, צוקומענדיק צו זיי.

דער ענטפער איז געווען אַ שוואַכער, גרינג צו פאַרשטיין, אַז מ'איז ניט גערן אין איר. אייניקע האָבן געכאַפּט אַ קוק אויף באָב'ן.

דאָס שיר ניט איגנאָרירן איר, האָט ווערא'ן פאַרדראָסן. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט.

— כ'האָב געמיינט אַז סאָלדאַטן זיינען דזשענטללייט — האָט זי אַרויסגערעדט איר פאַרדרוס — אַזוי נעמט מען עס אויף אַ „ליידי", אַז זי קומט צו?

נעלסאָן האָט זיך צולאַכט.

ווערא האָט אויפגעכאַפּט באָב'ס חיה'שן בליק אויף איר קער־פּער און זי האָט זיך דערפילט ניט היימלאַך. און קוקנדיק אויף אַלע געזיכטער, האָט זי אַנגעהויבן עפּעס צו פאַרשטיין.

— רוקט זיך אָפּ אַביסל — האָט זי געזאָגט צו באָב'ן — לאָזט אַ מיידל זיך אַוועקזעצן נעבן אייך.

ער איז געבליבן זיצן. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר טאָן. געקוקט אויף אירע פיס און מורא געהאַט אַ קוק טאָן אויף איר געזיכט.

ער האָט געפֿילט ווי ער איז שכּור און קיינער איז דאָ ניטאָ אַ חוץ אים מיט איר און אַט גיט ער איר אַ כאַפּ אין זיינע אָרעמס און שטילט זיין ליידנשאַפֿט וואָס ברענט איצט אין אים אַזוי שטאַרק.

נעלסאָן האָט אַ וואונק געטאָן צו ווערא'ן, זי זאָל באַב'ן לאָזן צורו און זיך זעצן נעבן אים.

— אייגנטלאַד, האָב איך גאָר פֿיינט סאָלדאַטן — האָט ווערא געזאָגט, זעצנדיק זיך נעבן נעלסאָנ'ען און ריידנדיק אין אַ טאָן ווי דאָס וואָלטן געווען געוויינלעכע רייד — סאָלדאַטן לעבן אויפֿן חשבון פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק.

די ווערטער האָבן אַלעמען געטראָפֿן מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז יעדער פֿון זיי האָט געגעבן אַ ציטער־אויף און ס'איז אויף אַ ווייל געוואָרן זייער שטיל, ווי אַלע וואָלטן זיך אָנגעשטריינגט אויף קומען צו זיך פֿון דער שטאַרקער איבעראַשונג.

באָב האָט זיך אויפֿגעשטעלט און די סאָלדאַטן האָבן מיט שרעק געקוקט אויף אים, מיט דערוואַרטונג פֿון עפּעס אַזוינס וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען.

נאָר באָב איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט ווייטער, האָט זיך מיט אַ זייט אָנגעשפּאַרט אויפֿן זאַמד, אַ האַנט זיינע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן און ער האָט ווי אין אַ דעלירויום געקוקט אויף ווערא'ן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט. אַ דינער שמייכל האָט גענומען שפּילן אויף זייערע ליפּן. זיי זיינען געווען צופֿרידן וואָס ער וועט שטילן זיין באַגער און קיינעם וועט קיין שלעכטס ניט געשען.

איצט האָט מען שוין געקאָנט ריידן.

— וואָס מיינט איר, מיר לעבן אויפֿן חשבון פֿון פֿאָלק? — האָט דזשאָני געפֿרעגט.

— איר טוט עפּעס? — האָט ווערא קורץ געענטפֿערט מיט אַ טענה.

— מיר פֿאַרטיידיקן אונזער לאַנד — האָט ער געענטפֿערט מיט זיכערקייט, מיר געבן אונזערע לעבנס אַוועק פֿאַר אונזער פֿאָטערלאַנד.

ווערא האָט זיך גענומען גרייטן צו האַלטן פֿאַר די סאָלדאַטן אַ לאַנגע ערנסטע אַגיטאַציע רעדע. דערווייל האָט זי גערעדט אין אַ לייכטן טאָן:

— אויב ס'וועט זיין אַ מלחמה, וועט עס זיין דערפֿאַר וואָס

ס'ווערט אויפֿגעהאַלטן אַזאַ גרויסע אַרמיי, דערפֿאַר וואָס מיר האָבן אַזויפֿיל סאָלדאַטן.

— אַ וועלכע לאַנד האָט עס ניט קיין סאָלדאַטן? — האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ פֿראַגע עדי בוירק, אַ יונגער בחור, אַ רויטער, וואָס שטריינגט זיך אָן צו רעדן מיט אַ גראָב קול און זיך האַלטן עלטער פֿון זיינע יאָרן — יעדער לאַנד מוז האָבן אַן אַרמיי.

— צוליב וואָס? — האָט ווערא געוואָלט וויסן.

די דריי סאָלדאַטן, נעלסאָן, דזשאַני און בוירק, האָבן יעדערער געגעבן זייערע ענטפֿערס און פֿרעד איז געווען צופֿרידן וואָס ווערא האָט דערווייל אויפֿגעהערט צו ריידן אירע שאַרפֿע, געוואַגטע און אַנגרייפֿנדיקע רייד.

אַז זי רעדט מיט אַנדערע וועגן אירע קאָמוניסטישע אידייען, איז ער צופֿרידן. זי ווייזט זיך אַרויס מיט איר וויסן און די אַנדערע האָבן אויך וואָס צו זאָגן. אַמאָל האַלט ער מיט איר און אַמאָל מיט די אַנדערע. אָבער ס'איז ניטאָ קיין געפֿאַר אין די אַלע רייד.

איצט אָבער, איז ער פֿול מיט אומרו. ער האָט מורא אַז ס'וועט איר געשען שלעכטס. מ'הערט אויס אירע רייד ווייל זי איז אַ פֿרוי. אָבער וואָס וועט זיין, אַז זי וועט נעמען רעדן נאָך שאַרפֿער און זיי וועלן פֿאַרלירן דעם געדולד צו איר?

פֿרעד האָט מורא. ער ווייסט ניט וואָס ס'וועט זיין, אָבער ער שרעקט זיך, עפּעס וועט געשען.

וואָס וואָלט איר געאַרט, טראַכט ער, אַז זי זאָל מיט זיי ריידן גלאַט אַלגעמיינע רייד? זיך אויספֿרעגן, ווער יעדער פֿון זיי איז געווען איידער ער איז געוואָרן אַ סאָלדאַט, און ווי אַזוי גייט צו זייער לעבן איצט דאָ, אין די קאַזאַרמעס. צי ס'איז זיי גוט, צי ס'איז זיי שלעכט? דאָס וואָלט דאָך געווען מער מענטשלאַכער—טראַכט ער.

ס'טוט אים שוין גלאַט באַנג פֿאַרוואָס זיי זיינען אַרונטערגעקומען אַהער פֿונם באַרג, ער וויל זיין מיט איר אַליין. אַלעמאָל אַליין.

זעט ער דען ניט, ווי די סאָלדאַטן, כאָטש זיי טענה'ן זיך אויס מיט איר, אַמפּערן זיך און האָבן אַפֿילו אַ כעס אַף איר, האָבן אָבער הנאה פֿון איר זיצן דאָ מיט זיי. קוקן אַף איר מיט גלוסטונג. און

זייערע הענט ציען זיך צו איר, א ריר טאָן, א גלעט טאָן, פילן דעם ציטער פון איר לייב — זעט ער עס דען ניט?

מ'זאָל אים פרעגן, פאַרוואָס דאָס אַרט אים, פאַרוואָס ער קאָן דאָס ניט ליידן, וואָלט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אָבער אַזוי פילט ער.

ווערא איז צו אים געקומען אין א צייט, ווען דאָס לעבן זיינס האָט פאַר אים ניט געהאַט קיין שום ממשות'דיקן ווערט; ווען זיינע געדאַנקען זיינען פוסט געווען, זיינע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט, זיך ניט געהאַט וואו אָפּצושטעלן.

איז זי געקומען, די וואונדערלעכע ווערא, מיט איר פאַטאָס, מיט איר אַן א שיעור אינטערעסאַנטן לעבן און אינטערעסאַנטע גע־דאַנקען און עפּעס האָט זי אין אים דערזען און זי האָט זיך צוגע־בונדן צו אים און זי פירט זיך אַרום מיט אים און זי רעדט צו אים און זי הערט אים אויס.

פריער איז אים ווערא געווען ליב צוליב די באַזונדערע אייגנ־שאַפטן אירע און קערפּערלאַכע שיינקייטן. איר לעבעדיקייט און פלינ־קייט, איר שמייכל, א גלאַנץ פון אירע אויגן, ס'נעזל אירס, וואָס וואָס מער ס'פאַרקרימט זיך, אַלץ שענער און חנ'עוודיקער איז דאָס. אַלע מאָל איז געווען עפּעס אַנדערש, עפּעס נייס וואָס ער האָט אין איר אויסגעפונען.

איצט איז פון די אַלע מעלות געוואָרן איינס. איין באַשאַף. א וועזן וואָס איז אים אַזוי ליב און אייגן און נאָענט. אייגענער אפשר ווי זיין מאַמע, וואָס זי גיט אים ניט קיין פרייד, קיין גליק, ווייל זי האָט עס אַליין ניט.

פרעד האָט איצט, אַז ווערא האָט איינגע'טענה'ט מיט די סאָל־דאַטן, געפילט אַן אומרו. ס'איז צום ערשטן מאָל וואָס ער האָט מורא פאַר אירע רייד. דערווייל טענה'ן זיך די סאָלדאַטן אויס מיט איר, אָבער וואָס שטאַרקער זיי וועלן דערפילן אַז זי איז גערעכט און וועלן ווערן באַליידיקט פון אירע רייד, וועלן זיי אויסנוצן זייער מאַכט.

און מער פון אַלע האָט אים געשראָקן באַב. דער מגושם־אומ־געלומפּערטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך פאַררוקט אין א זייט און קוקט אַלץ אף ווערא'ן.

ווערא האָט אָבער קיין געפאַר ניט געפילט. זי איז געווען

צופרידן וואס דא איז דא א גאנצע גרופּע סאלדאטן. זי האט גע־וואלט ס׳זאלן דא זיין נאך א סך מער. זאלן אלע הערן אירע רייד, זאל איר אגיטאציע ווירקן אף וואס מער מענטשן. זי האט דאך אזויפיל צו זאגן צו אט די מענטשן!

עדי בוירק, וואס זיינע רויטע האר און זיין רויטער האלז האבן זיך געצונטערט און כעס האט זיך פון אים געשפּארט, האט געוואלט ווערא׳ן אינגאנצן צודריקן, אז זי זאל זיך באליידיקן און נית האבן וואס צו ריידן, האט ער געזאגט, מיט א ציטער צווישן די ליפּן־זייטן:

— אלע אידן האבן מורא... אפילו פאר א הויכן געשריי. זיי זיינען פייגלינגען. דערפאר ווילן זיי ניט קיין מלחמות.

— באלד איז ער דיר דא מיט אידן! — האט ווערא אפּגע־ענטפערט דערויף מיט א לייכטקייט — אזא יונגער שנעק און ער איז שוין אן אנטיסעמיטל.

די סאלדאטן האבן זיך צעלאכט. צופרידן וואס זי האט כמעט איגנארירט זיין באליידיקונג און האט אים אויך געגעבן צו וויסן, אז ער מעג בעסער הערן וואס אנדערע ריידן.

— אבער איר פארשטייט מיר קיינער ניט — האט זי איבער־געבויגן א פּוס און זיך געמאכט באקוועמער — איך זאג, אז מ׳דארף האבן אן ארמיי, נאר א רויטע, א רעוואלוציאנערע.

— אזוי ווי די „באלשעוויקס"? — האט דזשאני מיט שפּאס געפרעגט.

— יא. אזוי ווי די באלשעוויסטישע.

— וואס איז דער אונטערשייד פון אונזער ארמיי ביז דער באל־שעוויסטישער? — האט נעלסאן געוואלט וויסן — זיי האבן דאך אויך ביקסן מיט הארמאטן, מיט אלערליי געווער.

מיט נעלסאנ׳ען אז מ׳רעדט, דארף מען וויסן וואס מ׳רעדט. ער קאן אויסהערן וואס א צווייטער זאגט. ער אליין האט זיך זיינע ספקות. אבער אים „נעמען אף זיכער", דאס קאן מען ניט. ער האט שוין געזען אלערליי ארמייען: אמעריקאנער, ענגלישע, פראנצויזישע, יאפּאנעזישע און אלע זיינען זיי פאר דעם זעלביקן צוועק: פּארטיי־דיקן דאס אייגענע לאנד און פארכאפּן שטיקער פון אנדערע לענדער.

כאַטש ער האָט ניט געזען די רויטע אַרמיי, איז ער אָבער זיכער, אַז זי איז אויך אַזוי.

האָט אָבער וועראַ געהאַט צו דערציילן אים זאַכן וואָס זיינען פאַר אים געווען אינגאַנצן נײַ.

— ס'איז שוין גאָר אַ גרויסער אונטערשייד — האָט זי געזאָגט — אַלע אַרמייען זיינען דאָס געצייג פון קאַפּיטאַל, אָפּ צו פאַרכאַפּן לענדער, פרעמדע מאַרקן. יעדער קריגס שיף איז אָפּ צו זינקען אַ צווייטע פון אַן אַנדער לאַנד. די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, די ווירקלאַכע באַלעבאַטים פון יעדער לאַנד, ווילן אַריינקריגן וואָס מער קאַפּיטאַל, מער געלט. איז אָדער זיי טרייבן זייערע אייגענע לענדער אין מלחמות און מיליאָנען מענטשן קומען אום, ניט אַנהויבנדיק צו וויסן צוליב וואָס זיי געבן זייערע לעבנס אַוועק, אָדער זיי פאַרפירן אַן אינטריגע צווישן צוויי אַנדערע לענדער. רייצן אויף איינע קעגן דער אַנדערער און לייען זיי געלט אָפּ צו קאָנען פירן די מלחמה, און ווייסן, אַז זיי וועלן דאָס אָפּנעמען מיט גרויס פּראָצענט. זיי ווערן די פאַקטישע באַלעבאַטים פון יענע לענדער. דאָס איז וואָס מען נוצט אויס די אַרמייען פאַר די שונאים.

— יעם — האָט נעלסאָן געוואָלט וויסן וואָס זי האָט ווייטער צו זאָגן, און צום סוף זיך קאָנען איבערצייגן צי זי איז גערעכט אָדער אומגערעכט — און ווייטער?

וועראַ האָט געהאַט דעם גאַנצן געדאַנק ביי זיך. אַלע ווערטער וואָס זי דאַרף זאָגן און זי האָט זיך אַנגעשטריינגט צו אַנהאַלטן דאָס שנירל וואָס פירט ביזן סוף פון דעם געדאַנק, אַז זי זאָל ניט איבערפירן די אידייע וואָס זי דאַרף אַרויסברייננגען.

— און אַ חוץ דעם — האָט זי געפילט אַז זי גייט אָפּן ריכטיקן וועג — באַנוצן אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זייערע אַרמייען קעגן דעם „אינעווייניקסטן שונא“. מע שיקט סאָלדאַטן אָפּ אונטערדריקן סטרייקס פון אַרבעטער; צו האַלטן די אייגענע באַפעלקערונג אין דער מורא; ניט דערלאָזן אַז די אומצופרידענע, די פאַרשקלאַפטע, די געפּייניקטע, זאָלן אַרויס אין אַן אויפשטאַנד. איר ווייסט — האָט זי געפרעגט — צוליב וואָס אייער קעמפּ, אָט די קאַזאַרמעס דאָ זיינען אויפגעבויט געוואָרן?

— צוליב וואָס? — האָבן אייניקע פון דער גרופּע געפרעגט פאַראינטערעסירטע.

— אייער קעמפּ דאָ — האָט זיי ווערא געגעבן די פאַרלאַנגטע אינפאָרמאַציע, וואָס איז איר צונויפגעקומען פאַר אירע אַרגומענטן — אייערע קאַזאַרמעס דאָ זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן נאָך דער „היי־מאַרקעט טראַגעדיע", ווען מ'האָט אויפגעהאַנגען פינף אַנאַרכיסטן און די אַרבעטער זיינען געווען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. האָבן דעמאָלט די מיליאָנערן פון דער שטאָט מורא געהאַט פאַר נקמה, פאַר ווייטערדיקע אומרוען און זיי האָבן זיך באַוואָרענט מיט אַן אַרמיי, מיט סאָלדאַטן.

— און די אַרמיי אין רוסלאַנד? — האָט נעלסאָן שוין געוואָלט האָבן איר אויספיר וועגן דעם אונטערשייד, כאָטש ער האָט שוין אַליין געשפּירט די ווערטער וואָס וועלן קומען.

— אין דעם באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישן רוסלאַנד — איז ווערא שוין אַליין געווען גערן צו צוקומען צו דעם און זיך געפילט ווי אַט איז זי אַרויף אויף דעם זיכערסטן וועג — אין דעם סאָוועטן־לאַנד, וואו די אַרבעטער האָבן די מאַכט און דאָס לאַנד איז אַרומגע־רינגעלט פון אַזוי פיל שונאים, יעדער קאַפּיטאַליסטישע לאַנד איז איר שונא, איז דאָרטן דאָ אַ רויטע אַרמיי, אויף צו שטעלן זיך אַנטקעגן, צו באַשיצן דאָס לאַנד מיט ציין און נעגל, פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, באַזונדערס פון די, וואָס געפינען זיך ביי אירע גרעניצן, זיי זאָלן עס ניט קאָנען אומברענגען. ביי דער רויטער אַרמיי איז ניט אַזוי ווי ביי אייך, אַ סאָלדאַט זאָל מורא האָבן פאַר אַן אָפיציר, ער זאָל מורא האָבן אויסריידן אַ הויך וואָרט און דער אָפיציר זאָל האַלטן דעם סאָלדאַט פאַר אַ נידעריקע בריאה, וואָס מ'דאַרף אים וואָס מער דיסציפּלינירן. דאָרטן זיינען די סאָלדאַטן און די אָפיצירן — חברים. מ'האָט איינע אינטערעסן, צו האַלטן גאַנץ דאָס לאַנד, דאָס לאַנד פון סערפּ און האַמער. די אַרמיי איז אַ טייל פון דעם אַרבעטער קלאַס. פאַרשטייט איר שוין דעם אונטערשייד?

באַב, דער עלטסטער פון דער גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָט זיך געפילט אַז ער איז פאַר זיי דער פאַראַנטוואָרטלעכער, האָט שוין מער ניט געהאַט קיין געדולד צו הערן ווערא'ס רייד. פריער, ווען זי האָט אים געדייצט אַלס פרוי, ווען איר קלייד אַליין האָט געדייצט זיין לײדנ־

שאפט, האט ער ווינציק געהערט וואס זי האט גערעדט און איר קול האט אים אויך געהאלפן צו באפרידיקן זיין באגער.

נאכדעם אבער האט ער דערפילט איר שעדליכקייט. אין אנ־הויב אז ער האט זיך איינגעהערט צו אירע רייד, די שלעכטע, וואס מ'טאר אפילו ניט הערן, האט ער געמיינט, אז נעלסאן, וואס האלט זיך פאר אזא ווייסער, א וועלט־מענטש, וועט איר געבן אזא גאב, אז זי וועט שוין בלייבן שטיל. האט ער גאר אזוי גערעדט, נעלסאן, אז זי האט געקאנט ארויסזאגן אלץ וואס זי האט געוואלט און אלע סאלדאטן האבן עס געהערט!

ער, באב, האלט ער, האט ניט געטארט דערלאזן דערצו. און איצט איז שוין ניט קיין רייד פון ניט לאזן איר ריידן ווייטער. זי איז א שונא פון דער ארמיי, פון דער פאן, פון אלץ וואס ס'איז אים טייער און אזעלכער א דארף מען שטארק באשטראפן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט, אפגעשטויבט דעם זאמד פון זיך, איז צוגעגאנגען צו ווערא'ן און געזאגט:

— סעי, לײדי, איך האב אלץ געהערט. איר וועט ניט קאנען אפלייקענען. קומט אין די העדקוואדערס, וועט מען אייך ווייזן, רעדן צו סאלדאטן קאמוניסטישע רייד.

פרעד האט זיך געגעבן א שטעל־אויף אנטקעגן באבן, דערזען עפעס חיה'שעם און שרעקענדיק שטארקעם אין זיין באוואקסענעם פנים.

— איר וועט איר ניט פירן אין ערגעץ — האבן זיינע רייד געפלאמט — סיידן איבער מיין קאפ.

— אלרייט — האבן באב'ס נאז־לעכער דערשמעקט ריח פון בלוט — זאל זיין איבער אייער קאפ — און מיט זיין האנט האט ער נעוואלט ווערא'ס ארעם ארומנעמען.

— ווארט! — האט נעלסאן צו אים אויסגעשריגן — נעם אראפ דיין האנט פון איר. דו קאנסט איר ניט ארעסטירן. זי איז א ציווילע און דו ביזט ניט אף דער וואך, אדער וואס.

נאר באב ווייסט בעסער וואס ער מעג און וואס ער טאר ניט, וואס ס'איז רעכט און וואס ס'איז אומרעכט. שיין וואלט דאס געווען אז ער זאל ניט טארן ברייננגען צו די אפיצירן אט די מיידל וואס איז געקומען אהער אגיטירן צו די סאלדאטן, וואס וויל אז ס'זאל צושטערט

ווערן די גאַנצע אָרדענונג. אַזאַ מין באַגריף פֿון גערעכטיקייט זאָל האָבן נעלסאָן, אַז ער וויל. באָב ווייסט אַביסל בעסער זיינע פֿליכטן און וואָס צו טאָן אין אַזאַ פֿאַל. און ס'וועט טאַקע זיין אינטערעסאַנט צו הערן, ווען די אָפֿיצירן וועלן אָפּגעבן גערעכטס, אים אָדער נעלסאָנ'ען.

נעלסאָן האָט נאָך געפּרואווט ווירקן אויף באָב'ן, מיט אָנשרעקן אים:

— דו וועסט זיך און אונז אַלעמען אַריינברענגען אין אַ צרה, פֿאַר זיצן דאָ אַזוי שפּעט. אַזוי, ווען זי גייט זיך אַוועק, וואָלטן מיר זיך צוריק אַריינגעגנב'עט אין די באַראַקן און קיינער וואָלט פֿון גאָרנישט געוווּסט.

— איך האָב קיין מורא ניט דערפֿאַר — האָבן באָב'ס ווערטער אָפּגעקלאַנגען — האָט נאָך עמיצער, אַ סאָלדאַט, מורא אַז מען וועט אים צוליב מיר באַשטראָפֿן, פֿאַר קומען שפּעט אין באַראַק?

ניין. קיינער האָט זיך ניט געשראָקן און די סאָלדאַטן זיינען געווען נייגעריק, מ'זאָל ווערא'ן ברענגען אין דער קאַזאַרמע. ס'האָט זיי ניט געאַרט אירע ווערטער. זיי האָבן ניט געפֿילט אין דעם קיין שרעקלאַכעס, וואָס זאָל זיין אַ געפֿאַר פֿאַר זיי, פֿאַר דער אַרמיי. אָבער זיי האָבן געוואָלט אַז זי זאָל געפֿירט ווערן אין דער קאַזאַרמע און זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס ס'וועט זיין אַז מ'וועט איר ברענגען אַהין.

פֿרעד האָט זיך איצט דערפֿילט שוואַך. ביז איצט האָט ער געטראַכט, צו אָנפֿירן אַ קאַמף מיט באָב'ן, זיך שלאָגן מיט אים, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן ווערא'ן פֿון זיין רשות. איצט אָבער, האָט ער דערפֿילט אַז ער איז אומעכטיק. ס'איז ניט נאָר וואָס ער קאָן זיך ניט שלאָגן מיט אַזוי פֿיל סאָלדאַטן, נאָר ער האָט דערזען אַ מאַכט אַ שטאַרקע, וואָס האָט ווערא'ן אַריינגענומען אין אירע נעגל. ער האָט נאָך געוואַרט, אפֿשר וועט ווערא עפּעס זאָגן אַזוינס, אַ קלוג וואָרט, אַ שאַרף וואָרט, וואָס זאָל אינגאַנצן ענדערן די לאַגע, וואָס זאָל האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיי אַלעמען.

נאָר ווערא האָט געשוויגן. זי איז געווען בלייך. אירע אויגן האָבן אַ ברען געטאָן מיט עקל צו באָב'ן און זיינען באַלד געוואָרן רואיק. זי האָט דערזען פֿרעד'ס פֿאַרלאָרנקייט און אַ שמייכל געטאָן

צו אים, מיט נאַענטקייט און מיט אַ פאַרזיכערונג אַז ס'וועט מיט איר קיין שלעכטס ניט געשען.

אַ מאָדנער געפיל האָט איר ארומגענומען. זי איז געווען באַרוישט פון דעם וואָס זי ווערט איצט אַ ווירקלעכע קעמפערין פאַר דעם באפרייאונגס אידעאַל. זי האָט דערשפירט עטוואָס דעם געפיל פון אַ מאַרטירעריין. זי וועט איצט ליידן, באַשטראָפט ווערן פאַר איר קאָמוניסטישן אידעאַל. דער גאַנצער קאָמוניזם איז דאָך ניט קיין פרידלעכע אידייע.

און זי האָט אויך געהאָט אַ געפיל אַז זי אַליין איז גאָר ווייט פון דעם וואָס עס קומט איצט פאַר מיט איר. זי איז מיד פון דער נאַכט. זאָל איר פרעד אָפפירן אהיים, נאָר ביז דער הויז — אַ גוטע נאַכט, טייערער פרעד! — און זי וועט אַריין און אויפוועקן מרים'ן און איר רופן צו איר געלעגער און ביידע וועלן זיך ארומנעמען ווי צוויי שוועסטער און זי וועט איר עפּעס וועלן דערציילן, נאָר דער שלאָף וועט איר באַלד ארומנעמען און וועט פאַרמאַכן אירע אויגן, פאַרמאַכן זיי אַזוי — — — —

— וואָס שטייען מיר דאָ? — האָט זי ווי מיט אַ צושראָקן אויפוואַכנדיק קול אַ פרעג געטאָן — קומט!

פון לייק האָט אַ קילער ווינט געבלאָזן. דאָס שטילע רוישן פון די אומרואיק געוואָרענע כוואַליעס האָט זיך העכער און שטאַרקער דערהערט, די נאַכט האָט זיך געגרייט צו טאָג און זיך געטונקלט מיט בלאַסער בלויקייט, אַ פייער־פליג האָט צווישן צווייגלעך ביים ראַנד פון באַרג אַ שימעריר געטאָן.

שטיל, שווייגנדיקע און שוועך־מיד, ווי פון ערגעץ אַ ווייטן לאַנד געקומענע, זיינען ווערא מיט פרעד'ן און די סאָלדאַטן צום באַרג ארויף, געגאַנגען.

אויבן האָט אַ סאָווע בייז און ווייטיקדיק געשריגן.

## XX

מיידזשאָר פאַרקער, וואָס איז די נאַכט געווען דער אָפיציר פון דער וואַך, אַ מיטל־יאָריקער מענטש, אַ שווערער, אַן ערנסטער, מיט אַ שטרייננגער דיסציפּלין, איז געווען ארומגעגאַנגען אַכטונג געבן, צו

דער ליוטענאַנט און די סאָלדאַטן זיינען אַף דער וואַך, און ער האָט דערזען אַנטקעגנקומען די גרופּע מיט וועראַ׳ן.

— סער! — איז צוגעקומען באָב אַ פּאָר טריט נאָענט צו אים און אים סאַלוטירט — אַ קאָמוניסטקע אַרעסטירט. זי האָט אַגיטירט צו די סאָלדאַטן קעגן דער אַרמיי.

— אַ! — איז דער מיידזשאָר געווען צופרידן. ער איז געהאַט געווען פריער געבליבן אַביסל צעטומלט. געמיינט אַז סאָלדאַטן פירן גלאַט אַ מיידל אין באַראַק אַריין. אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און אַזוי געוואַגט פריי! — און ווער איז ער? — האָט ער אָנגעוויזן אַף פרעד׳ן.

— מיין אַ פריינט — האָט ווערא אים גענומען אונטער איר שוץ — ער וואוינט דאָ דערביי, אין איאָלאַ. אַן אומשולדיקער מענטש.

דער מיידזשאָר, מיט די הויכע, ברייטע שטיוול און שפּאָרן, האָט אויסגערעדט די סאָלדאַטן, פאַרוואָס זיי שלעפּן זיך אַרום גאַנצע נעכט. ער וועט זיי שפּעטער אַלע באַשטראָפן און ער האָט זיי געהייסן גלייך גיין אין זייערע באַראַקן. באָב׳ן האָט ער געזאָגט, ער זאָל די צוויי ציווילע פירן אין אָפיס פון דער „גאַרד הויז".

— סער! — האָט אים נעלסאָן סאַלוטירט — איך האָב גע־מיינט, אַז איך קאָן זיין נוצלעך ביים אויספרעגן דער מיידל.

— ער וועט שוין אַלצדינג דערציילן — האָט מיידזשאָר פּאַר־קער געוואוסט ווי אַזוי אַפּצושאַצן באָב׳ס פאַרדינסטן — איר קאָנט גיין שלאָפן מיט די איבעריקע.

אַז זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, האָט ער אָנגעזאָגט:

— קיין אַנדערע סאָלדאַטן דאַרפן ניט וויסן פון דער היינ־טיקער פּאַסירונג מיט דער קאָמוניסטקע. פאַרשטאַנען?

— יעס סער!

— קיין וואָרט ניט צו קיינעם!

— יעס סער!

אין אָפיס האָט באָב אַלץ דערציילט צו מיידזשאָר פּאַרקער, וועראַ׳ס רייד, לויט ווי ער האָט זיי אויפגענומען, איר קאָמוניסטישע אַגיטאַציע.

— זי האָט געטיילט ליטעראַטור?

— וואָס איז ליטעראַטור? סער!

— ליטעראַטור איז . . . געדרוקטע אַגיטאַציע. ליפּלעטס, האָט זי געטיילט?

— נאַ סער! — האָט באַב'ן פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט עס ניט געטאָן און זיין באַשולדיקונג וואָלט געווען אַ שווערערע — זי האָט נאָר גערעדט פאַר די באָלשעוויקעס און האָט אַגיטירט פאַר זיי.

— און דער?

— גאָרניט, סער. ער איז נאָר געקומען מיט איר. געזעסן מיט איר. אָבער ער האָט געשוויגן.

ווערא, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרלאָרן, האָט איצט צוריק באַקומען איר מוט און געוואַגטקייט. זי האָט אפילו געפילט זיך צולאָכן פון אַט דער אָנגעשטרייינגטער ערנסטקייט דאָ.

— איך דאַרף ניט האָבן קיין אַרויסהעלפער — האָט זי זיך אָנגערופן — איך קאָן אַליין ריידן. אַלץ דערציילן.

נאָר גלאַט רייד האָט מיידזשאָר פּאַרקער ניט ליב. ער איז אַ מענטש פון דיסציפּלין און אָרדנונג. ער דאַרף דאָ אויסגעפינען אַלץ ריכטיק.

— איר זיינט געקומען ספּעציעל צום קעמפּ, צו אַגיטירן די סאָלדאַטן? — האָט ער געפרעגט.

האָט אים ווערא גרינגער געמאַכט ס'האַרץ: זי איז דאָ צוגעסט אין איאָלאַ. געגאַנגען מיט פרעד'ן איז זי גלאַט אַזוי, אַרומשפּאַצירן ביים לייק. נאָר אַז מ'האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די סאָלדאַטן און מ'האָט זיך צורעדט, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז זי זאָל זיי זאָגן וואָס זי דיינקט וועגן דער אַמעריקאַנער אַרמיי און פון דער רויטער אַרמיי אין סאָוועט־רוסלאַנד. און נאָך אַלץ מיט אַ רואיקייט וואָס האָט דעם מיידזשאָר איבערראַשט, האָט זי מיט אַ חנ'דל פון אַ מיידל וואָס וויל עפּעס אויספירן ביי איר בחור, געזאָגט:

— לאָזט מיר ריידן צו אַלע סאָלדאַטן פון קעמפּ, פאַר איין האַלבע שעה צייט.

— וואָס אייך קאָן איינפאַלן! — האָט ער געזאָגט און געטראַכט פון דעם „אינערלאַכן שונא", וואָס ווערט אַלץ מער אַן ערנסטער עסק.

— וואָס האָט איר מורא? — האָט ווערא געפרעגט — די סאָלדאַטן זיינען אייערע. איר האָט זיי אַלעמאָל. איר דיסציפּלינירט

זיי. לערנט זיי פאטריאטיזם. איר האלט אין איין פאר׳סם׳ען זייערע מחות. וואס האט איר מורא, אז א קאמוניסטקע זאל ריידן צו זיי בלויז איין האלבע שעה?

— מיר האלטן פון פריוואטן אייגנטום — האט פארקער א שמייכל געטאן — מיר געבן די סאלדאטן עסן, קליידער, וואוינונגען. זיי זיינען אונזער אייגנטום. צום באדויערן, קאנען מיר זיי אייך ניט אויסלייען אפילו אף א פאר מינוט.

באב איז געשטאנען אין א זייט. נאך אלץ אזוי אויסגעצויגן־אנגעשטריינגט, אז ער זאל קאנען יעדער רגע אויסשטרעקן די האנט און סאלוטירן. צו זיין אין איין צימער מיט דעם מיידזשאר פאר א צייט, איז ביי אים ניט קיין געוויינליכע זאך. ס׳א גרויסע איבער־לעבונג ביי אים.

פונדעסטוועגן, האט דער מיידזשאר באמערקט, אז באב איז ניט צופרידן, וואס ער האלט זיך פריינטלאך מיט דער קאמוניסטי־שער מיידל: ער האלט פאר א פארשוועך פאר דער גלארי פון דער ארמיי, וואס א מיידזשאר רעדט מיט אזא מיידל ווי מיט זיינס א גלייכן. און ער האט געמאכט א סוף צו דעם גאנצן געשפרעך.

— איר וועט דער מיידל שפעטער אוועקפירן צו דער עלעקט־רישער באן — האט ער אנגעזאגט באב׳ן — גיט זי איבער דעם קאנדוקטאר, אז ער זאל זי אפפירן אין שטאט אריין. זאגט אים אז ער זאל זי גוט היטן און ניט ארונטערלאזן ביז זי וועט אנקומען אהין.

ער האט זיך דאן געווענדעט צו ווערא׳ן:

— איך האף, אז איך וועל אייך מער ניט זען דא, אין דעם גאנצן געגנט וואו די סאלדאטן זיינען דא. א צווייטן מאל, וועט איר קריגן א שווערע שטראף. גוד באי, ליידי!

---

פרעד איז געשטאנען נעבן ווערא׳ן אין וואגאן, מיט א צופלאמט טרויעריקן פנים, ווי איינער וואס ס׳האט מיט אים געטראפן א גרויס אומגליק און ער הויבט עס ערשט אן צו באגרייפן.

ווערא איז געזעסן פארטראכט, פארטיפט אין זיך, ווי זי וואלט ניט געוואוסט אז עמיצער איז דא נעבן איר.

— הער — האט זי פלוצים א זאג געטאן צו פרעד׳ן — וועסט

גיין באַלד צו מרים׳ן, יאָ? זי קער שוין איבערטראַכטן וועד ווייסט וואָס. ס׳ט איר אַלץ דערציילן און בעטן זי זאָל מיר אַפּשיקן מיינע זאַכן.

— דו וועסט טאַקע מער ניט קומען אַהער? — האָט פרעד דערשראָקן געפרעגט.

— נאָך וואָס? — האָט דער ווייטיק פון איר געליטענער באַ־לײדיקונג גענומען אַרויסריידן — דו מיינסט, איך פיל אַזוי גוט וואָס איך בין אַרויסגעטריבן געוואָרן? וואָס פאַר אַ אינטערעס האָב איך איצט צו קומען נאָכאַמאָל אַהער?

נאָר אינמיטן דעם אויפגערעגטן ריידן האָבן זיך אירע ווערטער אָפּגעשטעלט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף פרעד׳ן, וואָס איז בלאַס געוואָרן און האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן.

— ווייסטו וואָס, פרעד? — האָט זי איר אַ נעם געטאָן ביי אַ האַנט — פאַר אויך מיט מיר אין שטאָט אַריין. דאָ וועט גאָרניט זיין פון דיר. אין שטאָט וועסטו מסתמא געפונען אַרבעט. וועסט זיך פאַראינטערעסירן אין אונזער קאַמף. דו זעסט דאָך, דער שונא איז שטאַרק. פאַר מיט מיר, כ׳וועל דיר דאָרט העלפן מיט וואָס איך וועל קאָנען.

ס׳האָט פרעד׳ן געצויגן צו פאָרן מיט וועראַ׳ן. ס׳האָט פאַר אים איצט געהאַט אַ רייץ די שטאָט, די שטאָט וואָס האָט אַרויס־געגעבן וועראַ׳ן, אַזאַ לעבעדיק־אומרואיקע נאַטור, פול מיט געוואַגט־קייט. אַ ניט קלאָרע בילד, אָבער אַזוי פיל מיט האָפנונגען, מיט נייקייט, האָט פאַר אים אַ שוועב געטאָן. ער האָט אין דער רגע דערפילט, אַז איצט איז זיין געלעגנהייט צו צוקומען צו עפּעס, זיך אַרויסרייסן פון אַלץ וואָס האַלט אים דאָ. ווערן אינגאַנצן אַן אַנ־דער מענטש.

נאָר עפּעס, וואָס ער האָט דערפון קיין באַגריף ניט געהאַט, האָט אים געהאַלטן דאָ, האָט אים ניט געלאָזט אָננעמען וועראַ׳ס אָנבאָט, כאָטש ס׳איז אים געווען אַזוי שווער צו אָפּזאָגן איר.

— נישט איצט — האָט ער זיך געבעטן און ניט ווייסנדיק וואָס פאַר אַ תירוץ איר געבן פאַרוואָס ער קאָן איצט מיט איר ניט פאָרן, האָט ער מיט אַ רחמנות פּנים געזאָגט: — די מאַמע איז קראַנק.

דער מאַטאָרמאַן האָט זיך אומגעקוקט צום קאָנדוקטאָר וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון זיי און דער קאָנדוקטאָר האָט אַ ווייז געטאָן צו פּרעד'ן, אַז ער דאַרף שוין אַרונטערגיין.

— זיי געזונט! — האָט ווערא געגעבן פּרעד'ן איר האַנט — איך זע שוין ווי אַזוי ס'איז דיר ליב דיין דאָרף. אָבער זע עפּעס טאָן דאָ.

— וועסט מיר שרייבן? — האָט ער שטיל געפרעגט.

דער קאָנדוקטאָר האָט שוין אָנגעצייגט מיטן פינגער צום מאָ־טאָרמאַן, ער זאָל אָנהויבן פאָרן. די קאַר האָט זיך אַ ריר געטאָן.

— אַרונטער! אַרונטער! — האָט דער קאָנדוקטאָר געשריען צו פּרעד'ן.

פּרעד איז אַף דער גיך אַרויס פון דער קאַר, אַ צעטומלטער, און אַן ענטפער.

נאָר אַז ער איז געווען אין דרויסן און צוגעלאָפן אַ קוק טאָן צום פענצטער נעבן וועלכן ווערא איז געזעסן, האָט ער נאָך אויסגעפייעט צו זען ווי ווערא האָט אַ שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ אַף „יאָ".

זי וועט שרייבן צו אים, ווערא, זי וועט אים שרייבן בריוו! זי איז נאָך זיין ווערא!

באָב, וואָס איז געזעסן אין דרויסן אַף אַ באַנק און געוואַרט ביז די קאַר וועט אָפּפאָרן, האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין און ער האָט אַ קוק געטאָן אַף פּרעד'ן מיט אַן אָפּלאַכנדיק שמייכעלע אין די אויגן. אָבער פּרעד'ן האָט עס ניט געאַרט. ווערא וועט צו אים שרייבן.

און ער איז דאָ — האָט ער זיך געפרייט — ער איז געבליבן אין איאָלאַ.

## XXI

מרס. קלאַרק, אַ שטילע, גאָטספאָרכטיקע פרוי, מיט אַ טיפן דרך ארץ פאַר רייכע מענטשן, האָט געבראַכט צו אַ סקאַנדאַל אין דער הויז פון דער רייכער מרס. ראָלאַנד.

און איבער גאַנץ איאָלאַ האָט מען דערפון גערעדט.

אַ פרוי, שוין אין אָנהויב פון די עלטערע יאָרן, נאָר מיט אַ

יוגנטלעכן ציטער, מיט א לויטערן געפיל פאר דער שיינקייט פון דער נאטור און מיט אן ערנסטן בליק אין דעם גאנג פון דער וועלט, האט זי זיך דערוואוסט אז איר מאן איז איר פאלש — איר מאן, צוליב וועמען זי האט פון זינט נאך דער חתונה אן, זיך פאררוקט אין א ווינקל, אוועק אין א זייט, אז ער זאל זיך אנזען, אז ער זאל ווערן עמיצער .

האט זי געוויטיקט, מרס קלארק, האט זי געליטן, גאט גע־בעטן ,אז ער זאל מוחל זיין איר מאן זיין גרויסע זינד און איר אליין, וואס זי קאן עס אים ניט פארגעבן און זי איז אליין געבליבן. בא־גריפן, אז זי האט נאר א געפיל פאר שיינקייט. איר אליין פעלט עס אויס. און זי איז מיטאמאל, אזוי ווי איינער וואס שטייט אויף פון א קראנקהייט, געווארן אנדערש. געווארן שטיפעריש־שפילעריש, אזוי ווי א מאסקע פון א לץ ארויפגענומען אף זיך. אפט האט זי צענויפגערופן שכנה'שע קינדער צו זיך אפן הויף, געמאכט פאר זיי א סעודה פון זיסע זאכן, קוויקנדיקע. זי האט זיי מעשה'לאך דער־ציילט, האט מיט זיי אין א ראד געטאנצט, לידלאך געזונגען און רעטענישן געפרעגט און געענטפערט.

צוויי פייאיקייטן האט זי אין זיך אף דער עלטער אנטדעקט : לידער דעקלאמירן, מיט הארץ און געפיל ; ארויסגעבראכט דעם מאראל אין זיי און מיט דעם פולסטן קאליר ארויסגעבראכט די טרא־גיק פון די דיכטער. און א בריה איז זי געווארן אף איינפאלן און שפילן. זי האט צענויפגעשטעלט א געמיש פון רעטענישן, ווארט־שפילן, סצענקעס און פינאלן וואס האבן פאראינטערעסירט און אמו־זירט גרויס און קליין.

האבן די רייכע פרויען פון איאלא זיך דערוואוסט פון אירע פייאיקייטן און זיי האבן איר איינגעלאדן צו זייערע צוזאמענקו־מענישן.

מרס. קלארק איז גערן געגאנגען. אמוזירנדיק די רייכע פרויען, האט זי דערווייל זיך איינגעלעבט אין די שפילן און איר ווייטיק אביסל פארגעסן. פאר רייכע האט זי געהאט רעספעקט פון זינט זי געדיינקט זיך. גאט האט זיי געגעבן רייכקייט, גליק, זיינען זיי אויסדערוויילטע, העכערע פון די אנדערע. זי אליין האט געפאדערט צו זיך גרעסערן רעספעקט, ווען איר לעבן איז געווען א בעסערס.

דערצו איז דאס אמוזירן די רייכע פרויען מערסטנס געווען צוליב א וואוילטעטיקן צוועק. ארעמע מענטשן, האט זי געוואוסט, האבן עפעס דערפון און זי אליין האט דערפאר פאר איר ארבעט גאר ניט געוואלט נעמען.

איז זי אלעמאל געגאנגען אהין אין א געהויבענער שטימונג און געקומען צוריק א צופרידענע. זי האט אויסגענומען. זי האט עפעס אויפגעטאן.

נאר איינמאל, דאס לעצטע מאל וואס מרס. קלארק איז צו די „אויסדערוויילטע" געקומען, האט פאסירט אזוינס וואס האט איר איינגאנצן צערודערט, געוויזן איר דעם גרויסן טעות אירן.

כאטש עטוואס פון דעם העסלאכן בילד האט זי געזען א סך מאל פריער. זי האט שוין ניט איינמאל באמערקט אז ווען זיי ריידן, אט די רייכע גוטע פרויען פון די ארעמע, וואס זיי זיינען זיך צענויפ־געקומען זיי העלפן, ריידן זיי פון זיי ווי פון נידעריקע מענטשן, אזעלכע וואס פארדינען ניט מ׳זאל פאר זיי עפעס טאן. נאר זיי, די רייכע, די גוט דערצויגענע, האבן שוין אזעלכע נאטורן צו זיין גוטהארציק, און רעכענען זיך ניט מיט דעם נידעריקן שטאנד פון די ארעמע.

ביי מרס. קלארק אליין האט זיך שוין אויסגעלייגט אזא שמייכל אפן פנים, ווען מען האט גערעדט פון די ארעמע מיט גרינשאצונג, אזא וואס האט געקאנט מיינען:

— איר זייט אזוי קלוג... איר באמערקט אזעלכע מאדנע זאכן. און ס׳איז טאקע שיין פון אייך, וואס איר העלפט פונדעסטוועגן יענע מענטשן...

דאס מאל אבער האט מרס. קלארק דערזען אז אפענעם ברו־טאלן סאדיזם קעגן די ארעמע, א פרייען זיך איבער די גרויסע נויטן פון די ארעמע, די באדערפטיקע, די הילפלאזע.

די יונגע מרס. בוזעי, א בלאנדע, א הויך־געוואוקסיקע, מיט גרויס חן אין יעדן בויג פון איר קערפער, וואס אז זי גייט אוועק פון איין ארט אף אן אנדערן, ווילט זיך אזוי איר נאכגיין... און איר זאגן: „איר האט דארט איבערגעלאזט אזוי פיל שיינקייט!" — נאר מ׳דערזעט אז זי האט עס איינגאנצן מיטגענומען מיט זיך, — האט זי דערציילט צו די פרויען פון קלוב, וועלכע זיינען געזעסן

באַקוועם אין די ווייכע שטולן, אין מרס. ראָלאַנד'ס זון פּאַרלאָר, צום לייק אַרויס, וואָס זי האָט צוגעזען ווען זי איז געגאַנגען אַנקוקן וואָס עס טוט זיך ביי די אָרעמע איינוואוינער פון איאַלאַ.

מיט אַ פּרייקייט אין אירע באַוועגונגען, האָט זי מיט אירע אײדעלע הענט אַוועקגעשטעלט די טאַסע קאַווע, וועלכע זי האָט געטרונקען, זי האָט לייכט אַ וויש געטאָן איין האַנט אין דער אַנדערער און איר קול, ריין־קלינגענדיק, מיט פּאַטאָס, האָט זיך צוטראָגן איבער דעם צימער.

...גרויע נויט פון די אָרעמע הייזער, גרויסער צער און טיפער ווייטיק פון געפּלאָגטע, געפּייניקטע מענטשלאַכע לעבנס ; הונגער וואָס האָט זיך באַזעצט אין מענטשלאַכע בייכער, איז געבראַכט געוואָרן אַהער אין דער רייכער הויז, צו די אויערן פון די פרויען, וואָס ווייסן נאָר פון וואוילטיק.

נאָר די נויט האָט ניט געמאָנט און ניט געפּאָדערט. ניט געמאַכט קיינעם צו פאַרשעמען זיך. מרס. בוזעי האָט דעם הונגער און דעם צער פון די לײדנדיקע פּאַרשפּאַט, דערווייטערט פון דאַנען. מיט הנאה האָט זי גע'חוזק'ט פון די וואָס ליידן אַזוי, וואָס הונגערן אַזוי.

ס'איז אויסגעקומען :

ס'איז אַ ספּעקטאַקל פון פאַרצווייפלונג פון די נידעריקע מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט צופיל אויפגעהויבן אַ קאָפּ, געמיינט אַז ס'לעבן איז פאַר אַלעמען גלייך. איצט איז געקומען די צייט. ווי די ווערים רויען זיי זיך אַרום. זיינען גרייט פאַר אַלע באַליידיקונגען, אַבי צו קריגן ברויט פאַר די קינדער, ברויט פאַר זיך.

— אַ, מיר מוזן זיי העלפן — האָט מרס. בוזעי זייער הנאה געהאַט פון אירע רייד און אירע ווייסע געזונט־ליידנשאַפטלעכע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין די ווערטער ווי אין אַ מאכל, אַ זייער באַטעמ'טן — ס'איז ערשט אַן אָנהויב. איר'ט זען. שפּעטער וועלן זיי אויסגיין פון הונגער, פון קעלט. ס'קומט דער ווינטער.

מרס. קלאַרק האָט באַטראַכט די פרויען, געזען מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן זיי הערן זיך צו. ביי איינער רוט די גאַנצע צייט אַ צופרידענער שמייכל אויף אירע ליפּן. און איר בליק, מרס. קלאַרק'ס, אַ קאַלטער, אַ שאַרפער, האָט זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אויף מרס. בוזעי.

די יונגע, שיינע פרוי האָט אַ פּאָר מאָל באַמערקט דעם שטעכיקן בליק פון מרס. קלאַרק און זי האָט ווייטער גערעדט. אָבער אַ רויט־קייט האָט איר געזיכט אַרומגענומען און אַז זי האָט ווייטער דערזען דעם שטאַרן בליק פון דער עלטערער, ניט שיינער פרוי, וואָס איז געקומען אַהער זיי אַלעמען אַמוזירן, האָט זי עס שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

— וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי בייז? — האָבן אירע ווער־טער זיך געשליינגלט.

מרס. קלאַרק׳ס ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטאָן.

— אַ, גאָרניט.

— אויף מיר קוקט מען ניט אַזוי ווילד! — האָט מרס. בוזעי אויסגעשריגן.

נאָר מרס. קלאַרק האָט שוין ניט געאַרט וואָס ס׳וועט דאָ זיין. זי האָט געוואָלט אַלעמען דערצאָרענען, און זי האָט געענטפערט:

— איך קוק אויף אייך, יונגע ליידי, און הער זיך צו מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איר דערציילט דאָס וועגן די נויטן פון די אָרעמע מענטשן. איר באָדט זיך אין אַ וואַנע פון בלוט און גלעט זיך אייער שיין לייב, און איר פּליושקעט זיך און קוועלט אַז...

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. די פרויען וואָס זיינען געזעסן די גאַנצע צייט אַזוי רואיק־געמיטלאַך און שטיל און זיך געהאַלטן אַזוי פרום־סטאַטעטשנע, האָבן אָנגעהויבן טומלען, שרייען. ס׳האָבן זיך געהערט כעס׳דיקע געשרייען: „ווילדער מענטש!”, „משוגענע!”, „טרייבט איר אַרויס, מרס. ראָלאַנד!”. ס׳איז געווען ווי זיי אַלע דאָ וואָלטן געהאַלטן אין דורכלעבן אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. ס׳איז פון זיי אַוועק די רו, די זיכערקייט.

נאָר איין פרוי, מרס. בוזעי, האָט זיך אין דעם גערויש און טומל ניט פאַרלאָרן. זי איז מיט ווירדיקע טריט צוגעגאַנגען צו אַ טישל, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ בוקעט פרישע, רויטע בלומען. זי האָט די בלומען אַרויסגענומען פון דער גלעזערנער וואַזע און איז צוגעקומען צו מרס. קלאַרק.

— מיאוסע, חוצפה׳דיקע פרוי! — האָט זי אויסגעשריגן צו איר און זי האָט מיט קראַפט איר אַ שמיץ געטאָן מיט די בלומען אין פּנים אַריין.

אף איין זייט איאַלאַ איז דער לייק און אַף דער צווייטער זייט, וואו ס'ענדיקן זיך די געסלאַך מיט די אָרעמע הייזלאַך, איינע נעבן די אַנדערע, ליגן פעלדער צושפּרייט. די פעלדער ציען זיך ווייט, גיבן נאָר אַפּ פון זיך שטיקלאַך פאַר שמאָלע וועגן פון זאַמד און שטיינדלאַך. הייזער און טייקן שטייען ווי פאַרלאָזטע, מיט זייער שטילן לעבן אין זיך, באַהעפט מיט די ווינטן, מיט דער זון, און די מענטשן זעען אויס ווי פון אַן אַנדער פאָלק, אַ פאָלק וואָס שטאַמט נאָך פון די צייטן, ווען ס'איז די געבענטשטע שטראָף דעם מענטשן געגעבן געוואָרן: מיט דעם שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו דעם ברויט דיינעם עסן...

אַרבעטן שווער די מענטשן אַף די פעלדער, סיי ווען זיי באַאַרבעטן זייערע אייגענע חלקים פעלדער, צו אַרויסציען פאַר זיך דעם ברויט דעם אָרימען און סיי ווען זיי אַרבעטן אַף די גרויסע פעלדער פון די מענטשן וואָס אַלץ איז זייערס און זיי אַליין זיינען דאָ נישטאָ.

הויבט אַן דער זומערדיקער טאָג מיט אַ בלויקייט פון דער נאַכט פינצטערניש אַרויסצוגיין, איז נאָך איידער ער ווערט מיט אַביסל ליכט אָנגעבלאָסט, שטייען שוין אויף די מענטשן אין די הייזער דאָ, גרייטן צו שפּייז פאַר די הויז־פי, און מענטש און פערד לאָזט זיך אין פעלד אַרויס.

אַף איינעם פון די פעלדער אַרבעט פּרעד.

ס'איז געווען אַ פּאָר טעג נאָך וועראַ'ס אַוועקפאָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַף אַ פאַרם.

ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בייַנקשאַפט צו איר. אַלץ וואָס זי האָט גערעדט צו אים אין די עטלאַכע וואָכן וואָס זי איז דאָ געווען, האָט געצומען זיך צונויפקומען אין איין רינג און ס'איז אים אויסגעקומען, אַז אַלע אירע ווערטער האָבן געצילט צו איין פּונקט: ער זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין. אויפהערן זיך אַרומדרייען אָן אַ ציל; ער זאָל אַרבעטן, טאָן עפּעס וויכטיקעס און ווערן קלאַסנבאַוואוסט, העלפן אין דעם גרויסן קאַמף פאַר די אַרבעטער.

דאָס איז איר ווילן און אַזוי וועט ער טאָן.

די באַליידיקונג וואָס זי איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון איאַלאַ,

האָט פֿערד׳ן געפּייניקט, אים אָנגעפֿילט מיט האַס און צאָרן צו די. וואָס האָבן עס געטאָן. ער האָט ניט געפֿילט מער צו גיין צום לייק, אין וועלדל, וואו ער האָט דעם זומער אַזוי פֿיל גליקלעכע שעה׳ן איבערגעלעבט. דער סוף האָט אים צעטומלט, האָט פֿון אַלץ אַ תּל געמאַכט.

און ער האָט זיך דערפֿילט איצט איינזאַמער ווי פֿריער, איידער ער האָט זיך מיט ווערא׳ן באַגעגנט. ער איז איצט אָפּגעריסן געוואָרן פֿון עמיצן, אָוועקגעטראָגן פֿון זיין פֿריערדיקן אָרט לעבן.

אָבער ער האָט פֿון וועמען צו טראַכטן. און אַז ער איז אַליין מיט זיך, אַז ער גייט אַרום, קאָן זיך אים פֿאָרשטעלן, אַז ווערא איז דאָ אויך דאָ, נאָר ער זעט איר ניט. זי מאַכט אים אַפֿילו צו טראַכטן אַזעלכע געדאַנקען וואָס זי וויל אַז ער זאָל טראַכטן, כאָטש זי זאָגט אים גאָרניט.

ער איז געגאַנגען אַרויס דאָרף צו די פֿעלדער צו, וואוהין ער איז ביז איצט אַזוי ווינציק געגאַנגען. דאָ ציט זיך אַזאַ ווייטקייט. די ערד ווערט ניט אָפּגעשטעלט. ער וועט גיין און טראַכטן, גיין און בייגען, פֿאָרשטעלן זיך ווערא׳ן.

די פֿעלדער האָבן מיט זאַנגען געציייטיקט. קוקורוזעס זיינען געוואַקסן אויף הויכע קוסטעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין געדיכטע צודרייטע שורות און אַז מען קוקט אויף זיי, דוכט זיך, אַ קינד האָט אַהינצו פֿאַרבלאָנדזשעט און קאָן קיין וועג ניט געפֿונען אויף אַרויסגיין. פֿעלד־שפּרינגער האָבן אַרומגעטאַנצט איבערן גראָז. אויף אַ צווייג פֿון אַ הויכער, דיקער בוים איז אַ גרויסער שוואַרצער פֿויגל געשטאַנען און ווי זיך אַליין אָפּט מיט אַ קוויטש דערשראָקן. די זון איז געשטאַנען אינמיטן הימל, ניט צוגעלאָזט קיין מענטשנ׳ס אויג צו זיך און מיט היץ געברענט. ווייט אין אַ זייט, אין אַ שמאָלער שמוציקער ריטשקע, זיינען צוויי אינגעלאך געשטאַנען מיט אַרויפֿגעקאַטשעטע הויזלאך און מ׳האָט נאָך געקאָנט אַרויסזען זייערע פֿיסלאך פֿון דער בלאָטע...

נעבן אַ בוים, ביי דער סטעזשקע דורך וועלכע פֿערד האָט געדאַרפֿט דורכגיין, איז געשטאַנען אַ פּאַרמער מיידל, מיט אַ ברייטע שטרויענע הוט אויפֿן קאָפּ. דאָס פּנים איז איר געווען רויט־צעברענט פֿון דער זון. די פּלייצעס האָבן געסטאַרטשעט מיט געזונטקייט. זי

האָט דערזען פרעד'ן און איר בליק, אַ פאַרוואונדערטער, אַ פאַראינ־טערעסירטער, איז שוין געווען די גאַנצע צייט אַף אים, ביז ער איז צוגעקומען. אַזוי ווי ער וואָלט איר געדאַרפט געבן אַן ענטפער, וואָס ער טוט דאָ אַף איר פעלד.

אירע גרינלעכע אויגן האָבן אים שאַרף באַטראַכט.

— אַ געררעטעניש היינטיקס יאָר? — האָט ער געפרעגט.

— ניט שלעכט — האָט איר קול זיך געפּרעמדט.

— שוין באַלד שניט־צייט?

— פון וואַנען קומט איר, פרעמדער?

— איך וואוין דאָ דערביי, אין איאָלאַ.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. ארויפגערוקט העכער די הוט.

פרעד האָט איר געפרעגט, צי זי האָט פאַר אים אַרבעט אַף אַ פאָר וואָכן. ער נויטיקט זיך אין אַרבעט.

— אַ מענטשן דאַרף איך — האָט זי געענטפערט — ס'איז שווער פאַר מיר צו טאָן אַלץ אַליין. נאָר איך קאָן ניט צאָלן קיין סך. קוים וואָס מ'שלאָגט זיך דורך דעם ווינטער.

פרעד איז געבליבן. ער האָט ניט געוואָלט איצט ארומגיין ליידיק. ס'האָט אים געשראָקן דאָס פוסטעווען און ער האָט זיך גע־פריים וואָס ער האָט אַזוי גרינג געקראָגן אַרבעט. ס'איז אים אויך פאָרגעקומען מאָדנע אינטערעסאַנט, וואָס נאָך דער געזעלשאַפט מיט דער גרויסשטאָטישער ווערא, וואָס פאַרשטייט אַזוי פיל, וועט ער איצט דאַרפן זיין צוזאַמען מיט דער פּראָסטער פאַרמער־מיידל.

דעמזעלביקן אָוונט האָט אים די מיידל דערציילט ווי אַזוי זי קומט צו זיין די באַלעבאָסטע פון דער פאַרם.

זי, מעי, איז געווען מיט איר אַ ברודער אַף דער פאַרם, וואָס איז זיי געבליבן פון די עלטערן. עטלעכע אַקער לאַנד אינגאַנצן. האָבן זיי ביידע באַאַרבעט דאָס לאַנד, געוואוינט דאָ אין דער אַלטער הויז און זיינען געווען צופרידן מיט זייער לעבן. כמעט יעדן טאָג, ווען דער ברודער, ראַי, איז פון דער אַרבעט, פון פעלד אַהיים געקומען, האָט ער אַ נייעם פּלאַן געהאַט. עפּעס צוקויפן, פאַרריכטן, אָדער איבערבייטן דעם פאַרזיי. ער האָט אַלץ געוואָלט דאָס קליינע באַלע־באַטישקייט אויסבעסערן, פאַרגרעסערן.

נאָר איינמאָל, אַ פאַרטאָג, איז ראַי אויפגעשטאַנען אינגאַנצן אַ

געענדערטער, א געביטענער. ער איז לאנג געלעגן אף זיין געלעגער און גערעדט: ס'איז אים נמאס געווארן די פארם דא. דאס גאנצע לעבן דא. ער וויל פארן אין שטאט אריין. ארבעטן אין א פאבריק. זען מענטשן. לעבן גרויסשטאטיש.

און ער איז נאך דעם אייגענעם טאג אוועקגעפארן. איבער־געלאזט אלץ מעי'ן און אלץ אף איר.

— וואס טוט ער אין שטאט? ווי אזוי לעבט זיך אים דארט?

— האט פרעד געפרעגט.

— איך וויל ניט וויסן פון אים — האט מעי געענטפערט און פרעד'ן געוויזן עטלאכע בריוו ניט קיין געעפנטע — אז א מענטש קאן איבערלאזן ערד און פערד און א שוועסטער אליין און אין שטאט זיך באזעצן, — גייט מיר זיין לעבן ניט אן.

מער האט מעי ניט גערעדט פון איר ברודער און מער האט פרעד זיך ניט נאכגעפרעגט וועגן אים.

נאר די בריוו ראי'ס, די ניט געעפנטע, האט מעי צוריק אוועק־געלייגט און פארזיכטיק באהאלטן.

---

איינמאל ביינאכט, די ערשטע וואך וואס פרעד איז אנגעקומען אף דער פארם, איז געווען א גרויסער שטורם. עטלאכע שעה נאכ־אנאנד, ביז פארטאג, האט געגאסן א רעגן א שטארקער, געהרגעט אף זיין אופן, פון וואסער־טראפנס, נאר ווי ער וואלט געווען פון שטיקער בליי. ער האט געשמיסן אין די פענצטער, אפן דאך. בליצן האבן געריסן די אויגן, דונערן האבן צעשטורעמט די לופט.

מעי האט אן אומרואיקע זיך געדרייט אף איר געלעגער.

— איר שלאפט, פרעד? — האט זי געפרעגט.

— ניין. ווער קאן איצט שלאפן?

— איר האט מורא?

— מורא? ניין. אז ס'עט טרעפן, וועט טרעפן.

— איך האב זייער מורא אז ס'דונערט און סע בליצט אזוי.

— ווי אזוי־זשע וואוינט איר דא איינע אליין?

— איך האב אלעמאל מורא אז ס'אזא שטורם — האט מעי געזאגט און געהאלטן דעם קאפ אנגעשפארט אף א האנט.

א פּאָר מינוט שפּעטער האָט אַ שאַרפער, גרינער בליץ דאָס הויז פאַרבלענדט.

מעי איז שנעל אַרונטער פון דער בעט, איז צוגעלאָפן צו פרעד'ן, אַרויף אַף זיין געלעגער, האָט אים אַרומגענומען און זיך איינגענו־רעט אין אים.

אַ דונער האָט מיט כעס אַ טראַך געטאָן. נאָר זי האָט שוין קיין מורא ניט געהאַט.

## XXIII

פרעד האָט געהאַקט האָלץ.

אַ צוזעגטע בוים איז נעבן אים געלעגן ווי אַ געקוילעטע חיה, וואָס ער האָט פון דער וועלט אומגעבראַכט. דער פרישער זאַפט האָט נאָך פון איר געטריפט און פרעד מיט אַ האַק אין האַנט, האָט מיט הנאה די קיילעכיקע קלעצער אַף שטיקלאַך צוהאַקט.

ער האָט אויפגעהויבן די האַק און פּלוצים האָט ער דערזען נעבן זיך לאַפּסי'ן. דער הונט האָט געגעבן אַ לויף צו אים, אָן מורא פאַר דער האַק וואָס דאַרף זיך אַרונטערלאָזן.

פרעד האָט זיך מיט וואונדער אומגעקוקט און דערזען ווי הינטן גייט די מוטער, עלאַ.

נאָך מער ווי דער וואונדער ווי זי קומט אַהער, האָט אים אַ דריק געטאָן ביים האַרצן איר שוואַכער גאַנג. די אָרעמקייט וואָס ליגט אַף אירע קליידער און דער שטאַרער בליק פון אירע אויגן, וואָס גיט אַרוים אַ מענטשן, וואָס האָט שוין אַלע האָפנונגען פאַרלאָרן.

— מאַמע! — איז ער צוגעגאַנגען און האָט איר אַרומגענומען — אַזוי ווייט ביזטו געגאַנגען!

— איך האָב דיר פּאַר אַ בריוו, פון וועראַ'ן — האָט עלאַ באַלד צו וויסן געגעבן דעם צוועק פון איר קומען און אים געגעבן דעם בריוו, די ערשטע בריוו וואָס ער האָט אין זיין לעבן פון עמיצן געקראָגן, די ערשטע בריוו פון וועראַ'ן.

אַ גרויסע פרייד האָט אים אַרומגענומען ווען ער האָט געקוקט אַפן קאָנווערט, אַף וועראַ'ס נאָמען, ווען ער האָט אים געהאַלטן און

געפילט אין די הענט. אט איז איר נאמען, ווערא'ס און אט איז זיין נאמען.

— זעסט, מאמע: פרעד דעניס. איאלא.

— כ'האב געזען — האט זי געשמייכלט וואס זי האט שוין איר הנאה דערפון נאך פריער געהאט — ווילסט גאר ניט לייענען דעם בריוו?

— כ'וועל אים לייענען אז איך וועל האבן א סך צייט. זעץ זיך אוועק, מא! — האט ער איר אנגעוויזן אפן גראז.

לאפסי האט שוין דערווייל צושראקן די הינער אין הויף און זיך דערוואוסט אז דא איז קיין הונט ניטא. איז ער צוגעקומען צוריק און זיך אוועקגעלייגט. מיט ווארעמע בליקן געקוקט אף פרעד'ן, וואס האט זיך אועקגעזעצט נעבן דער מוטער.

מוטער און זון און לאפסי האבן אויסגעזען ווי וואנדערער, וואס רוען זיך דא אפ א ווייל.

— סע מאכט ניט אויס, וואס איך האב דיר איבערגעשלאגן אינמיטן דער ארבעט? — האט עלא געפרעגט, מיט הנאה וואס איר זון טוט עפעס.

— קאנסט דא זיין וויפיל דו ווילסט — האט פרעד מיט פעסטקייט גערעדט — איך טו אליין אלץ וואס איך דארף. איך ארבעט ניט שווער.

— דו זעסט אוים פריש, געזונט — האט זי צוגעטוליעט איר האנט צו זיין באק — וועסט אפשר קאנען איבערזיין דא דעם ווינ־טער אויך?

— דעם ווינטער? — האט פרעד איבערגעפרעגט — איך וויים ניט. אפשר נאך א פיר־פינף וואכן.

עלא האט שווייגנדיק א ווייל, זיך אנגערופן:

— כ'וועל זיך דארפן זוכן אן אנדער הויז אפן ווינטער.

אירע ווערטער וואס זי האט שטילערהייד געזאגט, האבן פרעד'ן אף א פאר מינוט צוטומלט. ער האט געוואלט ריידן, עפעס זאגן און ניט געקאנט. ס'איז געווען ווי א געשוויר וואלט פלוצים אין האלז אנגעוואקסן און ניט דערלאזט ס'קול זיינס ארויסקומען.

— וואס מיינסטו? — האט ער ענדלאך ארויסגערעדט.

— דער דאקטאר האט דאך שוין חתונה געהאט מיט דער דינסט

זיינער. ווײַל זי די הויז וואו מיר וואוינען פאר אירן א ברודער. זי דארף אים האבן נעבן זיך.

פרעד האט גערעדט גערירט, ניט געקאנט קוקן עלאן אין די אויגן אריין.

— איך האב עס שוין געהאלטן פאר אונזער הויז. אונזער היים... א יא אין דעם הויז בין איך געבוירן געווארן?

— יא. אז איך האב חתונה געהאט, האבן מיר זיך אהין אריינגעצויגן.

פרעד האט זיך געוואונדערט.

— עפעס רעדסטו, מאמע, אזוי ווי דיר וואלט ניט שטארק געארט, וואס מיר'ן דארפן דאס הויז פארלאזן.

ער האט געקוקט אף איר און ס'האט אים באנג געטאן וואס ער האט איר געשטעלט אזא נארישע פראגע. דער פנים אירער איז אזוי צוקנייטשט, אויסגעפייניקט פון ווייטיקן, די אויגן אויסגעטרערטע און אזעלכע מאדנע טרוקענע רויטע פלעקן אף די באקן. ווײַ, איז דאס שווינדזוכט?

— מאמע! — האט ער איר א כאפ געטאן די הענט און זיי שטארק געדריקט.

— דו ביזט גערעכט, זון מײַנער — האט זי געזאגט, ווען פרעד האט זיך צוריק אוועקגעזעצט — מיר ארט שוין איצט קיין זאך ניט צו שטארק. כ'האב כמעט אלע מײַנע יארן אפגעלעבט אין איטאליע און די לעצטע צייט טראכט איך גאר, אז מײַן אמת'ע היים איז שאטיליאן, דאס דארף אין פראנקרײַך, וואו איך בין געבוירן געווארן. ס'ביסל פרייד וואס איך האב געהאט אין מײַן לעבן, איז דאך געווען דארטן, ווען איך בין נאך א מיידעלע געווען.

— האסט מיט מיר אזוי ווינציק גערעדט פון דײַן אמאליקער היים. — האט זיך פרעד געוואונדערט.

— איך האב צו דיר גערעדט א סך פון מײַן היים, ווען דו ביזט נאך געווען זייער קליין. ווען דו האסט נאך מײַנע רייד ניט פאר־שטאנען... שפעטער האב איך ניט געוואלט דיר אן אנדער שפראך געבן, דיר דערציילן פון אן אנדער לאנד, א חוץ דײַנס. אבער ניט דאס וויל איך דיר איצט זאגן. איך פיל איצט, אז איך בין אינגאנצן עפעס אן ארויסגעריסענע פונם לעבן. אוואו איך בין, איז רעכט. קיין

שלעכטע זאַך אַרט מיר שוין ניט. איך באַליידיק זיך ניט. איך האָב שוין אַפילו קיין שאַנד ניט.

— וואָס מיינסטו, מאַמע?

די טרוקענע, רויטע פלעקן אַף עלאַ׳ס באַקן האָבן ביי די זייטן צוגעקראַגן אַ בלאַסלעך־רויטן קאָליר.

— איך פלעג זיך אַלעמאָל היטן, פרעד, ניט נעמען גאָרניט ביי קיינעם. דו געדיינקסט, ווי איך האָב זיך דאָ ערשט, אַנהויב זומער, געבייזערט אַף דיר, פאַרוואָס דו האָסט דערלאָזט אַז מיסטער גאָלד־בערג זאָל אונז שיינקען אַ פּאָר פישלאַך צום עסן?

— יע, יע! און איצט?

— איצט, מיין זון — האָט זי געקוקט אַפּן גראָז — לעב איך פון „טשאַריטי״... וואָס די שטאָט גיט מיר. — — —

## XXIV

פרעד איז געזעסן אַף דער באַנק, וואו מען וואַרט אַפּן אָנקומען פון דער עלעקטרישער באַן.

דער טאָג, איינער פון די לעצטע האַרבסט־טעג, איז געווען אַ קיל־ווינטיקער. וואָלקנס, געדיכטע און גרויע, האָבן זיך געיאָגט, איינע די אַנדערע געשטויסן, ווי דער הימל וואָלט זיי אייגנ געווען; שוין ניט געהאַט אין זיך דעם כח פון זומער־צייט, אָרונטערשטורעמען מיט דונערן און בליצן, האָבן זיי די זון פאַרשטעלט, פּלוצים אַ דריב־נעם רעגן אַראָפּגעגאָסן, אויפגעהערט און זיך ווייטער געצויגן אין איילעניש.

אַף דער באַנק, נעבן די רעלסן, זיצט פרעד כמעט יעדן טאָג, שעה׳ן לאַנג.

פון זינט ער איז געקומען צוריק פון דער פאַרם און האָט גע־טראָפן דער מוטער אַף דעם נייעם אָרט, וואו די וואָוילטעטיקע פרויען האָבן איר באַזעצט, אַ הויז פון איין צימער, מיט אַ קליינעם פענצטער פון אויבן, נאָענט צו דער סטעלי, אַ זכר פון אַן אַלטן גאַראַדזש, וואָס עמיצער האָט אַמאָל אויפגעבויט אַף אַ זייטיק געסל, ווייט פון הייזער, האָט פרעד זיך אָפּגעזונדערט פון אַלע זיינע באַקאַנטע. די ערשטע צייט איז ער געווען פאַרנומען מיט מאַכן די הויז אַביסל לייטיש.

ער האט זיך גע׳בריה׳ט מיט איינפאלן ווי אזוי אריינצוקריגן מער ליכט און געמוזט אפמאכן ביי זיך אז ביז די קעלטן וועלן אנקומען, וועט די הילצערנע טיר דארפן געהאלטן ווערן אפן, ס׳זאל אריין אביסל זון־ליכט. ער האט פארריכט דעם אלטן צעבראכענעם אוויון, אויסגעזוכט פארזשאווערטע בלעך און געמאכט א קוימען, אף ארויסציען דעם רויך מיט׳ן טשאד און ער האט אנגעבראכט קלעצער און צווייגן, אז ס׳זאל זיין האלץ אף אנווארעמען דאס הויז.

ער האט אלצדינג געטאן מיט צופרידנקייט, וואס די מוטער נעמט אויף איר פארערגערטן גורל מיט א גרינגן געמיט. ס׳האט אויסגעזען אז זי איז צופרידן, ווי זי וואלט געווען מורא געהאט פאר ערגערס, וואס זי וועט ניט קאנען אריבערטראגן.

נאכדעם, אז ער האט שוין ניט געהאט וואס אויסזוכן זיך צו טאן, איז ער שוין אויך פארבליבן אין הויז. ס׳האט אים קיינער ניט אינטערעסירט אין איאלא, א חוץ איין מענטש, דער בריווטרעגער. וואס קאן ברענגען א בריוו פון ווערא׳ן. און פאר אים האט ער זיך צונעגרייט. ער האט צונויפגעשלאגן פון האלץ א בריוו־קעסטל און האט מיט גרויסע אותיות אף דעם אפגעפארבט דעם נאמען זיינעם.

און אז די איינזאמקייט אין הויז, ארומגעהילט מיט דער טונקלקייט, האט אים צו שטארק נעדריקט און דאס ווארטן אף א בריוו, און ענטפער אף זיינע, האט אים גענומען פייניקן, איז ער ווידער נעגאנגען צום לייק, וואו קיינער איז שוין דארט איצט ניט געווען און ער האט מיט א מעסערל אף סלופעס געקריצט אותיות און צייכנס און וואס ער האט ניט געקריצט און פון וואס ער האט ניט געטראכט, איז אלץ ארויסגעקומען דער נאמען, דאס ווארט: ווערא.

און איינמאל איז ער געשטאנען ביים לייק שפעט פארנאכט. די לבנה איז ארויסגעקומען פון דעם וואסער האריזאנט א פלאמיגע און א מיסטעריעזע. ניט אף צו באלייכטן מענטשן אף זייערע וועגן, נאר צו קוקן אליין אין דער פינצטערניש, זען דאס חשכות פון דער וועלט. פרעד האט זיך פארקוקט אף איר, געווארן מיטגעריסן פון דער לבנה׳ס מיסטישער שרעק און פלוצים האבן זיינע אויערן פארנומען קלאנגען פון קירכן־גלאקן. די קלאנגען האבן באראיקט־צארט גערופן:

— קומט, איר קינדער פון קריסטוס דעם געפייניקטן, אין זיין

געצעלט אריין. קומט זיך באהעפטן מיט דעם געקרייציקטן, איר גלויביקע און אומגלויביקע!

פרעד׳ן האט זיך געדאכט, אז דאס רופט מען אים און אז ער וועט קומען אין קירכע אריין, וועט עס זיין פאר אים א היילונג, א דערלייזונג. א רגע האט ער דערפילט א ציטער איבער זיין לייב, ווי אט איז שוין די הילף און אט איז שוין דער אויסגאנג. — דער וועג צו גאט, דער זון פון דעם באשעפער.

נאר אט דער געמיט־צושטאנד איז באלד פון זיך אליין איבער־געגאנגען, איז צעשוואומען געווארן, ווי דאס וואלט געווען א מאמענט אזא וואס ער האט אים איינמאל געמוזט איבערלעבן. אבער ער ווייסט אז ס׳איז גארניט. ווערא האט עס אים געזאגט. און נאך פריער האט ער אליין געפילט אז די קירך האט צו טאן מיט די רייכע, איז א געצייג פון די מעכטיקע.

אין דער טונקל האבן די וואלקנס אויסגעזען ווי זיי שוועבן אף א ווייטע אומבאקאנטע וועלט. פון דער לבנה האט ארונטערגע־קוקט א געזיכט ווי פון א מומיע, ווי א מאסקע פון א בייזער מכשפה און אין דער פינצטערניש האט זיך געדוכט, אז די וואסערן פון לייק האבן זיך געעפנט און די כוואליעס ביי די זייטן, רופן, ווילן אלעמען ארייננציען אין זיך און ארייננשליידערן אין דער געעפנטער, אן א תהום׳דיקער טיפקייט, און זיי לאכן מיט א ווילדן געלעכטער.

פרעד האט דערפילט שרעק און ווען ער איז געגאנגען אפן בארג ארויף, איז אים אויסגעקומען אז עפעס ציט זיך הינטער אים, אז ער ווערט נאכגעיאגט און ער האט מיט מורא זיך ארומגעקוקט.

---

פרעד האט פארלארן דעם אינטערעס אין די מענטשן ארום אים און ער האט זיך פארטראכט וועגן זיין אייגענעם לעבן, זיין אייגענער פערזאן.

ניט אין זיין שלעכטן צושטאנד, וואס האט צו אים איצט ניט אויסגעזען אזוי שלעכט, ווייל ס׳זיינען דא א סך אזעלכע ווי ער און אפילו די ביינקשאפט נאך ווערא׳ן האט ניט אלעמאל פארנומען זיינע געדאנקען. דאס וויסן אז זי וואוינט ניט ווייט פון דאנען און אז ער קאן קומען צו איר, אפילו גיין צופים, האט אים געמאכט

צו פילן וועגן דעם ניט אזוי רחמנות׳דיק, דערשלאָגן ביי זיך.

ס׳איז געווען דאָס טראַכטן פון זיין נישטיק, ניט אינטערעסאַנט לעבן, וואָס האָט אים מער ווי אַלץ ניט געלאָזט רוען און געמאַכט אַז ער זאָל פילן אַ שווערקייט אין זיך, אַ שווערקייט צו דערגרייכן וואָס סע ניט איז, אַ ווילן צו זיין אָפּגעזונדערט פון מענטשן און ניט הנאה האָבן פון זיין יוגנטלעכקייט.

איאַלאַ איז פאַר אים געוואָרן צו גרויס. אַ דאָרף מיט צופיל מענטשן און אַ צו גרויסן שטח פאַר זיין איינגעשריינקט־איינגע־שרומפּענעם געדאַנקען און געמיט־צושטאַנד.

אָפן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי ער איז פון דעם לייק־בּרעג מיט פּחד אָפן באַרג אַרויף, האָט ער זיך געלאָזט גיין איבערן דאָרף. ער האָט געוואָלט זיך זען מיט באַקאַנטע, מיט יונגוואַרג, זיך דערוויסן נייעס פון דאָרף, פון דער וועלט. אפשר אַנהויבן לעבן אַפּסניי ווי אַמאָל. ער האָט געטראַכט צו טרעפן זיך מיט מיידלאַך, פאַרברענגען מיט זיי, ווערן צוריק היימיש מיטן אַלטן לעבן דאָ.

ער איז אָבער ווייט ניט דערגאַנגען. ער האָט דערזען די צוויי ביינק, ביי די באָן־רעלסן און פאַר די אויגן זיינע האָט אַ שלאַנג געטאָן דאָס בילד פון ווערא׳ן, ווען זי איז אַרויסגעשיקט גע־וואָרן פון דאַנען און ער האָט געזען דורך אַ פענצטער פון וואַגאָן ווי זי האָט געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ אָף יאָ, אַז זי וועט אים שרייבן בריוו.

זי וועט אים שרייבן . . .

ער איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אָף איין באַנק, פון וועלכע די פאַדערשטע לייסטל איז געווען אָפּגעבראָכן.

די צעבראָכענע באַנק האָט זיך אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו זיינע צעקנייטשטע שוואַרץ־אָפּגעקראָכענע הויזן, וואָס זיינען אונטן, ביי די טריט געווען צעפּיצלט, אויסגעטראָטן. אַ שטיקל פון אַ הויז איז נאָכגעהאַנגען.

ער האָט געטראַכט פון באַנען וואָס פאָרן ווייט איבער שטעט, איבער פעלדער; באַן־רעדער וואָס קייקלען זיך, צויאָגן זיך ווי אַז אַן אָפּשטעל און אַליין זיינען זיי שווערע שטיקער שטאָל און אייזן. עס ציען זיי אַנגעהייצטע לאָקאָמאָטיוון. ער אָבער האָט ניט ווער ס׳זאָל אין אים ענערגי אַריינשפּאָרן, וואָס זאָל אים אַ שטופּ טאָן

פאַראויס. ער האָט געטראַכט פון זיך ווי וועגן אַ צווייטן פּערזאָן, אָן רחמנות און איינזעעניש, נאָר ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס ער איז אים שטאַרק פאַראינטערעסירט און ער ווייסט זיין לעבן זייער גוט, אָבער קאָן אים ניט באַגרייפן. פאַרוואָס איז ער אַזוי? פאַרוואָס איז ער ניט אַנדערש?

אין זיין געמיט־צושטאַנד האָט ער ניט געפילט אין זיך זיין יוגנט און געזונטקייט. זיצנדיק אַזוי אויף דער באַנק, האָט ער געהאַט דאָסזעלביקע געפיל ווי ער וואָלט געזעסן אויף אַ בעטל אין אַ האָספּי־טאַל, אַ קראַנקער, אַ שוואַכער און עפּעס מיט אַזאַ שווערער אַנגע־מידקייט וואָס וועט פון אים קיינמאָל ניט אַוועק.

ער איז גאָר ניט קראַנק. ער איז אַלט. ער איז שוין אַלט אפשר אַכציק יאָר און ער איז אין אַ היים פאַר אַלטע מענטשן, אָן אַ שום פאַרלאַנג, אַ חוץ צו איבערקומען דעם טאָג און איבערשלאָפן די נאַכט.

און זיין קאָפּ בויגט זיך אַרונטער, אַרונטער.

דאָס גיין יעדן טאָג צו דער באַנק און דאָרט אָפּזיצן אַ פּאָר שעה, איז געוואָרן ביי פרעד'ן אַ געוואוינהייט, אַ נויטיקייט. ס'איז געווען ביי אים ווי ער טוט עפּעס אַן אַרבעט. ווי טרויעריק ס'זיינען אָפטמאָל געווען זיינע געדאַנקען וואָס האָבן זיך אים געטראַכט זיצנ־דיק אויף דער באַנק, האָט ער אָבער געפילט אַ באַפרידיקונג, וואָס ער קאָן דאָ טראַכטן אַ סך. אין הויז איז איינג. איז אַלעמאָל טונקל. דאָ צעלאָזן זיך די געדאַנקען פרייער און זעלטן טרעפט זיך אַז עמיצער גייט צו צו אים און פּרובירט מיט אים אַ שמועס טאָן.

## XXVI

צוויי בחורים זיינען געזעסן אין אַן אויטאָמאָביל ניט ווייט פון פרעד'ן און האָבן אים גערופן, ער זאָל צוקומען.

ער האָט ניט געוואוסט צי די מאַשין שטייט שוין דאָ לאַנג און ער האָט געזען אַז די מענטשן זיינען פרעמדע.

ביים דריי־רעדל איז געזעסן אַ יונגער בחור, אַ בלאָנדער, מיט אַ קורצער נאָז אַ פאַרריסענע, מיט דינע, שיטערע ציין און אַן אומפרויינט־

לעך שמייכעלע אף די ליפן־זייטן. ס'האט אויסגעזען, אז ער האלט זיך קוים איין, צו זיצן אף איין ארט.

— איר ווילט זיך דורכפארן? — האט ער געפרעגט, אז פרעד איז צוגעגאנגען.

— יעס — האט פרעד גלייך געענטפערט און ער האט אפילו צו אים ניט געקוקט. די רעדער פון דער מאשין האבן צו אים אויס־געזען ווי פליגל וואס וועלן אים הויך אויפהויבן, ווייט פארטראגן, ארונטערוואַרפן פון אים דאס מידקייט, דאס שווערקייט.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אף דעם הינטערשטן פלאץ.

— איר טוט עפעס? — האט אים דער יונגער בחור געפרעגט ווען זיי זיינען אפגעפארן אביסל.

— איך? גארניט. ניטא וואס צו טאן.

— וואס איז דאס פאר א בריוו, וואס איר האט געהאלטן אין איין לייענען? — האט געפרעגט דער צווייטער בחור, שוין אן עלטע־רער, מיט א פנים פון איינעם וואס ווייסט א סך סודות, איז גרייט צו טאן דאס ערגסטע, נאר דערווייל שמייכלט ער.

— פון עמיצן! — האט פרעד קורץ אפגעענטפערט, ניט גע־וואלט ריידן מיט זיי וועגן ווערא'ס בריוו.

זיי זיינען שווייגנדיק געפארן נאך א פאר מינוט און זיך אפ־געשטעלט אף א זייטיק פארלאזן געסל, ניט ווייט פונם עלדאראדא האטעל.

דער יונגער בחור האט באוויזן פרעד'ן א פלעשל שנאפס און אים אנגעבאטן צו טרינקען פון דעם.

— א דאנק. איך טרינק ניט — האט פרעד נארישדיק גע־שמייכלט.

— וועט עס שוין מוזן זיין פאר הערי'ן און פיט'ן — האט ער געזאגט און באלד איז דאס העלזל פון פלעשל שוין געווען ביי אים אין מויל. נאכדעם האט ער עס געגעבן צו פיט'ן און זיי האבן זיך איינגעטיילט, א טרונק און א טרונק.

פרעד האט געוואוסט, אז ער איז איצט אין א מאדנער גע־זעלשאפט, מיט וועלכע ס'איז אים וואס ווייטער מער ניט אנגענעם. ער איז אבער געווען פאראינטערעסירט צו וויסן, וואס זיי דארפן אים. כאטש ער האט געוואלט וואס גיכער באפרייען זיך פון זיי —

און ער האָט טאַקע געפּילט, אַז ער וועט זיין אַ באַפּרייטער מענטש, וועו ער וועט מיט זיי ניט זיין — האָט ער אָבער, ניט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס, געהאַט אַ זיכערן געפיל, אַז די צוויי מענטשן קאָנען אים העלפן, קאָנען אים אַרויסציען פון זיין שווערן געמיט און פון זיין שלעכטער לאַגע.

הערי איז איצט געזעסן מיטן געזיכט צו פרעד'ן און אויף אים געקוקט.

— איר ווייסט ניט — האָט ער אים געפרעגט אין אַ טאָן, ווי אויף צו וועלן געווינען זיין צוטרוי — אין דער איאַלאַ'ר באַנק איז דאָ אַ סך געלט אויף צו צונעמען?

אפשר איז געווען דאָס וואָס פרעד האָט שוין פריער געהאַט אַ בלאַסן חשד ווער די בחורים זיינען, איז ער ניט געוואָרן שטאַרק איבערראַשט. אָבער אין כעס איז ער געוואָרן.

— איך ווייס ניט. לאָזט מיר גיין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— איר ווילט אונז אַרויסגעבן? — האָט פּיט'ס שמייכלענדיקער און פאַר'סוד'עטער פּנים זיך גענומען אויפדעקן — דאָס וועט ניט גיין.

הערי אָבער האָט געשמייכלט מיט זיינע דינע ציין:

— איר זעט טאַקע אויס ווי אַ פריינט פון באַנקירן, פון רייכע מענטשן, וואָס איר ווילט ניט מען זאָל זיי באַרויבן.

פאַר פרעד'ן איז געווען קלאָר: הערי איז אַ רויבער און אפשר אַ מערדער. אָבער ער טוט זאַכן מיט פאַרשטאַנד. ער איז אַ מענטש וואָס טראַכט און דערמיט האָט ער עטוואָס ענלעכעס צו ווערא'ן. ער איז דערפאַר געוואָרן רואיק.

— אָבער רויבער קליינן ניט אויס — האָט פרעד געזאָגט, מער אין אַ פרעגנדיקן טאָן — זיי באַרויבן וועמען זיי קאָנען.

— דאָס רעדט איר פון פּראָסטע גנבים — האָט אים הערי געענטפערט — מיר האָבן צו טאָן מיט רייכע. אַהער קיין איאַלאַ, זיינען מיר געקומען באַרויבן די באַנק און דעם עלדאָראַדאָ האָטעל. אַרט עס אייך?

פרעד האָט לאַנג געשוויגן. אָבער זיינע געדאַנקען און זיינע געפילן האָבן געשטורמט מיט אויפברויז און זיך אַנגעשטויסן איינע אין די אַנדערע. אָט די צוויי, האָט ער געטראַכט, זיינען רויבער,

באנדיטן, אויסוואורפן. א מענטשנס לעבן, קאן זיין, שפילט ביי זיי קיין ראָלע ניט. אבער זיי האסן אויך די רייכע, אזוי ווי ער. צוליב אַנדערע סבות. זיי מיינען זייער אייגענעם באַלדיקן נוצן. אבער זיי זיינען די שונאים פון די רייכע. פונקט ווי ער און ווערא. זיי ווילן באַרויבן דעם על־דאָראַדאָ האָטעל. דאָרט וואו די באַדינער ווערן געהאַלטן ווי שקלאַפן; דאָרט וואו זיין יוגנט־חבר, פּאַל, איז אַ גאַנ־צער באַלעבאָס, כאָטש ער אַליין איז אונטערטעניק צו די העכערע פון אים. פּאַל האָט ניט געוואָלט אים צונעמען אַרבעטן אַהין. אפילו אַ פּאָר טעג אַרבעט האָט ער אים ניט געוואָלט געבן. אָרט עס אים, פרעגט הערי, צי דער האָטעל וועט באַרויבט ווערן?

— איר קאָנט טאָן וואָס איר ווילט — זאָגט פרעד — איך וועל קיינעם קיין וואָרט ניט דערציילן. אבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן?

— מיר דאַרפן אייך האָבן — האָט דער יונגער רויבער גע־רעדט געשעפטסמעסיק — מיר דאַרפן האָבן אַ דריטן. מיר האָבן געהאַט איינעם, האָט ער אונדז פאַרלאָזט. ער האָט ניט געלעבט גוט מיט פּיט'ן. אייך האָבן מיר אינזינען שוין עטלאָכע טעג צייט. מיר האָבן געזען ווי איר זיצט אַ פאַרטראַכטער, ווי אַ פאַרלאָרענער אויף דער באַנק. אַן ענערגיע, אַן לעבן אין זיך. איר קאָנט אויספירן גיין אַנגעטאָן ווי אַ מענטש, ניט ווי איר גייט. גיט נאָר אַ קוק אויף זיך. און איר קאָנט לעבן אַ טאָג ווי מיר לעבן. צולאָזט. פריי!

פרעד איז געווען זיכער אין זיך, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן איבעררעדן, צו ווערן אַ רויבער, באַגלייך מיט זיי. אבער ס'איז אים געווען אינטערעסאַנט צו וויסן פון דעם לעבן פון אָט די מענטשן.

— וואָס פאַר אַ פריי לעבן האָט איר דאָס, אַז איר האָט אַלע־מאָל מורא, מען וועט אייך כאַפּן?

— מע כאַפּט ניט אַזוי גיך — האָט זיך פּיט אָפּגערופן. אבער הערי איז פון דעם ענטפער ניט געווען צופרידן.

— ווער טראַכט דען דערפון? — האָט ער געזאָגט — אונזער אַרבעט איז צופיל מיט אינטערעס. מיט אַנרעגונגען, אַז מיר זאָלן טראַכטן וואָס שפּעטער וועט זיין. יעדער רגע לעב איך. איך לעב אויף און נוץ איר אויס פאַר מיין טובה ווען — האָט ער מיט פריינט־שאַפט און מיט אַ פריילעכן ציטער געקוקט פרעד'ן אין די אויגן

אריין — איך הערש איבער א סך מענטשן. אלע פאלגן מיר — האט ער אזוי ווי איינגאנצן פארגעסן אין זיין ארויסהעלפער — איך קאן אריינקומען אין א פלאץ און טרעפן דארט א סך, א סך מענטשן, נאר אז איך נעם ארויס פון דער קעשעניע אט א דעם נפש'ל, איר זעט? און אז איך גיב א געשריי, א קאמאנדעווע: „הענט ארויף!"—

פון דעם פלוצים'דיקן געשריי און פונם אנבליק פונם שטא־לענעם טויטלאכן מעטאל וואס האט א גלאנץ און א בלענד געטאן נעבן פרעד'ס אויגן, האט זיין גאנצער קערפער א ציטער געטאן און ביידע הענט האבן זיך א ווארף געטאן, ווי אין קאנוואולסיעס.

הערי האט מיט גרויס הנאה זיך צולאכט.

— איך זעט, ווי אזוי מע דערשרעקט זיך? ס'א פארגעניגן צו זען פאר זיך גרויסע, געזונטע מענטשן מיט אויפגעהויבענע הענט און ציטערן. טאמער גיב איך א דריק דאס „צינגל". און דאס אנט־לויפן נאך א רויבעריי, איז א „טריל" אזא וואס איר האט נאך קיינ־מאל אין לעבן ניט געהאט. ס'איז ניט וואס איך האב מורא, מ'וועט דעריאגן, מ'וועט כאפן. סאיז אן אטעם־פארכאפנדיקער געיעג. ס'א טייל פון דער שפיל. סע מאכט מיר צו פילן, אז די ארבעט מיינע איז ניט אזוי גרינג, אז איך פארדין מיין ברויט . . .

ער האט געזען, אז ער ווערט אויסגעהערט מיט אינטערעס און אזוי ווי פרעד וואלט געוועז דער ערשטער מענטש פאר וועמען ער האט א געלעגנהייט זיך צו באריימען, האט ער ווייטער דערציילט:

— איר פארשטייט? מע לעבט דאך נאר איינמאל אף דער וועלט. נישט מער ווי איינמאל. און געלט איז דא גענוג. אלעמאל נאך, אלעמאל נייע געלט. פארברייגגט מען. הוליעט מען. פרויען האבן ליב געלט און פרויען קאנען צוטיילן אלע פארגעניגנס. נאר מיט איינער דארף מען זיך ניט האלטן לאנג. צופיל טאר א מיידל ניט וויסן דיינע געשעפטן. זיי דארפן בעסער מורא האבן פאר דיר. איז יעדן מאל א נייע, אן אנדערע. ס'זיינען דא א סך פארגעניגנס, נאר דאס בעסטע האב איך ליב פרויען. יונגע, שיינע, ליידנשאפט־לאכע.

פרעד האט געפילט, אז די ווערטער, די שילדערונגען פון אט דעם רווישיקן לעבן וואס איז פאר אים אזוי ניי, נעמען אים דורך, באאיינפלוסן אים שטארק. אין דער צייט וואס הערי

דערציילט פון זיין אימפעטיקן פריילאכן לעבן, זעט ער פאר זיך זיין אייגן שווער לעבן, אַן באַוועגונג, וואָס איז ווי אַ שטייענדיק וואַ־סער, פאַרדעקט מיט אַ גראָבן שימל. אַ ווינט איז אָנגעקומען און רייסט שטיקער, רייסט דעם שימל אַוועק.

אַט דאָ ערשט, פילט ער, אין אַ רגע, וואָס ער האָט אַף זיך קיין שליטה ניט געהאַט, האָט זיך הערי'ס אַ וואָרט, ער ווייסט ניט אַוועַ־לעכס, אַנגעקלעפּט ביי אים אין הארצן און אין זיין מח איז געשאַפן געוואָרן אַ באַשלוס צו פאָלגן, צו טאָן וואָס מ'הייסט אים.

סיי ווי, האָט ער געטראַכט, איז דאָך זיין לעבן אַ נישטיקס, שוין אַ צובראָכנס, אַ פאַרפאַלנס, כאָטש ער איז נאָך אַזוי יונג. ס'איז ניט ער איז שולדיק, וואָס ער שטייט שוין דאָ אַזאַ צעטומלטער, אַ פאַרלאָרענער אַנטקעגן דער וועלט. ס'איז זיין גורל אַזעלכער. ווערא, וואָס צוליב איר . . . ווערא וואָלט געלאַכט, ווען ער זאָגט איר, אַז שולדיק אינגאַנצן איז זיין שלעכטער גורל, וואָס ער איז אויפגעוואַקסן אין אָרעמקייט און אים האָט געצויגן צו פרייקייט, צו לעבן אָן זאָרג, מיט דעם טאָג און מיט דער נאַכט, אָן אַ באַטראַכטן זיך וואָס שפּע־טער וועט זיין. ער ווייסט אָבער בעסער.

ער האָט ניט וואָס אָנצוווערן. ניט מיטן גוטן ווילן ווערט ער אַ שותּף צו די צוויי רויבער וואָס זיצן דאָ מיט אים. ער וועט אויפנעמען די אַרבעט ווי אַ שטראָף, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן שיקזאַל. ער איז זיכער, אַז ער וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון געזעץ גיכער ווי אַנדערע און פון זיינע נייע חברים אַליין וועט ער זיך אפשר אויסשטיין דאָס ערגסטע.

אָבער די מאַמע — קומט דער געדאַנק ווען איר צו אים פלוצים ווי אַ רעטונג — זי וועט אָנהויבן לעבן ווי אַ מענטש, וואָס ווערט אויפגעריכט פון אַ פלוצים'דיקן גליק. אַלץ וואָס ס'וועט זיך אָנ־געמען אַף זיין חלק פון די „פּאַרדינסטן" וועט ער איר אַוועקגעבן. וועט ער איר צושיקן. זי וועט האָבן נחת. זי וועט געזונט ווערן, יונגער ווערן און וועט לעבן פאַרמעגלאַד.

ער וועט איר נאָר דאַרפן נאַרן. וואָס וועט ער איר זאָגן ? יאָ, ער וועט איר זאָגן, אַז איינער אַ מענטש, אַ רייכער, זייער אַ גוטער מענטש, וואָס דאַרף האָבן אַן ערלאַכן מענטשן, מע זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן אַף אים מיט געלט, מיט פאַרמעגנס, האָט ער זיך פון אים

דערוואוסט און ער נעמט אים צו זיך. פארשטייסט מאמע, ער האט געדארפט האבן אן ערלאכן מענטשן . . .

אזוי רעדט פרעד ביי זיך אין געדאנק און ער זעט ווי די מאמע גלויבט אים און איז צופרידן. ניט אזוי וואס זי דארף שוין מער ניט אנקומען צו פרעמד־ברויט, צו טשאריטים און לעבן ווי א מענטש, נאר דאס וואס פרעד, איר איינציקער זון, איז באווארנט. ס׳איז אים גוט איר פרעד׳ן, איר איינציקן זון.

און אז ער וועט זען אמאל ווערא׳ן אין שטאט, אודאי וועט ער איר זען, וועט ער איר אלסדינג דערציילן און וועט איר זאגן: זעסט, איך בין אוועק אף א שלעכטן וועג, נאר ס׳איז אויך א וועג. איך גיי אף איר פון א לעבן פון פיין, וואס דו אליין האסט עס גרעסער געמאכט. דו ביזט א סך שולדיק וואס איך בין אף דעם וועג ארויף. ווערא! ווערא!

ער גיט זיך אזוי ווי א כאפ אויף. האבן די צוויי געהערט זיין געשריי? ווי ער האט ווערא׳ן גערופן? זיי קוקן אף אים מיט וואונדער און מיט בליקן וואס דריקן אוים פריינטשאפט. אפשר רחמנות.

— גיט מיר אביסל א טרונק טאן — זאגט ער צו הערי׳ן און זיין קול איז שוואך. קוים וואס מ׳הערט דאס.

הערי איז צופרידן. גיט אים טרינקען פון א גאנצע פלעשל שנאפס. הייסט אים טרינקען א סך, נאר ער איז ניט צודרינגלאך. זאל זיין אביסל. ער זעט אין פרעד׳ס געזיכט, וואס אט איז עס בלאס און אט אזוי פארפלאמט, זיינע טיפע איבערלעבונגען און אז ער האט שוין ביי זיך אפגעמאכט וואס צו טאן, אז ער גייט מיט זיי.

— ס׳ווערט שפעט — זאגט הערי — מיר האבן נאך היינט א סך ארבעט צו טאן. איר פארט מיט אונז?

— שוין? — פרעגט פרעד און ער ווערט אף א ווייל דערשראקן וואס דאס נייע, דאס אומגעוויינלעכע הויבט זיך שוין אן. שוין . . . און ער הייסט הערי׳ן פארן צו אים אהיים. ער דארף נעמען א פאר זאכן זיינע. ער דארף זיך געזעגענען מיט דער מוטער.

נאכדעם הייסט ער הערי׳ן אפשטעלן דעם אויטאמאביל אביסל וויים פון דעם הויז. די מוטער זאל זיי ניט זען. און איידער ער גייט ארויס, שטעלט ער אן א האנט צו הערי׳ן.

— וואס?

— איך דאַרף לאָזן מיין מאַמע׳ן געלט.

— זיכער! זיכער! — פאַרענטפערט זיך הערי וואָס ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן אין אַזאַ זאַך. און ער גיט אים אַ פּאָר געלט פּאַפּירלאַך.

פרעד׳ס האַנט ציטערט. ער האַלט די פּאַפּירלאַך אין האַנט און די האַנט איז נאָך אַלץ אויסגעצויגן.

— נאָך, נאָך! וואָס מער! כ׳וועל אָפּגעבן. כ׳וועל אָפּצאָלן. איך גיי מיט אייך אויף שטענדיק.

פּיט צולאַכט זיך.

— זע נאָר דעם פיינעם מענטשן. מ׳האָט אים גענדאַרפט אַזוי לאַנג בעטן. ס׳איז פרעמד געלט. צוגענומען. אוועקגערויבט . . .

נאָר פרעד מאַכט זיך ווי ער הערט ניט.

— איך קום באַלד צוריק. — זאָגט ער הערי׳ן.

און מיט׳ן געלט אין דער האַנט, אין דער ציטערדיקער האַנט, לויפט ער מיט אימפּעט, גיך־גיך אַהיים, צו דער מאַמע׳ן. לויפט מיט צעוואָרעמטע בלוטן, אַז אויפגעמונטערטער, מיט אַ נייעם אינטערעס אין לעבן.

● ●
●

# דערציילונגען

# שונאים

וויפיל מאָל אין טאָג מערי הערט איר נאָמען, איז דאָס מיט אַן אויסרוף פון ליבשאַפט, מיט אַן אויסדרוק פון געטריישאַפט.

און דעם אייגענעם געפיל האָט מערי ווען זי רעדט אַרום די נעמען פון די קעלנערס אין דעם רעסטאָראַן וואו זי אַרבעט, די נעמען און צונעמעניש פון די קוכערס און דעם געפעס־וואַשער.

מערי איז מיט זיי אַלעמען גוט. זיי זיינען איר גליכן. זיי אַרבעטן.

ווער מערי איז און פון וואַנען זי איז אַנגעקומען אין דעם רעסטאָראַן, ווייסט ניט קיינער פון זיי. אפשר קומט זי פון דער גאַס פון וואַנען זיי קומען אַלע אַהער. די גאַס וואָס איז פול מיט מענטשן אַרויסגעשטויסענע, אָפּגעריסענע פון דעם אַרומיקן לעבן.

איר האַלטן זיך און איר גאַנג איז טאַקע אַזעלכער. אַז זי גייט אַרום מיט דער בלעכענער שיסל איבער דעם רעסטאָראַן און נעמט צונויף די אויסגעליידיקטע טעלער און „קאָפּס" און די אַנדערע זאַכן וואָס די אָפּגעגעסענע געסט לאָזן איבער, טוט זי דאָס מיט אַן אָפּגע־לאָזנקייט, אירע ווייכע שיך שלעפּן זיך אַרום אַן אַן אינטערעס. דער פּנים האָט אַן אויסדרוק, ווי ער איז נאָך דאָ ניטאָ אינגאַנצן . . .

אָבער אין אירע ברוינע אויגן, די אויסגעברייטע, איז דאָ אַ פרישער גלאַנץ פון איינגעזאַפּטע פעלדער און גראָזן, פון ווייטע לוי־טערע לופט.

אפשר איז זי געקומען אַהער פון ערגעץ אַ שטעטל אָדער אַ דערפל, מיט איינע פון די באַנען וואָס קומען אַזוי פיל צו דער באַן־סטאַנציע, דאָ גלייך אַנטקעגן.

קיין סך רעדט ניט מערי מיט די אַנדערע אַרבעטער. די גע־שפּרעכן זיינען קורצע, פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער מינוט. אַז אַלע האָבן צייט און מע זעצט זיך אוועק אין אַ ווינקל, נעבן דער

קיד טיר, קאָן מערי לאַנג ניט ריידן מיט איינעם. אַלע אַכט אַרבעטער וואָס זיינען דאָ, ריידן צו איר און זי ווייזט צו זיי אַלעמען אַרויס דעמזעלביקן אינטערעס און אַ גלייכע געטריישאַפט.

איין קעלנער איז דאָ, עדי, קליינע אויגעלאַך האָט ער, אַ צו־קאַרבטן פּנים און דאָס ווייסע היטעלע איז ביי אים אַלעמאָל אויף אַ זייט איבער די לאַנגע, אַרויפוואַקסנדיקע שוואַרצע האָר. האָט ער זייער ליב אַז מערי צושמייכלט זיך אויף אים. ער וואָלט אַלעמאָל איר געמאַכט אויפגערעגט. ער האָט הנאה אַז זי בייזערט זיך אויף אים. אויף קיינעם שרייט זי ניט אַזוי, נאָר אויף אים . . . זוכט ער אַלעמאָל עפּעס אוים מיט וואָס צו דערצאָרענען איר.

מע זיצט אַלע און מע רעדט שטילערהייד. הויבט זיך עדי אויף, גייט צו צום פּאָנטאָן פון דער קאַלטער וואַסער און ער גיט אַ שפּיי אַריין אינעווייניק.

מערי לויפט צו אַ דערשראָקענע.

— דאַרפסט מער ניט האָבן, אַז דער באָס זאָל עס זען! — כעס'ן זיך אירע ליפּן, צו די אויגן קומט דער כעס ניט צו — און זי לאָזט גיך אָן וואַסער אויף דעם, ס'זאָל אַרונטער.

די אַנדערע אַרבעטער אַרט ניט וואָס ער האָט דאָרטן אָנגע־שפּיגן, נאָר פאַרוואָס ער רעגט אויף מערי'ן. קוקן זיי אויף אים ברוגז'ע און עדי שטייט זיך אַ צופרידענער און רוקט נאָך מער אַרונטער דאָס ווייסע היטעלע אין אַ זייט.

אָבער זי האָט געשריגן אויף אים, אַ ? . . .

מיט די געסט וואָס קומען אַריין אָהער עסן, האָט מערי ניט צו טאָן. זי באַדינט זיי ניט. זיי גייען אַליין צו צום „קאָנטער", וואו ס'זיינען אַרויסגעשטעלט אַלערליי שפּייזן און זיי הייסן די קעל־נערס געבן וואָס זיי ווילן. נאָכדעם נעמען זיי דאָס עסן מיט זיך אויף אַ טאַץ און שטעלן עס אוועק אויף די דעקברעטלאַך פון די ביינקלאַך. מערי טוט ניט איר אַרבעט פאַר די געסט וואָס זיינען שוין דאָ, נאָר פאַר די וואָס דאַרפן ערשט קומען. פאַר זיי מאַכט זי ריין די לענ־שטולן און די פאַר טישלאַך וואָס זיינען דאָ דאָ.

מערי קאָן כמעט אַלע געסט וואָס קומען אַריין אָהער עסן. זיי זיינען ביי איר איינגעטיילט אין קלאַסן.

די וואָס זי האָט פאַר זיי דרך ארץ און זי פילט אַז זי אַליין איז

זיי עפּעס שולדיק, זיינען די „טרעמפּס“, וואָס נעמען נאָר קאַווע און קוכן, אָדער קאַווע אַליין. זיי זעצן זיך אַוועק נאָענט צו דער קיך, וואו זיי פֿילן זיך נאָך אַלץ ניט זיכער און די הענט שאַרן זיך ביי זיי אַרום אַף הינטן, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן באַהאַלטן.

קומט אַריין איינער אַזאַ, אַ מאַן פֿון אַ יאָר עטלאַכע און דרייסיק, מיט אַ פּנים וואָס דערמאָנט באַלד אין דער הויט פֿון אַ טויטן. אין דרויסן גייט ער אַרום פֿריי, נאָר דאָ שרעקט ער זיך. אַ ליפּ ציטערט אַרום. אַז ער זעט ניט נעבן זיך אַזעלכן ווי ער, דערפֿילט ער זיך גאָר פֿרעמד. קריגט ער די קאַווע און אַ קוכן, גייט ער צו צום ווינקל ביי דער קיך און זעצט זיך אַוועק. אין אָנהויב פּאַמעלעך און נאָכדעם מיט אַמאָל. די אויגן כאַפּן אויף פֿון אַנדערע טעלער שטיקער פֿלייש, אייער און אַנדערע מאכלים, גיט אים דער האַלז אַ ציטער־אויף און ער נעמט אַרום מיט די אַדערנדיקע הענט זיין „קאַפּ“ קאַפּע. דאָס איז זיינס . . . ער קרוכלט אַפּ שטיקלאַך פֿון דעם קוכן און זופּט צוביסלאַך די קאַווע. יעדער טרונק דערוואַרעמט, שטאַרקט אים און ציט פֿון די ביינער דער הונגער אַרויס.

מערי שטייט אין אַ זייט און קוקט אַף אים, אַף דעם דער־שלאָגענעם מענטשן, אַף זיין הילך, וואָס רופֿט אַרויס נאָך מער רחמנות ווי זיין אויסזען. זי פֿאַרגעסט זיך אין איר אַרבעט און פֿאַרטראַכט זיך.

זי ווייסט ניט וואָס זי טראַכט. נאָר אַ געוועב וויקלט זיך אַרום אירע אויגן און קוקנדיק אַף אים, זעט זי גאָר אַ קליין אינגעלע. אַרום אים זיינען אַנגעשטעלט אַ סך עסנס און ער זיצט אַ פֿאַר׳עקשנ׳טער און וויל גאָרניט נעמען אין מויל אַריין. דאָס פּנימ׳ל זיינס איז באַהויכט מיט צערטלאַכקייט.

אָבער די אויגן זיינע קוקן פֿול מיט צער. דורך דעם צער פֿון זיינע אויגן וויקלט זיך פֿונאַנדער דער געוועב פֿון אירע אויגן. זי דערזעט צוריק דעמזעלביקן „טרעמפּ“. ער האָט שוין אָפּגעטרינקען די קאַווע און אויפֿגעגעסן דעם קוכן. זי וואָלט וועלן דערפֿילן, צי ער איז שוין כאָטש אַביסל זאַט . . . און זי קוקט מיט בייזע, ניט פֿאַרגינערישע אויגן אַף די וואָס עסן דאָ וואָס זיי ווילן נאָר.

זי וואָלט אים געגעבן עפּעס גוטס צו עסן. ס׳איז דאָ אַזויפֿיל־נאָר זי טאָר ניט. זי האָט שוין אַמאָל געהאַט אַן אָפּשניט פֿאַר אַזאַ זאַך.

אז דער „טרעמפּ" לאָזט זיך גיין, באַגלייט זי אים מיט וואַ־רעמע בליקן. זי וואָלט אַזוי וועלן אַז די צאַרטע בליקן אירע זאָלן אים אַנזעטיקן און שטאַרקן . . .

מער היימיש פילט זיך מערי מיט די אַרבעטער וואָס קומען אַריין אַהערצו עסן. אַף זיי איז ניט קיין רחמנות. זיי קאָנען עסן וויפיל זיי ווילן — ס'עסן איז מיט אַזאַ אַפּעטיט! — און זיי זיינען זאַט. זי האָט ליב זייערע גרויסע שווערע הענט און האָט ליב זען זייערע פאַרשמירטע „אָוועראָלס", וואָס זיינען מערסטנס, פון אונטן אַביסל צעפליקט.

ניט ווייט איז דאָ אַ גרויסער אַפּיס פון אַ צייטונג. קומען פון דאָרט אַהער די „פרעסלייט" עסן. אַ חברה פון אַ צען מענטשן זיינען זיי. זיי קומען אַהער אַזוי ווי זיי זיינען ביי דער אַרבעט. פאַרשטויבטע. פאַרשמירטע מיט אויל. נאָר די הענט אַביסל אָרומ־געוואַשן, אַזוי ווי קינדער שטיפערישע וואָס ווילן זיך ניט נעמען די מי זיי גוט אָרומוואַשן.

איינער פון זיי איז דאָ, דזשימי, אַ הויכער מיט אַ ברייטן פּנים וואָס איז אונטערגעשפּאַרט מיט שטאַרקע אַקסלען. די אַרבל זיינען ביי אים פאַרקאַטשעט, די אַרבעט'ס העמד ביים קאָלנער צע־שפּיליעט. ברעמען האָט ער גרויסע, געדיכטע. יעדן מאָל, אַז ער גיט אַ קוק אַף מערי'ן, בלייבט זי שטיין און קוקט אים אונטערטעניק אין די אויגן אַריין. זי ווייסט, אַז ער וויל גאָרנישט פון איר. ער איז צו שטאַרק, אַז ער זאָל זיך מיט זיין געזונטקייט וועלן באַרימען פאַר איר. זיין קוקן אַף איר איז ווי פון אַ טאַטן — אַ פרעמדער טאַטע, ניט אירער — וואָס גיט איר צו וויסן, אַז ער איז גרייט צו באַשיצן איר, טאָמער דאַרף זי אַמאָל זיין הילף.

אַז ער נעמט אַריין אירע דינע הענטלאַך אין זיינע — זיי ווערן דעמאָלט אַזוי דין און קליין! — און ער גיט זיי לייכט אַ דריק, איז אינאיינעם מיט דעם ווייטיק, דערפילט זי, אַז דערמיט גיט ער איבער אַביסל כחות פון זיך צו איר . . . ער שטאַרקט איר.

— אַ, ס'טוט ווײַ! — שרייט זי אויס מיט הנאה און ס'פאַר־דריסט איר וואָס זי קאָן ניט אויסהאַלטן דעם ווייטיק לייגגער, צו פילן מער דעם נחת פון זיין קראַפט.

ער לאָזט אָפּ אירע הענט, די פאַרבלויטע און צעשמייכלט זיך

צו די אַנדערע אַרבעטער. צו דעם יונגסטן פון זיי, וואַלטער, אַ הויכער, זייער אַ דינער, גיט ער אַ וואונק מיט אַן אויג, ווי ער זאָל אים זאָגן:

— ווערמען, אַ שטייגער, האָלסטו פאַר מער מענטש, מיר, צו זיך? . . .

און מערי נעמט די בלעכענע גרויסע שיסל און גייט אַ נאָכלעסיקע אַרום צווישן די טישלאַך און ביינקלאַך, צונויפקלייבן דאָס געפעס. ס'איז איר גוט. ס'איז גוט אויף דער וועלט.

---

זי פילט גוט ביז ס'שפּיגלט זיך איין אין איר דער בליק פון סאַלי'ן, די קאַסירערין פון דעם רעסטאָראַן.

סאַלי קוקט אויף זיך, ווי אויף אַ מענטשן וואָס איז פול מיט יחוס . . . זי שטייט אין פאָרנט, ביי דער קאַסע, נעבן דעם גרויסן שווי־פענצטער, אַלעמאָל אין אויסגעפוצטע.

זי וואָלט קיינמאָל דאָ ניט געשמייכלט, נאָר זי ווייסט, אַז ס'איז נויטיק צום געשעפט. גיט זי אַ קליין, קוים־קוים'עדיק שמייכעלע, אַז אַ גאַסט גייט צו און באַצאָלט איר פאַר'ן עסן.

אַז מע קומט אַמאָל צו איינער וואָס איז שיין און רייך אָנגעטאָן, ווי ס'גיט זיך אויס אַמאָל אַ פיינער מענטש . . . — דעמאָלט כאַפּט זי אַ קוק אינם קליינעם שפּיגעלע, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט ביי דער קאַסע, גיט זיך אַ פאַרשאַר מיט די הענט די בלאָנדע האָר, גלעט מיט אַ פינגער אירע רויט־באַפאַרבטע נעגל און דער קוק אירער איז אַ פרום־ערנסטער.ביידע, הייסט עס, זיינען חשוב'ע מענטשן.

נעבן סאַלי'ן שטייט דער אַלטער מיסטער קעמפּבעל, דעם באַלעבאָס' אַ ווייטער קרוב. ער טיילט אַרום מיט עטוואָס ציטערנדיקע הענט די „טשעקס" צו די וואָס קומען אַריין, די קעלנער זאָלן אויף זיי אָנצייכענען וויפיל ס'עסן באַטרעפט. דעם גאַנצן טאָג איז ער נעבן סאַלי'ן און אַז זיי האָבן ביידע צייט, דערציילט ער איר מעשיות פון זיין אָפּגעלעבטן לעבן, וואָס איז אַלץ, איין מעשה פון אַ מענטשן וואָס האָט פאַרביי געלאָזט ס'גוטע מזל, ווען ס'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. האַלב „דאַון טאַון", פאַרזיכערט ער איר, וואָלט איצט געווען זיינס, ווען ער זאָל דעמאָלט געווען האָבן אַ ווייט אויג און זען וואָס שפּעטער וועט זיין. און יעדער מעשה'לע פאַרענדיקט ער מיטן

זעלביקן אויספיר, מיט א גרינגן קלאפ מיט צוויי פינגער אף דער לינקער באק:

— בא! פארפאלן. קיין שכל ניט געהאט.

און אף דערויף גיט זי אים כמעט אלעמאל איר ענטפער:

— פארוואס זאלט איר עס זאגן, מר. קעמפבל?

סאלי איז פיין און איז לייטיש. איז אלעמאל אן אויסגעפוצטע און מערי געפעלט איר ניט. אז מערי פארעט זיך נאך ארום דער קיך, ארט עס איר ניט אזוי. ס'איז איר פלאץ, אזוי ווי די אלע פון איר גלייכן, וואס מ'דארף זיי נאר האבן, אז זיי זאלן אפטאן זייער ארבעט און גיין זייער וועג.

ווען נישט דאס, וואס מע דארף האבן זייער ארבעט — ווייסט זי, אז זי טראכט דעם באס' געדאנקען — ווער וואלט זיי דא אינגאנצן באדארפט? אלע זיינען זיי אזעלכע פראסטע, נידעריקע מענטשן, אזעלכע ניט קיין אנגענעמע ... אפילו, דאכט זיך, וואס? אז זיי נעמען זיך עסן, זעט מען, אז זיי וואלטן געוואלט צונעמען אלץ וואס ס'איז דא. פולע טעלערס נעמען זיי זיך. און צו דער קאווע מוזן זיי האבן „קייק" אויך — ניט אנדערש! ...

אמת, סאיז טאקע ניט אירס — לאזט זי זיך אליין אראפ פון איר הויכקייט — ס'איז דעם באלעבאס' און ער קוקט זיך אפילו ניט אום צו זען וויפיל זיי עסן. אבער איר רייסט ס'הארץ, אז זי זעט ווי זיי עסן אזוי געשמאק ... ס'איז ניט וואס זי פארגינט ניט. זי פארגינט ניט מענטשן קיין עסן? נאר זיי טאקע ניט.

אבער אף די קעלנערס האט זי נאך אלץ ניט אזא שלעכט הארץ ווי אף מערי'ן. זיי ווייסן כאטש זייער פלאץ. זיינען אלעמאל נעבן דער קיך. זי אבער — קוק איר נאר אן! — דרייט זיך נאך ארום אין פראנט, און מע קאן גוט זען, אז דאס איז ניט דערפאר וואס זי דארף צונעמען ס'געפעס. זי דרייט זיך גלאט ארום. גיט א וויש א טישל — ס'ווערט דען ריינער פון איר ווישן? — גייט צו צו א פענצטער און קוקט ארויס. דער דרויסן וועט ניט קאנען זיין קיין דרויסן, אז זי וועט ניט ארויסקוקן!

סאלי האט צו מערי'ן א שלעכטע באציאונג, ניט נאר ווייל ס'איז איר איינגענער געפיל אזוי. ס'קומט ביי איר אויס, אז דורך איר ווערט אויסגעדריקט, ווערט ארויסגעגעבן דער שלעכטער געפיל

פון איר גאַנצן קלאַס. אַלע פיינע מענטשן וואָס זיינען אַזוי ווי זי און אַפּילו די פון איר גלייכן וואָס האָבן געלעבט ביז איצט, קוקן אַרויס מיט פאַראַכטונג דורך אירע אויגן צו אַט דער — ווי הייסט זי? — מערי!

מערי ווייסט דאָס. און זי אַף סאַלי'ן האָט ניט קיין האַס. נישט איינמאָל, ווען זי כאַפּט אויף סאַלי'ס בליק אַף זיך, וויל זי זיך גאָר צולאַכן און צוגיין צו איר, אַרומנעמען סאַלי'ן ווי אַ גאָר נאָענטן מענטשן און איר פרעגן:

— פאַרוואָס ביזטו אַזאַ נאַר? אַזאַ שלעכטע? האָסט דען עפּעס צו מיר?

מערי שטעלט זיך אָפּ. וויל איינמיסטן אַז אירע אויגן זאָלן זיך אַנטרעפן מיט סאַלי'ס. מיט דער וואַרעמקייט וואָס זיי האָבן אין זיך, פאַרדעקן דעם געמאַכטן בייזן גלאַנץ אין סאַלי'ס אויגן. אויפלויכטן זיי מיט וואַרעמע געפילן. אָבער אירע אויגן באַגעגענען זיך מיט גרינע פלעמלאַך פון אַ שונא'ס אויגן, וואָס ווילן פון קיין שלום ניט וויסן.

זי זעט, ווי סאַלי רוקט זיך צו נאָענטער צו מיסטער קעמפּבעל, הויבט אָן ריידן מיט אים זייער פריינטלאַך און איר געזיכט ווערט אַפּילו אין דעם מאָמענט פאַרעלטערט. ס'דאַכט זיך: צוויי אַלטע מענטשן ריידן צווישן זיך פון זייערע לעצטע יאָרן, וואָס ס'איז זיי נאָך באַשערט צו לעבן אַף גאָט'ס וועלט . . .

מערי נעמט צונויף דאָס געפעס. זי דערפילט מיטאַמאָל, ווי דאָס וואָלט געוועזן איר אייגענע באַלעבאַטישקייט. די טעלער, די גלעזער, לעפל און גאָפּל, וואָס זי האַלט אין איין טראָגן צום קיך און זיי זיינען איר אַפּטמאָל אַזוי נמאס, ווערן איר איצט אייגן. זיי זיינען ניט דעם באַלעבאָס' און ניט די געסט'ס. זיי זיינען אירע. זי אַרבעט אַף זיי. זי קומט צו צו דער קיך, שטעלט אַוועק ס'געפעס, היט זיך דערביי, ס'זאָל זיך גאָרניט צוברעכן, ס'זאָל גאָרניט אַרונ־טערפאַלן.

זי קוקט אַף די קוכערס און קעלנערס און פילט דעם וואַרעמען ציטער אין זייערע אויגן צו איר. אַלע זיינען זיי אירע פריינט.

דאָ, מיט זיי, איז זי אַזוי זיכער.

און איצט, פון דאַנען, גיט זי ווידער אַ קוק אַף סאַלי'ן. כאַפּט

אויף איר בליק, פול מיט שנאה, מיט פאראכטונג. מערי פילט ווי זי וואלט געטראפן געווארן פון איר מיט א ממשות'דיקע זאך. אזוי ווי א שארף שפיצעכיק שטיינדל וואלט אף איר געפאלן. אדער איר פנים איז באגאסן געווארן מיט א שארף־שניידנדיק ווייטיק'דיקן ברען־שטאף.

א נייער, א ביז איצט פרעמדער געפיל, נעמט איר ארום, באַהערשט איר אינגאנצן. א קאלטער, א שטאל־אנגעצווינגענער געפיל.

און פון אירע אויגן, מערי'ס, וואס זיינען נאר וואס געווען אנגעפילט מיט ווארעם־ליכטיקע געפילן, הויבן זיך איצט אויך אן ציען גרינע פלעמלאך, שפיצעכיקע, שלאנגיש־גלאנציקע.

אויגן מיט שנאה קוקן אף א שונא.

# אומרו

איבערן פענצטער, אפן טעלעפאן דראט, איז א פייגעלע אן אומרואיקס ארומגעשפרינגען.

דארע איז געלעגן אין בעט, נאך א פארשלאפענע, געקוקט אפן פייגעלע, א טראכט געטאן אז צווישן איר און דעם פליערל איז דא עפעס א שייכות. נאר זי האט איצט ניט געוואלט זיך אנשטריינגען, אויסטראכטן דעם גאנצן געדאנק און זי איז געבליבן ליגן מיט פאר־מאכטע אויגן.

אפשר וועט זי נאכאמאל איינשלאפן.

אירע טונקל־בלאנדע האר, מיט אן ארומגעשווירן טשובקעלע איבערן געזיכט, האבן זיך געטוליעט צו דער ווייסער קישן און די דינע קאלדרע איז געווען איבערגעדעקט איבער איר ביזן האלז, ווי א מאמע ציט אויס א קאלדרע און דעקט זי איינגאנצן איבער איר קינד, נאר ארויסלאזנדיק דאס קעפל:

— שלאף!

דער בופעט־שפיגל נעבן בעט האט געמאכט אויסזען דעם צימער פארגרעסערט איינצווייען. געמאכט צום פילן אז דאס וואס ס'איז דא, איז אלץ דא נאך, און אז אינדער'אמת'ן איז גאר ניטא אזוינס וואס ס'איז דא. ס'ווייזט זיך נאר אויס . . .

פון דער ליכטיקייט פונדרויסן האט זיך אין א ווינקל ביי א וואנט אוועקגעלייגט א פאס ווייסקייט. ניט גרויס, נאר גאלע ליכט. דער זון'ס א שטראל.

דארא האט א פאר מינוט געשמאק געדרימלט. נאר ס'איז געווען ווי זי וואלט געוואוסט אז זי שלאפט און זי הערט זיך צו צו איר אטעמען.

די טיר פון וואש־צימער האט זיך געעפנט און סענדער, וואס זיין קישן ליגט נעבן דארא'ס, איז ארויסגעגאנגען אן אפגעראזירטער. א

פרייד וואס איז געוואקסן אין אים, האט דורך די אויגן ארויסגעקוקט.

ער איז שטילערהייד צוגעגאנגען צו דער טיר. געקוקט אף דארע׳ן, ווי זי ליגט אזוי א צופרידענע און דער שמייכל ארום זיינע ליפן איז געווארן ברייטער.

ס׳איז אזא נחת. אז ער וויל, קאן ער זיך ווידער אויסטאן און זיך אוועקלייגן נעבן איר.

דארע איז שוין ניט געשלאפן. ווען ער האט געעפנט די טיר פון וואש־צימער, האט דער סקריפ דעם שלאף צוגענומען פון איר. זי האט ניט געוואוסט ווער ס׳איז אין הויז און איז געלעגן מיט האלב־פארמאכטע אויגן.

געזען אז ס׳איז סענדער און זיך געוואונדערט: וואס טוט ער דא? און דערזען אז ער איז אנגעטאן נאר אין די הויזן און שטייט דא אזא היימישער, האט זי זיך אויפגעהויבן און געעפנט די אויגן מיט פארוואונדערונג: וואס טוט זי דא? ווי קומט זי אהער?

סענדער איז צוגעגאנגען צו איר:

— שטייסט שוין אויף, דארע?

איצט ווייסט זי שוין. זי איז דא צוריק אין איר הויז, און זי איז שוין דא היינטיקע נאכט געשלאפן.

מיט אים.

— ווי שפעט איז איצט? — האט זי געוואלט, אז ער זאל כאטש אף א מינוט ארויסגיין פון דאנען.

ער איז ארויסגעגאנגען אין צווייטן צימער. זי האט צענומען אירע העמט און זיך אויסגעצויגן.

— ס׳איז שוין צען א זייגער, דארעלע — האט ער פון דארטן געגעבן דעם ענטפער און איז צוריק באלד אריינגעגאנגען, אזוי ווי ער וואלט נאכגעגאנגען זיינע ווערטער און זען צי זיי זיינען אנגעקומען ריכטיק.

זי איז שוין ווידער געלעגן.

— וואס טוסטו דא? — האט זי אים געפרעגט.

די פרייד וואס איז געוואקסן אין אים געוואקסן, איז באלד ניט גע־בליבן. נאר דער שמייכל האט נאך קיין צייט ניט געהאט צו פאר־שווינדן, האט ער זיך אויסגעקרימט און זיך אוועקגעלייגט אין א זייט

פונם מויל, א דערשראָקענער. די אויגן זיינע זיינען געווען אײַנגעאַנצן צעטומלטע.

— וואָס מיינסטו? — האָט ס'קויל זײַנס אַ ציטער געטאָן. ניט געהאַט קיין כּח אַף נאָך אַ וואָרט.

דאָרע האָט זיך געוואָלט צולאַכן, זעענדיק ווי ער איז געבליבן אַזוי שטיין, אַ דערשלאָגענער. נאָר זי האָט גענומען ריידן גאָר אַזוי ווי ברוגז, ווי ס'וואָלט גערעדט אַ געטרייע ווייב:

— כ'מיין, וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט? גייסט גאָר ניט אין אַפּיס?

ס'איז שוין גאָר אַנדערע רייד. ניט דאָס וואָס ער האָט גע־מיינט פריער.

— כ'האָב באַוואָרנט נעכטן, אַז איך זאָל היינט קאָנען קומען צו דער אַרבעט ווען איך וויל — האָט ער איר באַרואיקט. אַז זי זאָל ניט מיינען, ס'וועט אים שאַטן וואָס ער איז היינט ניט געקומען אין אַפּיס אין צייט.

דאָרע האָט זיך צעלאַכט.

— מיין אָרעמער סענדער — האָט זי געזאָגט מיט אַ וואָרעמען געפיל פון רחמנות, אַזאַ וואָס זי האָט שוין צו אים לאַנג ניט גע־פילט — האָסט דערציילט אין אַפּיס, אַז דיין צודרייט ווייבל וואָס איז פון דיר אַזוי לאַנג אַוועק, קומט צוריק צו דיר? און אַלע האָבן דיר געוואונשן גליק?

זי האָט ניט געוואַרט אַף קיין ענטפער. דאָס וואָס ער האָט צו זאָגן, האָט פאַר איר קיין ווערט ניט. נאָר ס'איז איר גלאַט געווען אינטערעסאַנט צו ריידן און פרעגן ביי אים זאַכן.

זי האָט זיצנדיק, זיך אַרומגענומען מיט דער דינער קאָלדרע.

— זאָג דעם אמת, סענדער, ביזט גרייט צו פאַרגעבן מיר אַלצ־דינג? ביזט אַזאַ גוטער מענטש. איך בין דיר ניט ווערט. קום אַהער, וועל איך דיר געבן אַ קוש.

נאָר אַז ער איז צוגעגאַנגען נאָענטער און זיך אַנגעבויגן צו איר, האָט זי אים מיט ביידע הענט פריינטלאַך אָפּגעשטופּט פון זיך.

— גיי בעסער, מאַך קאַווע. איך וויל אַ גלאָז וואַרעמע קאַווע. און טאָקע עפּעס עסן אויך. היינט וועל איך ליגן אין בעט און זיך פוילן אַ גאַנצן טאָג.

ער האט זיך געלאזט גיין אין קיך אריין.

זי האט אים גערופן:

— קום אהער, סענדער. דו ווייסט, ס'איז טאקע גוט אז מ'האט א מאן און מ'דארף ניט גיין ארבעטן.

סענדער האט עפעס געוואלט זאגן.

— גיי שוין, מאך מיר עפעס — האט זי זיך געברוגזט — און נאכדעם זאלסטו גיין צו דער ארבעט. ביזט שוין גענוג געווען א פרייער פויגל. דארפסט איצט זען, מאכן א לעבן. האסט א ווייב און —

זי איז געווארן ערנסט.

— זאלסט היינט ברענגען דאס קינד — האט זי באפוילן — איך בין געקומען צו דיר, איך זאל קאנען האבן דאס קינד נעבן זיך.

— איך ווייס — האט ער געזאגט. צופרידן וואס ער קאן כאטש ארויסריידן אווארט צו איר, און ער איז אריינגעגאנגען אין קיך אריין.

זי איז ארונטערגעשפרונגען פון בעט און זיך אוועקגעשטעלט קוקן אין שפיגל.

אז זי האט זיך דערזען אין שפיגל, האט זי אף א רגע זיך דערפילט פרייליכער, אזוי ווי נאך א פרוי וואלט געווען אין הויז . . . נאר זי איז באלד צוריק אריין אין בעט. ניט צופרידן. ווי זי וואלט געקוקט אין שפיגל ניט אין דער ריכטיקער צייט.

— סענדער! — האט זי געשריגן אין קיך אריין — פאר מיר זאלסטו מאכן נאר קאווע. איך וויל נאך נעמען א וואנע.

כאטש זי האט זיך געשאפט מיט אים, אים געגעבן באפוילן, וואס צו טאן, האט זי אבער אין דעם טאן פון אירע אייגענע ווערטער דערפילט, אז זי רעדט ווי זי וואלט געווען די שוואכערע. דער קלאנג פון די ווערטער איז א ציטערדיקער, א געבראכענער. אזוי רעדט א מענטש וואס האט זיך פארזינדיקט.

זי איז אבער געווען זיכער, אז ער, סענדער, פילט עס ניט. ער ווייסט נאר ו ו א ס זי זאגט אים. אבער ווי אזוי זי רעדט עס ארויס, פארשטייט ער ניט. אלץ דארף זיין פאר אים אפן. ארויס־געזאגט.

— וואס באלעמעטשעסטו מיטן צונג? וואס זאגסטו ניט ארויס

וואָס דו ווילסט? — אַזוי פֿלעגט ער איר אַמאָל פֿרעגן. דאָס איז געווען די לעצטע צייט איידער זי איז פֿון אים אַוועקגעגאַנגען. און אַז זי האָט אים שוין גוט געזאָגט, אַז זי האָט דערפֿילט אַ וואַרעמען געפֿיל, אַ נאָענטקייט צו אַ צווייטן, האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען פֿון אירע רייד און פֿון איר האַלטן זיך, אַז זי וויל ניט דעם שטייגער פֿון איר איינגעלעבטן לעבן אינגאַנצן איבערררייסן, אַז זי אַליין האָט גאַר מורא דאָס צו טאָן; אַז ערשט דעמאָלט האָט זי אים גאַר געדאַרפֿט אַזוי האָבן פֿאַר אַ פֿריינט, מיט וועמען זי זאָל קאָנען ריידן אַזוי פֿריי וועגן אירע געפֿילן צו אים און די געפֿילן וואָס זי האָט צו ראַוויטש'ן. וואָס זיי זיינען אַזוי אַנדערש . . .

מיט וועמען קאָן מען זיך דען אַזוי דורכריידן גוט, ווי מיט אַן אייגענעם מאַן? . . .

אַזוי האָט זי דעמאָלט געטראַכט דערפֿון און אַזוי אפֿילו האָט זי אָנגעהויבן ריידן צו אים. נאָר באַלד ווי זי האָט אים גענומען דערציילן וועגן ראַוויטש'ן — ביי אים איז דאָס שוין באַלד געוואָרן, אַז זי האָט אַן אַנדערן — האָט ער איר פּשוט געהייסן אַוועקגיין פֿונעם הויז. ער וויל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין אויסגעלאַסענע פֿרוי. האָט ער געזאָגט, און ער וועט ניט לאָזן אַז דאָס קינד זאָל זיין מיט איר אפֿילו איין טאָג.

אַז סענדער טראָגט צו די קאַווע צום בעט, שמייכלט זי. איר נקמה האָט זי גענומען פֿאַר דער באַליידיקונג, וואָס ער האָט איר געשליידערט אין פּנים אַריין, אַז ער וויל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין אויסגעלאַסענער פֿרוי. אַזוי לאַנג האָט ער איר געהאַלטן אין איין בעטן, אַז זי זאָל קומען צוריק לעבן מיט אים.

סענדער זעט זי שמייכלט, מיינט ער אַז דאָס דאַנקט זי אים דערפֿאַר וואָס ער האָט איר צוגעטראָגן די קאַווע צום בעט. ער וויל, זי זאָל ניט פֿילן ניט־אָנגענעם וואָס ער באַדינט איר, זאָגט ער:

— ס'איז גאָרנישט. ס'ט האָבן געגנוג צייט מיר אָפּדינען צוריק.

— ביזט אַ גוטער בחור, סענדער. ביזט ווערט אַ קוש, אויב דו ווילסט.

וואָס זאָל ער זאָגן? זי האָט געטראָפֿן מיט ביידע זאַכן. ער ווייסט אַליין אויך אַז ער האָט אַ גוטע נאַטור און אַ קוש וויל ער טאַקע — ער געדיינקט נאָך אירע אַמאָליקע קושן.

דאס צוציען זיך מיט אירע ליפּן און דער מאָמענט פאַרן געבן דעם קוש, איז ביי דאַרע'ן אַזוי ווי אַ מין הייליקייט, כאָטש זי פילט איצט צו סענדער'ן גאָרניט. נאָר אַז דער קוש איז שוין געגעבן געוואָרן און אירע ליפּן זיינען שוין אַף זיין באַק, קאָן דער קוש מער ניט אנהאַלטן. אַזוי ווי אַ געוויקס אַף אַ טרוקן פּלאַץ. ס'האָט ניט אנגעגנומען . . .

אומזיסט פאַרזיימט.

און איצט, פילט סענדער, אַז ער קאָן שוין גיין. דאָס הויז איז צוריק אַ הויז און דאָרט — וואָס מיט איר איז געווען — זי איז צוריק זיינע. ער קאָן שוין אַ רואיקער גיין צו דער אַרבעט.

פאַרן אַוועקגיין, זאָגט ער:

— כ'ל קומען פאַרנאַכט, דאַרעלע, וועל איך קומען מיטן קינד.

— איך בעט דיר —

— אַ, דו דאַרפסט מיר ניט בעטן.

און ער גיט אַ בלאָז דעם רויך פון זיין סיגאַרעטל אַף אַרויף און די טיר גיט אַ פריילאַכן קלאַפּ ביים פאַרמאַכן זיך.

---

אַזוי וועט עס שוין זיין. זי איז געקומען צוריק.

כאָטש זי האָט זיך פריער אויך פאַרגעשטעלט, אַז איר וויי־טערדיק לעבן. ווען זי וועט קומען צוריק צו סענדער'ן וועט זיין אַן אומעטיקס און זי האָט אפילו אין די געדאַנקען פאַרגליכן אַזאַ לעבן צו איינעם וואָס ווערט אַף אייביק פאַרשיקט אין טורמע, האָט זי אָבער איצט דערזען די טורמע פון דער נאָענט. זי איז שוין אינע־וויניק.

אויבן, איבער דער סטעלי, האָט זי דערהערט דאָס רודערן פון אַן עלעקטרישן רייניקער איבער דער פּאָל. דאָס רייניקן איז אָנגע־גאַנגען מיט האַסט. ס'איז געווען ווי דער אָפּקלאַנג פון אַ דונער וואָס האַלט זיך אין פאַרענדיקן. דאַרע האָט פאַר זיך געזען דאָס בילד, ווי די פרוי וואָס וואוינט פון אויבן, שטייט אָנגעבויגן, מיטן „וועקיום קלינער" אין די הענט און מיט אַ שטאַרקע איבערגעגעבנקייט און הנאה פון דער אַרבעט, רייניקט זי די קאַרפּעטס פון הויז. דאָס הויז איז איר טייער. די אַרבעט איז איר ליב.

זי דערמאנט זיך, אז זי האט אמאל אויך אזוי געטאן און האט אויך אזוי געפילט.

איצט האט זי איין פארלאנג — זען איר קינד. זי איז צוליב דעם געקומען. אז זי איז געווען מיט ראוויטש'ן, האט זי דאס קינד געקאנט זען זייער זעלטן.

זי איז שוין אין וואשצימער און רייניקט אויס די וואנע.

ניט אלע מאל האט זי געביינקט נאכן קינד — בלייבט זי אנ־געבויגן איבער דער וואנע און א האנט בלייבט הייגנען אין דער לופטן — זי איז געווען פארנומען מיט זיך אליין. מיט זיך און מיט ראוויטש'ן.

אירע בלויע אויגן ווערן גרעסער. קוקן זיך איין אין דער ווייס־קייט פון דער וואנע. ווערן פארטראכט. איר לייב גיט א ציטער־אויף, אזוי ווי אין דער רגע האט זי דערפילט די גאנצע פרייד און דאס גרויסע גליק וואס זיי האבן ביידע געהאט אין די קארגע צוויי יאר.

— כ'האב אים פיינט! — ריידן ארויס אירע ליפן און זי דערפילט א כעס צו ראוויטש'ן. ער האט זיך אנגעזעטיקט מיט איר און איז אפגעקילט געווארן. ער האט שוין אויך גענומען ריידן פון מאראל און פון פליכטן פון א מאמען!

ס'איז זיין עסק וואס זי איז א מאמע און וואס מענטשן ריידן!

„ווייסט דאך — קרימט זי אים איבער ווי אזוי ער האט מיט איר גערעדט — כ'האב דיך נאך ליב אזוי ווי פריער, נאר חתונה האבן קאנען מיר ניט און וואס וועט זיין דער תכלית?" — א, ס'א אידיאט דאס איז! . . .

און זי שטעלט זיך אויף, צעשפרייט די הענט, מאכט צוויי פייגן און שטופט זיי אין דער לופט אריין:

— נא, נא דיר א פייג און סענדער'ן א פייג. איך האס אייך ביידן ווי דעם טויט.

ראוויטש'ן נאך ערגער.

זי טוט זיך אינגאנצן אויס, גייט אריין אין דער וואנע, דער־פילט דאס ווארעמקייט פון דער וואסער, ציט זיך אויס און ווערט אנטציקט פון איר אייגענעם קערפער.

— כ'וועל נאך דארפן אמאל שטארבן אויך . . . — גלעט

זי זיך דעם ווייסן האלז און האט אף זיך רחמנות. זי שטעלט זיך אויף. גיט א קוק אין שפיגל. גלעט לאנגזאם מיט ביידע הענט אירע ברוסטן, נאך אלץ יונגע און מיידלש־פריש. די פינגער גליטשן זיך ווייטער. איצט קוקט זי שוין אף זיך און חדוש'ט זיך, וואס איר אליין איז גאר ניט איינגעפאלן צו שפילן זיך מיט איר איינן לייב.

ראוויטש . . . ער האט אזוי ליב געהאט, ווען זי איז געשטאנען פאר אים מיט רחמנות אין די אויגן, און ער האט איר ארומגעכאפט און זיך איינגעביסן אין איר מיט זיינע געשמאקע זויפערישע ליפן. א ווילדע חיה. א, איז ער ווילד!

א י ז ע ר ו ו י ל ד!

אבער ער האט איר ניט אינגאנצן פארצערט — פרייט זי זיך און זי גלעט נאכאמאל איר לייב און זי פארגלייכט זיך אליין צו א באל וואס מ'ווארפט אים צו דער ערד און ער שפרינגט אף הויך אין דער לופטן און ער איז ווידער גאנץ און שטארק.

יעדן טאג, אז ס'וועט איר ווערן אומעטיק, וועט זי זיך אזוי שפילן מיט איר איינענעם פרישן לייב, וואס איז אזוי יונג און באַגיריג און איז א דערפרישונג פאר זיך אליין.

דארא לאזט אפ דעם שפריץ. דאס וואסער גיט זיך א לאז אף איר מיט אימפעט און מיט א ליידנשאפט. זאל זיין אויסגעגאסן ווערן אין ניוועץ אריין, נאר זיך פריער צוטוליען צו איר לייב. דא. דארט.

נאר איין דין וואסערל, שפריצט זיך אינגאנצן אין א זייט. ס'וויל ניט האבן צו טאן מיט אט דער נאקעטער יונג־פרוי. וואו ס'וועט זיך ארונטערלאזן, איז גוט, נאר ניט אף איר לייב. א פרום וואסערל . . .

דארא גיט זיך א בויג אין א זייט און דאס וואסערל מוז שוין גיין אף איר, נאר ס'איז קאלט . . .

אירע בלאנדע האר ווערן פון דער וואסער צופאטלט, גלייכן זיך נאכדעם אויס, ליגן זיך אוועק אין א זייט, לאזן זיך אינגאנצן ארונטער איבער איר פנים, פארשטעלן פון איר די ליכט. זיי ווייסן, אז שפעטער, אז זי וועט זיי נעמען פארקעמען, וועלן א סך פון זיי ארויסגעריסן ווערן, האבן זיי הנאה וואס אלע זייערע נאך דא דערווייל. קיינער פעלט נאך ניט.

אף א פאר רגע׳ס פארגעסט זיך דארא אינגאנצן אין אירע פריערדיקע געדאנקען. זי ווערט פארטאָן אין דער ארבעט פונם וואשן זיך און נאָכדעם אַז זי ווישט זיך אָרום און פארקעמט זיך, דערפילט זי אַז זי איז הונגעריק, און זי גיט א טראַכט, וואָס זי זאָל זיך מאַכן פאַר אָנבייסן.

זי איז אריינגעגאַנגען אין קיך אַריין, זען וואָס ס׳איז דאָ צום עסן. דער טיש איז געווען צוגעגרייט. סענדער האָט אַלץ צוגעגרייט און זי האָט געפילט צו דאַנקען אים דערפאַר.

דאָס גלעקל פון דער קיך־טיר האָט געקלונגען. אַז זי האָט די טיר אַביסל געעפנט, האָט זיך געוויזן אַן עלטערער איד, מיט קליינע בלאַנדזשיענדיקע אויגן און אַ באַוואַקסן פּנים. אין דער לינקער האַנט האָט ער געטראָגן אַ קוישיק.

— נאָדלען, זאַקן־בענדלאַך — האָט ער אויסגערעכנט זיין סחורה — שנירלאַך, קעמעלאַך, קאַטיושקעס בייוועלאַך.

זי האָט אים געוואָלט זאָגן אַז זי דאַרף גאָרניט קויפן און ס׳איז איר קאַלט, ער זאָל פאַרמאַכן די טיר. נאָר די אויגן זיינע האָבן מיט געבעט זיך אָנגעשטעלט אויף איר און ער האָט גערעדט צו איר ווי מ׳רעדט צו אַביסל אַ היימישן מענטשן:

— קויפט עפּעס, ליידי. איך גיי אַרום פון גאַנץ פרי אַן און כ׳האָב ערשט געלייזט צען סענט.

זיינע ווערטער האָבן איר גערירט. זי האָט אים אַריינגערופן אינעווייניק.

ער האָט שוין געוואוסט אַז זי וועט עפּעס קויפן, נאָר ער האָט זיך געוואָלט אַביסל אַרויסריידן.

— שלעכטע צייטן — האָט ער געזאָגט — ס׳איז דאָ אַ ווייב מיט קינדער און קיין פּרנסה איז ניטאָ גאָרניט. כאַטש נעם און צי זיך אויס אין גאַס.

אַז דער איד איז שוין געווען אַרויסגעגאַנגען, אַ צופרידענער וואָס זי האָט אים געגעבן צו לייזן, האָט זי ערשט דעמאָלט דערפילט דעם גאַנצן רחמנות צו אים. זיין טרויעריקער בליק און זיינע ווער־טער „שלעכטע צייטן" האָבן איר מיטאַמאָל אַזוי ווי פון אַ לאַנגן, שווערן חלום אויפגעוועקט. מיט אַ שווערן געמיט האָט זי געגעסן דעם אָנבייסן און געפילט צו אויסזידלען זיך אַליין.

וואס וויל זי? וואס איז זי אזוי פארטאן מיט אירע געפילן און מיט אירע געדאנקען? וואס פארשאפט זי זיך אליין אומזיסטיקע ליידן? א וועלט מיט מענטשן ליידן. אזוי פיל הונגערן. ס'איז דא אזוי פיל פיין אף דער וועלט. מע ארבעט, מע זוכט ארבעט, מע זוכט פרנסה. אן עלטערער איד שלעפט זיך ארום איבער די הויפן און איבער די טרעפ און אלץ וואס ער האט געלייזט אין דעם האלבן טאג, איז צען סענט. קוים אף א ברויטל. מענטשן גנב'ענען אפילו, ריזיקירן מיט זייערע לעבנס אף צו קאנען אנהאלטן זייער עקזיסטענץ אין לעבן.

— און איך — איז זי אין דעם מאמענט געווען גוט אין כעס אף זיך — האב זיך אליין איינגערעדט, אז ס'איז מיר שלעכט. אז ס'א גאט'ס רחמנות אף מיר. א ראוויטש מיט ליבעס אף מיין קאפ!

און אז דער געדאנק אירער האט שוין געארבעט אין דער ריכ־טונג, האט זי דערפילט א נאענטקייט צו סענדער'ן. ס'איז אים אויך ניט גוט. זי האט זיך דערמאנט ווי אזוי ער פלעגט איר אמאל דער־ציילן, וואס אים קומט אוים צו איבערטראגן ביי זיין ארבעט, פון די וואס זיינען אוועקגעשטעלט געווארן העכער פון אים, און ווי אזוי ניט איינמאל קומט אים אוים צו באליידיקט ווערן און קריצן אזש מיט די ציין פאר ווייטיק און — שווייגן.

זי האט זיך געלאזט גיין צום טעלעפאן. זי וועט אים אפרופן, סענדער'ן. וועט אים פרעגן ווי אזוי ער פילט. ער וועט זיין אזוי איבערראשט. ער וועט זיין אזוי גליקלאך.

יא, זי וועט עס טאן.

זי האט אבער דערפילט, אז זי איז צו שטארק צו'רעש'ט איצט, אז זי איז אונטער אן איינפלוס וואס וועט באלד אריבער. אזוי ווי פארשכור'ט פון דער ווירקלאכקייט.

און זי האט א קרום געטאן דאס פנים, אזוי ווי צעוויינען זיך באלד. זי וויל ניט דאס וואס ס'איז! ס'איז ניט גוט דאס וואס ס'איז. זי וויל אילוזיעס. זי וויל דאס וואס ס'איז ניט אזוי.

אפרופן סענדער'ן גאר! ווי פאלש דאס וואלט געווען! צוויי יאר איז זי געווען פון אים פריי. פריי. זי האט פאר דער צייט קיינמאל ניט געבייגקט נאך אים. אז זי האט פון אים אמאל א טראכט

געטאָן, איז עס געווען: ס׳לעבט אַ מענטש אויף דער וועלט — מילא, זאָל ער לעבן. ווען גייט עס אָן?

און איצט איז זי געקומען צוריק און וועט ווידער לעבן מיט אים. זי האָט שוין היינט געזען וואָס עס איז דער איצטיקער געפיל אירער צו אים. זי איז צו אים נאָך גלייכגילטיקער ווי אַמאָל, איידער זי איז אַוועקגעגאַנגען פון אים.

זי איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און האָט אַ פריי־לאַכע, מיט אַ פריש קול, אַ לויטערס, וואָס האָט אויסגעדריקט גרויס פאַרגעניגן, אָפּגערופן ראַוויטש׳ן.

און אין אַ פּאָר רגע׳ס אַרום, האָט זיך געהערט איר געפּיעשטשעט קול, וואָס האָט אים נאָכגעקרימט און זיך חנ׳עווערדיק גע׳ברוגז׳ט:

— יאַ, ס׳איז דאָרע. איז וואָס־זשע ווילסטו? . . .



# שוואַרץ אַף ווייס

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט.

אָבער עדנאַ'ס בלויע אויגן זיינען נאָך געווען וואַרם און ליכטיק פון דער זון וואָס האָט איר בייטאָג געגלעט און געצערטלט און אין איר אַן אומרו דערוועקט.

בייטאָג איז זי געשטאַנען מיט אירע צוויי קליינע קינדער אין דרויסן. זיי האָבן שטיפעריש זיך אַרומגעשפּילט מיט אַנדערע קינדער.

זי איז געשטאַנען ביי די טרעפּ פון איר הויז — איר אייגן הויז — און צוגעזען די פרייד וואָס שפּרינגט אַרום אין די אויגלאַד פון אירע צוויי מיידעלעך. צוויי ליכטיקע בליאָונגען.

אָבער וויוויען איז שענער פון דער עלטערער — האָט עדנאַ צו זיך געזאָגט, קוקנדיק אויף דער זעקס יאָריקער מיידעלע מיט די בלאָנדע לאָקן אַרום אירע בלאָע, טיפע אויגלעך — מאַרסי איז געראָטן אין אים . . . — האָט זי אַ פאַרשולדיקטן שמייכל געטאָן פאַר אַזאַ געדאַנק.

און אין איין צייט האָט זי אַ געפילט דעם שטאָלצן פאַרגעניגן פון דעם קינד וואָס איז שענער און אַ מיטגעפילט דעם שטילן נים אַרויסגערעדטן צער פון דער עלטערער מיידעלע, וואָס איז נים אַזוי שיין.

זי האָט אַ קוק געטאָן אַף די וואַזאַנעס וואָס שטייען אַף די צוויי באַלקאַנען פון איר שיינער הויז און האָט פאַר זיך אַ פאַרגלייך געמאַכט:

ביידע בליען אַף דער זון. זי היט זיי באַגלייך אַפּ. זיי ווערן פון איר און פון די רעגנס באַגאָסן און אָפּגעפרישט. אָבער איינע האָט איבערגעוואַקסן די אַנדערע און זיך יחוס'דיק צושפּרייט אַרום זיך. די אַנדערע וואַזאַנע אומעטיקט זיך. זי רייסט זיך צום וואַקסן. צום בליען, אָבער עפּעס שטערט איר . . .

א פייפן פון א לאקאמאטיוו האט זיך דערהערט פון דער ווייטן. א שארף שטורמדיקער ביים אנקומען און שטיל־פארגייענדיק ביים אוועקפארן. די באן איז דורכגעפארן און אוועק. ווייטער, ווייטער.

די, מיינסטנס נייע, צוויי שטאקיקע הייזער, מיט די בוימער ביי די זייטן, אויף דער ווייטער גאס פון דער גרויסער שטאט, האבן זיך געשפילט אין ליכט און אין שאטן. איין ריי איז געשטאנען אף דער זייט פון דער זון און די אנטקעגנאיבערדיקע האבן די שאטנס ווייט איבער זיך ארומגעשפרייט. פון צייט צו צייט האט אן אטאמאביל דורך דער גאס זיך דורכגעיאגט אף דער גרינג און אמאל האט א שווערער לאסט־וואגן פון א „דעפארטמענט סטאר" ביי א הויז זיך אפגעשטעלט. א מאן האט א פעקל צו א הויז אראפגעטראגן און דער לאסט וואגן מיט די שווערע רעדער האט מיט א צו שטארקן הילך, ווי א גרום פון די טומלדיקע גאסן אין שטאט, ווייטער אין זיין וועג זיך געלאזט.

א צולאזן ווינטל האט שטיפעריש מיט ערנא'ס בלאנדע ווייכע האר זיך א שפיל געטאן. עס האט דורך איר א ווייע געטאן, איז צוריקגעקומען און איר דינע בלוזע א גלעט געטאן. גלאט אזוי זיך.

אן אכצן־יאריקער בחור, אן אומבאקאנטער צו ערנא'ן איז אף דעם טראטואר געגאנגען מיט שווערע טריט. זיינע ברייטע, ליכטיק גרויע הויזן האבן אים א חשוב'קייט צוגעגעבן. פון זיינ פרישן געזיכט האט יונגע בלוט זיך געריסן.

ער איז דורכגעגאנגען דורך איר און מיט יונגער נעוואגטקייט, ווי ס'וואלט אים פאר איר גארניט געארט, האט ער זיך אין ערנא'ס אויגן שארף איינגעקוקט און איז מיט זיכערע טריט אוועקגעגאנגען.

זי האט אים נאכגעקוקט. ביים ראג פון דער גאס האט ער זיך א קירעווע געטאן און איז פארשוואונדן געווארן. זיך ניט אום־געקוקט אף צוריק. אבער ערנא האט נאך געפילט זיין בליק איבער איר גאנצן קערפער.

א פרעמדער יונג, — האט זי זיך אליין געוואונדערט — און וואס פאר א נאענטקייט זי האט דערפילט צו אים!

ווי צו איר מאן, אין די היימישסטע רגע'ס.

און די זון, אזוי ווי א נייע, א געקומענע פון ערגעץ, אנגעפילט מיט ווארמקייט און מיט לויטערע ליכטיקייט, בלענדעט איר אין די

אויגן, זשמורעט זיי איין, פילט זיי אַז מיט ליכטיקייט, מיט בונטער ליכט און רופט איר, ווי דאָס קלאַפּן פון דער באַן: ווייטער, ווייטער! ערגעץ ווייט אַוועק!

---

איצט איז שוין שפּעט אין אָוונט.

די קינדער שלאָפן שוין לאַנג אין זייער צימער.

דער מאַן, מיסטער וועבער — זי וויל ניט טראַכטן איצט פון זיין ערשטן נאָמען, פריינק — איז גרייט צו „מאַכן נאַכט". ביים אָוונט־ברויט האָט ער איר דערציילט, אַז ער איז מיד. ער איז אַ גאַנצן טאָג געווען שטאַרק פאַרנומען אין זיין ריעל עסטייט אָפּיס.

— אין ביזנעס, הערסטו — האָט ער צו איר גערעדט מיט אַ געהויבענעם ווירדיקן טאָן — דאַרף מען אַלעמאָל זיין אויף דער וואַך. הערסט וואָס איך זאָג? מע דאַרף אַלעמאָל זיך צוהערן וואו עס קלאַפּט אַן אַדער. וועסט זעען, וואָס די פירמע „פריינק וועבער" וועט זיין אין אַ יאָר אַרום! אָבער מע דאַרף קאָנען פירן די ביזנעס — האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין — מע דאַרף זיין פּייאַיק!

ער האָט גערעדט צו עדנאַ'ן און זי האָט זיך אין אַנהויב צו־געהערט. אָבער די רייד זיינען איר געווען פרעמד. ס'איז איר פאַרגעקומען, אַז דאָס רעדט ניט צו איר איר מאַן, פריינק, וואָס זי זיצט מיט אים ביי איין טיש, נאָר די פירמע זיינע, דער ריעל עסטייט אָפּיס. ס'איז אַ צירקולאַר.

אַלע אָוונט רעדט ער צו איר אַזעלכע ענלעכע רייד און זי האָט דערפון הנאה. ער ווערט רייכער. וואָס ווייטער, קאָן זי זיך פאַר־גינען מער זאַכן. און ס'איז איר גלאַט אינטערעסאַנט וואָס אַט דער מאַן אירער, וואָס איז ניט קיין שיינער, און זי ווייסט אַז ער פילט זיך אַנטקעגן איר אַביסל געפאַלן, האָט אַזאַ דערפאָלג אין זיין אַרבעט.

וואָלט זי דאָס געקאָנט? — פרעגט זי זיך. זי ווייסט אַז ניין. און זי גיט אים אַליין איבער די אויבערהערשאַפט איבער איר. זי זאָגט גאָרניט. נאָר דער בליק אירער איז מער ווי אַ פריינטלעכער. פון אַ מענטשן, וואָס גיט שווייגנדיק צו, אַז דער צווייטער שטייט העכער פון אים.

אָבער איצט האָט עדנאַ אפילו ניט געהערט וואָס ער רעדט

צו איר. און אז זי האט יא עפעס איינגעהערט, איז עס איר געווען ניט איינגן. זי האט געפילט, אז אויב ער וועט נאך לייגנער ריידן, וועט זי אים הייסן אז ער זאל זיך דערווייטערן פון איר. וואס האט ער זיך אריינגעריסן אין איר הויז מיט זיינע געשעפטן?

און ניט נאר ער אליין. דאס הויז איז איר אויך פרעמד. שווער. שווערע טישן. בעטן. פארשטויבטע צימערן, כאטש זי האלט זיי ריין. ארויס פון א צימער — אריין אין א צימער. אלץ איז איר אזוי גוט באקאנט. ווי לאנג וועט זי עס דארפן זעען?

און אין הארצן נאגט. ס'ציט צו עפעס. סע שלעפט צו ווייטקייטן. צו אומבאקאנטעס. צו אזעלעכס וואס ס'איז דא נישטא.

— קום. — האט זי מיט געבעט געזאגט צום מאן, ווען ער האט מיט אן אויסגעצויגענעם געניץ איר געגעבן צו וויסן, אז ער וויל זיך שוין אוועקלייגן שלאפן — קום, לאמיר ערגעץ ארויסגיין.

— וואוהין? — האט ער מיט אמאל דערפילט א סכנה — וואוהין ווילסטו עס גיין אזוי שפעט?

— לאמיר ערגעץ ארויספארן — האט זי גערעדט צו אים צוגעלאזענער ווי זי האט געפילט — איך וויל איצט ניט זיצן אין הויז. כ'וויל עפעס נייעס. פרישקייט.

— וואס אזוינס? — האט ער געפרעגט און אליין ניט געוואוסט ווי אזוי צו האלטן זיך: שטריינג אדער נאכגעבנדיק.

פון גיין איצט שלאפן, איז שוין אפגערעדט. ער וועט דארפןווארטן ביז ס'וועט איר איבערגיין דער משוגע'נער קאפריז אירער. זי איז היינט אזוי מאדנע קאפריזנע!

ער איז צוגעגאנגען צו דער ראדיא און איר אנגעשטעלט. אפשר וועט עס איר פאראינטערעסירן.

ס'האט זיך דערהערט דאס שפילן פון א דזשעז ארקעסטער.

עדנא איז אן אנגערעגטע געבליבן שטיין מיט ווייט צועפנטע אויגן. אינם שפילן האט זי דערהערט א ניגון וואס האט מיט א שטילן געוויש ביי איר אין הארצן זיך געווארמט.

— מיר וועלן פארן אין א קאבארעי. קום! — האט זי באפוילעריש און ניט פריינטלאך געזאגט צו איר מאן.

ארום איר דינער נאז האט א שארפקייט ארומגעבלענדט און פריינק איז געקומען צו א גיכן באשלום — איר פאלגן.

אַז זיי זיינען געזעסן אין אַטאַמאָבּיל און זי האָט גענומען קירעווען מיטן רעדל, האָט זי געגעבּן צו וויסן דעם מאַן:

— מיר וועלן פאָרן אין אַ נעגערשן קאַבּאַרעי.

פריינק'ס אַ אונטערשטער און אויבּערשטער צאָן, בּיי דער לינקער בּאַק, האָבּן זיך צוזאַמענגעפּרעסט.

---

די פראָסט־הילצערנע טישלאַך מיט די ווייסע טישטוכער פאַר־דעקט, אין דעם „שוואַרצן אָדלער", זיינען די מערסטע געשטאַנען ליידיקע, פאַרלאָזטע. צוליבּ מאַנטיק און צוליבּ דער היץ האָט מען ניט דערוואַרט קיין סך געסט. מ'האָט געקאָנט איבּערציילן אַרום אַ צענדליק פּאָרלעך וואָס זיינען געזעסן אין פאַרשידענע ווינקלען. זיי האָבּן געוואוסט, אַז היינט וועט ניט זיין אַזוי פריילעך און האָבּן האַלבּ־צופרידענע אויפגענומען אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר. אַז מ'איז שוין דאָ. —

אַז עדנאַ און פרעד זיינען אַריינגעקומען, זיינען די שוואַרצע טענצערנס געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע. זייערע פאַרשמירטע פּנים'ער פון שווייס און שמינקע, האָבּן מידע זיך געוויגט. פון זייערע שמייכ־לענדיקע אויגן האָט אַ שטילער צער אַרויסגעקוקט און זייערע דינע פיס, ווי זיי וואָלטן זיך מיט זיי גאַרניט אָנגעקערט, האָבּן מיט אַ לייכטקייט זיך געטראָגן.

אַ יונגע נעגער־מיידל, מיט אַ פּנים'ל וואָס פאַרזיכערט זיך אַליין און אַנדערע, אַז זי איז איצט ניט קיין פאַרדאַרבּענע מיידל און וועט קיינמאָל ניט ווערן קיין פאַרדאַרבּענע, און מיט אַן אויסדרוק ווי זי האָט מורא אַז טאַטע־מאַמע וועלן איר שלאָגן פאַר קומען אַהיים צו שפּעט, האָט געזינגען אַ ליד פון אַ געליבּטן וואָס האָט איר פאַרלאָזט.

מר. וועבּער'ס אויגן, וועלכע האָבּן אַרומגעבּלאָנדזיעט איבּערן זאַל, אויף די געסט, אויף די שפּילער אין דעם אָרקעסטער און אויף די טאַנצנדיקע מיידלאַך, האָבּן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער זינגענדיקער נעגער־מיידל.

צו ערשט האָט זי אים פאַראינטערעסירט מיט דעם וואָס זי האָט אַזוי ווייניק אָנגעטאָן אויף זיך. ס'איז אוממאָראַליש — האָט

ער געטראַכט — די פּאָליציי וואָלט עס ניט געדאַרפט דערלאָזן. די פּאָליציי וואָלט אײנגאַנצן ניט געדאַרפט דערלאָזן אַזעלכע פּלעצער. נאָכדעם איז אים געפעלן געוואָרן דאָס לײכטקייט פון איר טאַנצן און די ווייכקייט פון איר שטימע. און ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט דערזען אין איר — פרוי. אירע פולע, טונקעלע בריסטן וואָס האָבן זיך האַלב אַרויסגעזען, האָבן אים געררייצט, געצויגן צו זיך. צוגעזאָגט אַ סך פאַרגעניגן. פרישן פאַרגעניגן.

און כדי עדנאַ זאָל ניט פאַרדעכטיקן, אַז ער האָט זיך צו לאַנג פאַרקוקט אַף דער נעגערין, האָט ער געזאָגט:

— וואָס דיר האָט היינט געצויגן אַהער, ווייס איך ניט. שמו־ציקע נעגערס מיט נעגערטעס און מער גאָרניט.

— מסתמא וועט שפּעטער ווערן עפּעס מער, פרייליכער, — האָט זי געענטפערט און אַליין געפילט, אַז ניט אַהער האָט זי געדאַרפט גיין ווען ס'האָט איר געצויגן צו עפּעס ווייטעס, אומבאַ־קאַנטעס; ווען זי האָט פּלוצים אַזאַ שטאַרקן אומרו דערפילט.

עדנאַ האָט געוואָלט שנאַפּס. זיך אַנטרינקען. און אַז זי האָט עס געקראָגן, האָט זי אַ האַלב גלעזל באַלד אויסגעטרונקען מיט אַזאַ איילעניש, ווי זי וואָלט אויסגעטרונקען אַ רעצעפּט, כדי גיכער פּטור ווערן דערפון און געזונט ווערן.

זי האָט באַלד דערפילט אַ וואַרמקייט איבער איר קערפּער און מיט ליכטיקע אויגן געשמייכלט, ווען פרײנק האָט אַ ברוגז'ער איר אויסגערעדט, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי אַ כאַפּ געטאָן צום שטאַרקן געטראַנק.

— טרונק, פרײנק, ס'איז גוט! — האָט זי אים אָנגעגאָסן אַ פולע גלעזל און אים אַ גלעט געטאָן איבערן באַק.

אָבער אַז די מיידל איז שוין געווען אַרויסגעגאַנגען פון דער טאַנץ פּלאַטפאָרם און ער האָט מער ניט געזען אירע פולע, קײלעכדיקע בריסטן, איז ער געוואָרן צוריק דער זעלביקער אַנשטענדיקער מענטש וואָס פריער, וואָס אַלעמאָל, און ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן פאַר־וואָס עדנאַ איז געקומען אַהער און זי טרינקט וואָס זי דאַרף ניט און איז אַזוי צעפלאַמט — ס'זאָל נאָר זיין אַ גוטער סוף.

ביי אַ נאָענטן טיש זיינען געזעסן צוויי אידישע דיכטער. איינער שוין איבער די פערציקער יאָרן, מיט אומעטיקע אויגן וואָס

ער האָט שוין געזעען אַזוי פיל פרייד אַף דער וועלט. אַ דיכטער מיט אַ נאָמען. דער אַנדערער, אַ יונגערער, מיט גרויסע, שוואַרצע, טרוימערישע אויגן. ער איז געזעסן מיט אַפשיי פאַר זיין אַנער־קענטן קאָלעגע.

— דו הערסט? — האָט דער עלטערער דיכטער געזאָגט צום יונגערן, ווען דער אָרקעסטער האָט מיט סאַקסאָפאָן און פויק זיך צע־רוישט — אַזוי דאַרף זיין אַ מאָדערנע ליד. מען דאַרף ניט קיין שטילקייט. אוים ווייַנענדיקע פידלען. זיי האָבן שוין אָפגעשפילט זייערס. גיב דעם פויק דאָס וואָרט. אַז ער וועט באַראַבאַנעווען, וועט מען הערן. און דער סאַקסאָפאָן דאַרף משוגענערווייז זיך צושרייען. משוגענערווייז. פאַרשטייסט, מיר זיינען שוין צוגעקומען צום ברעג. איצט דאַרף מען אַריבער. אַריבער.

דער יונגער דיכטער האָט אים אויסגעהערט און ער האָט די רייד עפּעס ניט פאַרשטאַנען. ער וויל דערווייל גוט קאָנען שפּילן אַף אַ פידל . . . ער איז נאָך אין ערגעץ ניט צוגעקומען . . . און געזאַנג, פילט ער, דאַרף זיין שטיל. סודותדיק און שאַטנדיק.

אין דער טאַנץ אַרענע איז אַריין דזשעק דזשעקסאָן, אַ נעגער. הויך און ברייט, מיט חן איבערן גאַנצן טונקעלן פּנים. ער איז גע־גאַנגען מיט חשיבות, ווי אַ באַרימטער אַרטיסט קומט אַרויף אַף דער בינע צו געבן אַ קאָנצערט.

די מיידלעך וואָס האָבן פריער געטאַנצט און איצט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי די טירן אין ביידע זייטן פון דער פּלאַטפאָרמע, צו הערן דזשעק׳ן זינגען.

דער אָרקעסטער האָט אים אויפגענומען מיט אַ פריידיקן פויקן־געקלאַפּ און ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען זיין ליד, זינגענדיק מיט שטאַרקייט און וואַרעמקייט.

די ליד איז געווען דער געזאַנג פון אַ נעגער וואָס זינגט פאַר ווייסע, וואָס הערן נאָר זיין געזאַנג און זיי אַמוזירן זיך און פאַר־שטייען ניט זיינע ליידן און די ליידן פון זיין פאָלק ווען ער זינגט פאַר זיי זיין ליד . . .

ס׳איז געווען ענלעך צו דעם ליד פון אַ קלאַון, אַ פּאַיאַץ, וואָס קלאָגט זיך וואָס ער דאַרף טראָגן אַ מאַסקע און אַ מיצל און

פריילאַך זײַן און לאַכן, ווען אַפֿן האַרצן איז אים אומעטיק און טרויעריק.

אָבער דער קלאָון קאָן אַרונטערנעמען זײַן מיצל. דזשעק מוז עס טראָגן כּסדר, זײַן שוואַרצן פּנים. ער קאָן פֿון זײַן שוואַרצקייט ניט אַרויס.

ער האָט געזונגען אַזוי זײַן ליד און דער אָרקעסטער האָט באַגלייט זײַן געזאַנג און ס'איז אַרויסגעקומען, אַט ווי אַ טרייסט: בּיזט ניט דער איינציקער. אַלע דאָ זײַנען מיר אַזוי. און אַט טרויעריק, איבערגעבנדיק אַלעמענס שטימונגען, אַלעמענס געדאַנקען, וואָס איז איצט איין געדאַנק: אַזוי איז אונזער לעבן.

די געסט, די ווײַסע געסט בײַ די ווײַטע טישלאַך, זײַנען שוין איצט געזעסן נאָענט בײַ דער פּלאַטפֿאָרמע און דזשעק האָט בײַ יעדע פּאָר פֿערזן זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַן אַנדער פּאָרל, געקוקט אויף זיי און געזונגען.

ער איז צוגעגאַנגען אויף דער זײַט וואו עס זײַנען געזעסן עדנאַ און וועבער.

בײַדע זײַנען געווען אַ ביסל אָנגעטרונקען. עדנאַ האָט געפֿילט גרינג. די שטאַרקע שאַרפֿקייט פֿון דעם שנאַפּס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דעם בלויען רייץ פֿון אירע אויגן. ס'איז געווען מיט איר ווי זי וואָלט דערזען אַ וועג וואָס פֿירט צו אַ לאַנד אַן אומבאַקאַנטן, אַ פֿאַרכּישופֿ'טן און זי גייט אויף דעם וועג.

וועבער'ן איז געווען שווער. דער שאַרפֿער געטראַנק איז אים אַרײַן אין גוף, אין די פּיס. ער איז פֿאַר זיך אַליין געוואָרן אַ שווערע משׂא. און ער האָט אַלץ געטראַכט, אַז היינט איז געשען אַזוינס וואָס האָט ניט געדאַרפֿט געשען. עדנאַ'ס מאָדנער אויפֿפֿירן זיך היינט אויף דער נאַכט, אירע קאַפּריזן, איר ווילן גיין אַהער און זײַן נאָכגעבן איר אַלץ — וועט צו קיין גוטס ניט פֿירן.

און כאָטש ס'האָט אים פֿאַרדראָסן אויף איר, איז אים אָבער עדנאַ פֿאָרט געווען ליב. זי איז דאַך . . . ווי שיין, ווי פֿאַרפֿלאַמט זי איז עס היינט! זי איז טאַקע שענער אַז זי איז אַזוי צעפֿלאַמט. ס'וועט זײַן אַזוי גוט, אַז זיי וועלן קומען אַהיים!

אַז דזשעקסאָן איז צוגעקומען אַנטקעגן זיי און געזונגען, האָט וועבער'ן פֿאַרדראָסן וואָס דער נעגער קוקט אַזוי אויף זײַן פֿרוי.

נאָך איצט, ווען ער האָט נאָר־וואָס געטראַכט אַזוי היימיש־נאָענט וועגן איר . . . ס׳פּנים איז אים געוואָרן רויט, ווי אָט איז ער גרייט אים דערלאַנגען אַ פּאַטש. ער האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף אים און מיט כעס אויסגעדרייט דעם פּנים אין אַ זייט.

— מיר׳ן גיין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי, ווען דזשעק איז אַוועקגעגאַנגען.

— מיר׳ן זיצן! — האָט עדנאַ מיטן זעלבן טאָן, אָבער שטרייננגער, געענטפערט — איך האָב נאָך צייט.

דזשעק דזשעקסאָן האָט אויפגעהערט זינגען און איז צוגעקומען צו דעם אָרקעסטער.

דאָס שפּילן האָט אויפגעהערט.

---

גיך האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט צווישן די שפּילער, די טענצערינס און די קעלנער, אַז דער ווייסער מאַן וואָס זיצט מיט דער שיינער בלאָנדער פרוי. האָט דזשעקסאָנ׳ען באַליידיקט. דעם ליבלינג פון דעם קאַבאַרעי.

שטילערהייט, אָבער צעהיצט, אויפגערעגט, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט וועגן דעם, און אַלעמען האָט פאַרדראָסן וואָס דזשעקסאָן איז באַליידיקט געוואָרן דערפאַר ווייל ער איז אַ נעגער. דער ווייסער מאַן איז אַ גרויסע אומרעכט באַגאַנגען קעגן אַלע נעגערס.

— גאָט וועט אים שטראָפן — האָט געזאָגט דער עלטערער נעגער, העסלינג, וואָס שפּילט אויף דער באַנדזשאָ.

— מיר האָבן קיין צייט ניט. מיר מוזן אַליין נעמען נקמה! — האָט דזשאָן ווינטשעסטער, דער פירער פון דעם אָרקעסטער, געזאָגט. זיין דין אויסגעצויגענער פּנים איז געווען אָנגעשטריינגט. ס׳איז ביי אים פּלוצים באַשאַפן געוואָרן אַ פּלאַן.

— שטיי דאָ, נעבן אונז — האָט ער געזאָגט צו דזשעקסאָנ׳ען.

— צוליב וואָס?

— שטיי דאָ, באַליידיקטער נעגער! — האָט ווינטשעסטער באַפוילן.

פּאָרל נאָך פּאָרל האָבן פאַרלאָזט זייערע טישלאַך און זיינען אין דער אַרענאַ אריין.

דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן פֿאַר די ווייסע געסט, אַז זיי זאָלן טאַנצן.

דאָס שפּילן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ. רואיק־געמיטלעך. ס'האָט זיך געטאַנצט ווי אין אַ פֿריילעך־געמיט־לעכן טאַנץ־זאַל. די טענער זיינען געווען מילדע, אָן באַרוישונג.

עדנאַ און וועבער זיינען געווען דאָס לעצטע פּאָרל אויף אַריינ־גיין. און מיט אַמאָל האָבן די אַנדערע טענצער דערפֿילט, אַז די מוזיק איז געוואָרן היציקער און צוגעאיילטער. דער פּויק האָט אַ זעץ געטאָן ווי אַ באַגריסונג און דער סאַקסאָפאָן האָט אַ הילך געטאָן ווילד־פריידיק.

ס'איז געווען שפּיל אין מלחמה. אַ מלחמה־שפּיל פֿון אינ־סטרומענטן.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט ־ פֿאַר עדנאַ'ן.

. . . זי, די אויסדערוויילטע, די ווייסע, וואָס אין אירע אויגן ליגט אַן אומעט באַהאַלטן און זי איז געקומען אַהער זיך באַרוישן, זאָל זי הערן די טענער און דעם רעש און די קולות פֿון די באַ־ליידיקטע.

האָט זי געהערט אַמאָל פֿון גייסטער בייזע, שוואַרצע רוחות, נישט גוטע, וואָס מאַכן זיך לוסטיק איבער טרויער, לאַכן, לאַכן מיט ווייטיק, פֿאַלן און זינקען און שלעפּן מיט זיך מענטשן, די מענטשן וואָס זיי האָבן ליב, מיט זיך אין אָפּגרונט אַריין?

היינט איז די נאַכט, וואָס זי ווערט פֿון בייזע גייסטער באַ־פֿאַלן. איצט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער טאַנץ וואָס ווערט פֿון די שדים געפֿירט.

ס'איז פֿריילעך און ס'איז אומעטיק־אויפֿרעגנדיק.

עדנאַ טאַנצט און זי דערפֿילט איר קערפּער. יעדן גליד אירן. ס'קומט איר אויס, אַזוי ווי זי וואָלט לאַנג־לאַנג געשלאָפֿן און ערשט איצט האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט. זי ציט זיך אויס און וויל זיך צולעבן.

זי דערפֿילט ווי אירע בריסטן ווערן גרעסער, וואַקסן אויס. ווערן שטייף. ווי אַמאָל, מיידלוויז, און זי דריקט שטאַרקער צו זיך דעם מאַן, וואָס איז איר מאַן.

האָסט איצט אַ ליידנשאַפֿטלעכע פֿרוי, פֿריינק. אַ פֿרוי פֿול

מיט באַגער. זע, ווי פלאַמיק עס איז מיין פּנים, ווי צעהיצט איך בין!

און דזשאַני ווינטשעסטער פירט אָן דעם אָרקעסטער. דיריגירט און שפּילט אַליין און זיין גאַנצער קערפּער הויבט זיך, בויגט זיך. רוט ניט אַ רגע.

שפּילט, חברה, שפּילט! אָט איז זי, די ווייסע פרוי, אַזוי נאָענט צו אונז, פאַרטומלט איר, ציט זי מיט אייער געוויש צו זיך. פלאַנטערט איר אריין אין אייער געוועב. נעמט זי צו, רייסט זי אַרויס פון אָט דעם מאַן אירן וואָס האָט אונזער שוואַרץ פאָלק אַזוי באַליידיקט. אָט איז זי! אָט איז זי!

ס'איז גוט וואָס נאָך פאַרלעך טאַנצן דאָ — טאַנצן דאָ! — ווייסט ניט דער ווייסער מאַן אַף וועמען ער קוקט אַזוי.

און דזשעק דזשעקסאָן שטייט נעבן דזשאַני'ן, מיטן פּנים צו דער אַרענאָ און זיינע אויגן זינדיקן זיך איין אין עדנאַ'ן. זיינע וועט זי זיין. זיינע!

זאָל ער, דזשעק, נאָר פאַרטשעפּען זיך מיט איר בליק, דער ווייסער פרוי'ס. איצט ווען זי איז באַרוישט, פול מיט גלוסטונג!

אָט איז זי דאָ! אָט איז זי דאָ! אירע אויגן גלאַנצן. פאַר־שכור'ט. וואַרט, זיינע וועט זי זיין!

עדנאַ דערזעט אים. אירע אויגן פינקלען מיט בלויען פייער. אָבער ניט צו אים. פריער האָט זי אים גאַרניט באַמערקט. איצט זעט זי אים. וואָס קוקט ער זיך אַזוי איין אין איר?

און זי טאַנצט מיטן מאַן, וואָס איז איר מאַן, אַוועק ווייטער. פאַרוואָס איז זי איצט אַזוי אַנדערש, רייסט זיך אַזוי צום לעבן, און פאַרוואָס איז וועבער איצט, ווי אַלעמאָל — גלייכגילטיק, אַזוי רואיק? גאַרניט איז זי ביי אים. אַ ווייב . . . צו יעדער צייט האָט ער זי.

עפּעס אַזוי ווינציק פאַרגעניגן האָט זי איצט, טאַנצנדיק מיט אים. איצט וואָלט זי דאָ געוואָלט זיין מיט דעם יונגן בחור'ל, מיט די ברייטע הויזן, וואָס איז פאַרנאַכט דורכגעגאַנגען דורך איר הויז און האָט מיט אַזאַ געוואַגטקייט זיך איינגעקוקט אין איר. און דאָס יונגע בלוט האָט פון זיין געזיכט זיך געריסן.

טראַכט ער איצט פון איר אין שלאָף? זעט ער איר אַצינד? אָ, ווען ער זאָל איר איצטער דערזען!

פונדערווייטנס, זעט זי, ווי דער יונגער נעגער, דזשעקסאָן,

האלט אלץ אנגעשטעלט זיינע אויגן אף איר, מיט געבעט און מיט עקשנות.

ער האט שוין געזינגען היינט . . . זיי זינגען אזוי מיט האַרץ, די נעגערס, און זיין שטימע איז אזא ברוסטיקע, פול מיט קראפט. מאנ׳ליד־מאנענדיק. פארוואס האט וועבער אזא בייזן קוק געטאן אף אים און זיך אוועקגעדרייט, ווען ער האט געזינגען און געקוקט צו זיי? — אייפערזיכטיק געווען?

ווי אויפגערעגט זי איז! איצט, אין שוואונג פון דעם טאנץ, ווען אלץ אין איר שוועבט אין דער לופטן, אז זי פילט ווי ארונטער־וואַרפן פון זיך אלץ און אליין פאר אלעמען דא אין א ווילדן טאנץ זיך צעלאזן, — האט זי גאר חשק ארויסגיין פון דער ארענא. ס׳און אפ־קומעניש ביים מאן דאס טאנצן. ווי פרעמד ער איז איר!

דזשעקסאן קוקט נאך אלץ אף איר . . . א מאן — א דעמב! ווי אזוי הייסט אט די שלאנג, וואס זי האט געהערט, אז ווען זי כאפט ארום א מענטשן, גיט זי אים א דריק צו און דערקוועטשט אים צום טויט?

דזשעקסאן וואלט אזוי געטאנצט מיט איר. ער וואלט איר מיט זיינע שטארקע הענט אזוי א דריק געטאן, א נעם און א צי גע־טאן צו זיין געזונטן קערפער. א קערפער, ווי א בראנזענע סטאטוע.

און אז זי האט ווייטער פארבייגעטאנצט — איצט — נאענט צו אים, האט זיך איר בליק לייינגער אפגעשטעלט אף אים. אים געלאזט וויסן דערמיט אז זי איז צופרידן וואס ער קוקט אף איר. זי ווייסט, אז ער קוקט אף איר די גאנצע צייט.

און באלד האט דער ארקעסטר גענומען שפילן ראשיקער און ברויזנדיקער. דזשאני און די שפילער האבן אויפגעכאפט איר בליק. זי איז דאך איצט אלעמענס. מ׳דארף איר פארפלאנטערן מערער. דזשעקסאן׳ס וועט זי זיין!

און עדנא האט דערפילט און דערשפירט דעם באטייט פון אט דעם שפילן. דאס ביסל אין גלעזל וואס זי האט געטרונקען און דער דזשעז שפיל, וואס האבן איר ארויסגעריסן פון איר ביז איצטיקן לעבן, און דזשעקסאן׳ס זינדיקער איינגע׳עקשנ׳ט־בעטנדיקער קוקן אף איר, האבן איר אינגאנצן צושפילט, צולעבט.

זי האט דערפילט וואס אט דאס שפילן באטייט און איר פנים

האט מיט שמייכלען געשטראַלט. פאַר איר שפּילט מען דאָס אַזוי פאַר׳שכור׳ט־ווילד היינט ביינאַכט. זיי ווילן איר אָפּוועגדן פון איר מאַן. ווי שיין דאָס איז!

און איצטיקס מאָל, ווען אירע גלאַנצנדיקע אויגן האָבן זיך באַ־געגנט מיט דזשעקסאָן׳ס שאַרף־שוואַרצע אויגן, האָט זי געשמייכלט צו אים. דער בליאַסק פון אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט צו אים נאָענטע פריינטלעכקייט און באַגער און גלוסטעניש.

איר קערפּער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם מאַנ׳ס. אירע פולע בריסטן, פול מיט ליידנשאַפט, וואָס זיינען פריער געווען צוגע־דריקט צו אים, ווי אַ מוטער׳ס ברוסט צו איר קינד׳ס מיילכעל, ווען זי גיט עס זויגן, האָבן זיך קאַלט אָפּגעוואָרפן פון אים. אַ משא איז ער איצט אָף איר. אַן אומזיסטיקע נאָכשלעפּעניש.

מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען סע ניט איז, וועט זיך דער געפיל צו אים בייטן. איצט וויל זי דזשעקסאָנ׳ען, דעם בראָנזענעם ריז. זיך צודריקן צו אים מיט איר גאַנצער ליידנשאַפט און זיך איבערגעבן צו אים, צו זיין ווילדקייט, צו זיין שטאַרקייט.

ווי צעטומלט־פאַרטומלט עס איז! דזשאַני ווינטשעסטער האָט אַ כאַפּ געטאָן דזשעקסאָנ׳ען און גענומען טאַנצן מיט אים און טאַנצנ־דיק, מיט אַ האַנט הינטער זיך, נעפירט דעם אָרקעסטער. חברה ווייסט שוין אַליין ווי אַזוי צו שפּילן איצט. און די שפּילער האָבן זיך אויפ־געהויבן פון די ביינקלאַך, אַרומגעגאַנגען מיט די אינסטרומענטן און געשפּילט און געטרובעט הפקר׳דיק־פריילאַך און הפקר׳דיק־פריילאַך געשריען און געקוויטשעט און געפייפט און דער פויקלער האָט אוועק־געלייגט די שטעקלאַך און געקלאַפּט אין פויק מיט די פויסטן, מיט די עלנבויגנס און מיט די שיך.

ס׳איז זייער יום־טוב. זייער שמחה. נעמט צו עדנאַ׳ן און טרייבט אַלע געסט אַרויס פון דאַנען!

אַ, לאָזן זיי זיין. ווער קוקט זיך עס אום אָף זיי?

ווי אויפגעבראויזט, ווי הפקר׳דיק און ווי פריילאַך עס איז!

און איצט, אַז עדנאַ האָט מיט וועבער׳ן פאַרבייגעטאַנצט דורך דזשעקסאָנ׳ען, האָבן אירע אויגן ווי פאַרשאַטנטע, פאַרנעבלטע, מיט

אַ באַגער וואָס איז אומעגלאַך איינצוהאַלטן, געקוקט אַף אים מיט גרוים ליבשאַפט.

און דער בלויער פייער וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון אירע אויגן אַרויס, האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז זי וועט שוין געפינען אַ וועג צו אים. זי איז שוין מיט אים איצט . . .

דער פויקער האָט דאָס לעצטע מאָל אַ זעץ געטאָן מיט דעם פייקל אין דער פויק, מיט שטאַרקער קראַפט, מיט ווילדער פרייד — — געזיגט!

# לידער

דזשיימס וואַטקינס האָט אַרומגעשפּאַצירט אין וועלדל.

שוין אַ פּאָר וואָכן אַז דזשיימס וואַטקינס גייט כּמעט יעדן טאָג אַרום אין וועלדל און מיט יעדן מאָל וואָס ער קומט אַהער, דער־פילט ער מער דעם וואונדערלאַכן כח וואָס איז דאָ אין די ביימער, אין די קוסטעס, אין די גראָזן, אין דעם גאַנצן דרויסן דאָ, וואָס איז צו אים אַזוי ווי אַ געפונענער, אַ ניי־אַנטדעקטער.

אַז ס'איז דאָ אַ וועלדל, וואָס ציט זיך אין דער ברייט פון דער גאַס, וואָס איז נאָך די באַן־רעלסן ביז צום לייק, האָט דזשיימס אַלעמאָל געוואוסט. ער האָט דאָס וועלדל אַפּטמאָל געזען, פאַר די צען יאָר וואָס ער וואוינט אין גרינוואוד, ווען ער פלעגט מיט ווייב און קינדער גיין צום לייק זיך באָדן.

אָבער ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אַהין דורכן וועלדל. ער איז געגאַנגען דורך דער ברוקירטער גאַס. דאָס וועלדל איז געווען אין אַ זייט.

איצט גייט ער אַרום אינעווייניק. ער איז איינמאָל אַריינ־געגאַנגען אַהער און ער גייט שוין דאָ אַרום כּמעט אַלע טאָג.

אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן.

ס'איז דאָ אַזוי ווי ס'ווערט באַשריבן אין די לידער.

אַזוי טראַכט אָפט דזשיימס, ווען ער גייט אַרום און קוקט זיך צו צום וואַלד־לעבן און זעט די זון דורך די צווייגן אַרויס.

דזשיימס איז אַ שריפטזעצער. די גאַנצע צען יאָר וואָס ער איז דאָ, אַרבעט ער אין אַ וואָכנטלאַכער צייטונג, אין דעם דער־בייאיקן שטעטל ווילאַ פּאַרק. ער האָט געזעצט דעם זאַץ פאַר דער צייטונג באַלד ווי זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, אַ קלייניקע, פיר זייטן אינגאַנצן, און די צייט וואָס זי און איר באַלעבאָס, דער אַרויס־געבער, האָבן אָנגעהויבן ווערן גרויס און באַקומען אַ ווירקונג.

ער האט געהאט נחת א סך, סיי אין דעם באַלעבאָס און סיי אין דער צייטונג.

מר. גרעי איז אַן אנגעזעענער מענטש. אין סיטי האָל וועט קיינמאָל ניט געטאָן ווערן קיין זאַך אָן זיין וויסן. אַז אַ מעיאָר וויל ניט אַלעמאָל פאַרבויגן זיין אייגענעם כבוד און ער פאָלגט ניט מר. גרעי׳ן, קומט אַרויס די ,,פאָסט׳׳ מיט אַ זייער שאַרפן אַנגריף־עדיטאָריעל, גאַרניט ווי ס׳איז אַלעמאָל דער מנהג אירער, צו שרייבן אַז אַלץ איז גוט און פיין, אין דער בעסטער אָרדנונג. אַ, ניין. איצט איז גאָר אַן אַנדער זאַך. די ,,פאָסט׳׳ קאָן ניט פאַרשווייגן די גרויסע עולה וואָס ס׳איז באַגאַנגען געוואָרן פון דעם מעיאָר קעגן דער גאַנצער געמיינדע.

מר. גרעי קאָן שרייבן. לאָזט עס צו נ׳אים. און ווער האט דעם גרעסטן ריעל עסטייט אַפּיס אין דעם שטעטל? מר. גרעי, פאַרשטייט זיך. פאַרוואָס זאָל אַזאַ פּייאָניקער מענטש ניט זיין רייך?

וואַקסט מר. גרעי׳ס פאַרמעגן. וואַקסט די צייטונג, אין פּרעס־טיזש, אין צירקולאַציע, אין אַנאַנסן און טאַקע אין לייענשטאָף.

ווער סע ווייסט ניט, אָבער דזשיימס געדיינקט גוט ווי אַזוי די צייטונג האט אויסגעזעען אין אָנהויב. אַביסל האט מען באַשריבן דעם און אַביסל יענעם און אַ פּאָר אַנאַנסן און מער איז שוין ניט געווען וואָס צו לייענען.

יענע צייטן! דזשיימס אַז ער דערמאָנט זיך אין דעמאָלט, מוז ער לאַכן. פון זיך אַליין לאַכן.

אָפּטמאָל, אַז ער איז געזעסן ביי דער לייגאָטייפּ מאַשין און געאַרבעט, אָדער אַז ער האט צונויפגעשטעלט אין גאַנצע זייטן דעם זאַץ וואָס ער האט אויפגעזעצט, האט ער געהאט אַ געפיל, אַז ס׳איז זיין צייטונג . . . ער מאַכט זי.

נאָך גוט וואָס ער האט באַלד איינגעזען אַז ס׳אַ נאַרישקייט. און צו פאַרדאַנקען האט ער עס טאַקע געהאט מר. גרעי׳ן, וואָס איז אַ פּייאָניקער, אַ קלוגער מענטש.

ס׳איז געווען אַן ערך אַ האַלב יאָר נאָכדעם ווי די ,,פאָסט׳׳ האט אָנגעהויבן דערשיינען. זיינען זיי געשטאַנען ביידע אין דער דרוקעריי, מר. גרעי און ער, און ער האט אַרונטערגענומען קאָרעקטורן

פון די צונויפגעשטעלטע זייטן. פאלט אים איין פלוצים, דזשיימס'ן, צו זאגן, אין עקסטאז פון הנאה:

— מר. גרעי, אונזער צייטונג איז היינטיקע וואך זייער א גראטענע.

האט מר. גרעי ארונטערגענומען די אויגן פון דער קארעקטור, אפילו ארויפגערוקט די ברילן איבער די אויגן און א פארווירטער געפרעגט:

— וועמעס צייטונג האט איר עס געזאגט? א ו נ ז ע ר ע?... הע, הע, הע!

און מער האט ער גארניט געזאגט. ער האט נאר געלאכט. א וואוילער מענטש, מר. גרעי.

אן ארבעטער דארף וויסן, וואס ס'איז זיינס און וואס ס'איז ניט זיינס. זיינס איז גארניט, נאר וואס מ'גיט אים. זיינס איז זיין כח, זיינע הענט וואס ארבעטן.

דאס האט ער שוין געוואוסט דזשיימס די גאנצע צייט נאכ־דעם. נאך דער נארישקייט וואס ער איז באגאנגען.

מר. גרעי אליין האט אים מער ניט דערמאנט וועגן דעם. ער איז געווען צו אים אלעמאל פריינטלאך. אז די צייטונג האט זיך צעוואקסן און ס'זיינען צוגעקומען נאך שריפטזעצער, האט נאך דזשיימס אלעמאל באקומען דעם בעסטן מאטעריאל, די בעסטע „קאפי" צו זעצן.

אזוי ווי ער האט געקאנט זאגן אף זיין ווייב און אף זיינע צוויי קינדערלאך, אז זיי זיינען זיינע און אז זיי וועלן אלעמאל זיין זיינע, אזוי זיכער האט ער געקאנט זאגן, אז ער זעצט אויף ס'בעסטע וואס ס'איז דא אין דער צייטונג, און ער וועט דאס אלעמאל טאן.

ער, נאר ער, זעצט אויף דעם עדיטאריעל, די נייס פון די קירכעס, און די דרשות וואס ס'ווערן געהאלטן פון די גלחים; ער, און ניט קיין אנדערער, זעצט אויף די באשרייבונגען וועגן דעם וואס ס'קומט פאר ביי די רייכע, ביי די „סאסייעטי" פרויען, זייערע פאר־ווײַלונגען, פארברייענגענישן, אלץ וואס ס'איז נויטיק אז די לייענער פון דער צייטונג זאלן עס וויסן — אט דאס אלץ זעצט ער, דזשיימס וואטקינס, דער ערשטער זעצער פון דער „פאסט".

ס'איז גארנישט קיין בזיון פאר אזא מענטשן ווי ער!

נאר פרויען נעמען דאך אלעמאל אויף זאכן אף א מאדנעם אופן. וואס ס׳איז גארניט צו פארשטיין. האט אים איינמאל זיין אייגענע פרוי, לילי, זייער א שטילע, אן איידלינקע, וואס איז אלעמאל פארטאן מיט די קינדער און מיט דער הויז, האט זי אים איינמאל פלוצים א פרעג געטאן. פונקט דעם טאג ווען ער האט אויפגעזעצט א סך אינטערעסאנטע נייס פון דער ,,סאסייעטי וועלט״ און ער האט עס איר דערציילט מיט גרויס צופרידנקייט, האט זי אים פון דער העלער הויט א פרעג געטאן:

— וואס איז אף ד י ר אזא פרייד? וואס האסט ד ו דערפון וואס די רייכע גייען אנגעטאן די שענסטע קליידער, האבן אלע פארגעניגנס, מאכן זיך גרויסע שמחות און ווערן שיר ניט משוגע פאר גרויס וואוילטיק?

איז טאקע געווען איר גליק, לילי׳ס, וואס ער איז א גוטער מאן און ער האט איר ליב און ער האט רעספעקט פאר איר. האט ער זיך איינגעהאלטן, איר ניט זאגן וואס ס׳קומט איר. ער האט איר נאר געענטפערט מיט א שמעכעלע:

— וואס האסטו בעסער געוואלט, אז דיין מאן זאל זעצן אד־ווערטייזמענטס? . . . אז עפעס א דינסט זוכט א שטעלע און אז אין א קראם פארקויפט מען היינטיקע וואך קארטאפלים ביליקער? . . .

אזוי האט גערעדט א מאן צו א פרוי. אזוי האט גערעדט דזשיימס וואטקינס סיניאר!

נאר זי, לילי — ער האט טאקע געהערט אמאל, אז אן אייגענע ווייב רעדט אמאל אזעלכע אומפארשטענדלאכע פרעמדע ווערטער, אז מ׳קאן זיי ניט הערן פון דעם פרעמדסטן מענטשן — אז ער האט איר אזוי אפגעענטפערט, האט זי, די שטילע, די איידלינקע, די געטרייע פרוי, נאך געהאט קוראזש גענוג צו זאגן אים:

— ביזט גליקלאך . . . דו זעצסט די נייס פון די רייכע, די מיליאנערן, און דו אליין קריגסט דיזעלביקע ווידזשעס וואס מיט דריי יאר צוריק און האסט אפילו ניט קיין איין רעכטן מלבוש אף אנצוטאן. די ,,פאסט״ האט זיך א שיינעם אפיס, מיט א גאנצן גארטן מיט בלומען פון פארנט און דו אליין — דיר האט מען פאר־שטופט מיט דער זעץ־מאשין ווייט אוועק, ערגעץ אין א פינצטערניש. אנטקעגן א גאראדזש מיט געזאלין און דארטן פינצטערסטו אף דיין

לעבן. דו אליין האסט בליי אין די לונגען. הוסט ביינאכט ווי אַן אַלטער מאַן, האַסט שוין באַקומען רומאַטיזם אויך. אַ מענטש פילט דאַס אַזאַ גרויסע פרייד! . . .

נאַרישע רייד! זינדיקע רייד! — דערמאַנט זיך איצט דזשיימס וואָס פאַר אַ שלעכטן איינדרוק זיין פרוי'ס ווערטער האָבן אַף אים געמאַכט. ער איז דעמאָלט געוואָרן אין כעס און איז אַרויס פון הויז.

און ס'איז טאַקע געווען אַרום יענער צייט, וואָס מר. גרעי איז צו אים צוגעקומען. מר. גרעי אַליין, מיט אַ בוך וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— נעמט עס — האָט מר. גרעי געזאָגט — דאָס איז אַ בוך מיט לידער. אַ לעזעריין אונזערע וויל מ'זאָל דרוקן יעדער וואָך אַ ליד. דאַרף מען איר צוליב טאָן. האַלט דעם בוך ביי זיך און יעדער וואָך וועט איר אויסשניידן אַ ליד און עס אויפזעצן פאַר דער „פאַסט".

זיין האַנט וואָס האָט פריער געהאַלטן דעם בוך לידער, האָט זיך איצט פריי באַוועגט.

דזשיימס וואַטקינס האָט דעם בוך באַהאַלטן, ווי דער באַלעבאָס האָט באַפוילן און יעדער וואָך ווען ער האָט אויפגעזעצט אַ ליד, האָט ער עס געטאָן מיט אַ געפיל, ווי ער וואָלט נאָר אויסגעפירט אַ באַפעל פון מר. גרעי, וואָס האָט געוואָלט צופרידנשטעלן אַ לעזעריין. מענטשן האָבן ניט וואָס צו טאָן, שרייבן זיי לידער, און אַנדערע מענטשן האָבן אויך ניט וואָס צו טאָן, לייענען זיי די לידער.

אַן איבעריקע זאַך. נאָר — גאָרניט. אַז מ'דאַרף — דאַרף מען.

---

פון זינט דזשיימס האָט אָנגעהויבן דאָ אַרומגיין אין וועלדל, דערמאַנט ער זיך אין די לידער, וואָס ער האָט אַן חשק אויפגעזעצט פאַר דער צייטונג.

דאָ, אינם וועלדל און דער גאַנג פון זיינע געדאַנקען איצט, איז אַזוי ווי אין יענע לידער איז געווען געשריבן.

כמעט אַלץ וואָס ער האָט אין די צען יאָר אויפגעזעצט אַ חוץ די לידער, האָבן מיט אים איצט קיין שום שייכות ניט. ס'האָט ניט געהאַט קיין אינערלאַכן באַריר מיט אים. עס האָט קיין סטרונע פון זיין נשמה ניט אָנגעצויגן.

וואס ער געדיינקט איצט, זיינען די לידער וואס ער האט אויפ־
געזעצט אן חשק. זיי קומען ווי פון א טיפער באהעלטעניש, פון ער־
געץ אן איבר, וואו זיי האבן זיך באהאלטן ביז ס'וועט קומען די צייט
וואס זיי וועלן אים קאנען דינען . . .

איצט קומען זיי ארויס, די לידער, וואס זיינען אזא לעבעדיקער
טייל זיינער ווי זיין אטעם. זיי קומען צו אים ניט קיין גאנצע ווי
זיי זיינען געווען, נאר אין איינציקע שורות, אין ווערטער, אין גע־
דאנקען.

די צייט איז געקומען פאר זיי.

דזשיימס וואטקינס, דער מענטש וואס איז ערשט אלט א פינף־
און־פערציק יאר און האט א פרוי און צוויי קינדער קליינע, און ער
האט געמיינט, אז דאס לעבן זיינס וועט זיך אזוי ציען ווי ביז איצט,
ביז ער וועט אלט ווערן, האלט ביי ווערן פאראליזירט.

ס'איז שוין קיין סוד ניט.

פאר א סוד האט ער זיין קראנקהייט געקאנט האלטן נאר אין
אנהויב. ווען זי האט אנגעהויבן זיך דערנאענטערן צו אים. ס'איז
געווען ווי ער האט געוואלט אז קיינער זאל ניט זען זיין שונא וואס
קומט אף אים. האט ער די רומאטיזירטע פיס געדריקט איינע צו
דער אנדערער; האט, בגנבה, אויסגעטאן די שיך ביי דער ארבעט,
דער ווייטיק זאל ווערן לייכטער און ס'זאל זיך ניט פילן אזוי דאס
שטעכן אין די פינגער פון די פיס. שפעטער אבער, איז די קלענערע
קראנקהייט אין א גרעסערע, איז א סך אן ערגערע איבערגעגאנגען.
א טייל פון זיין גאנצן גוף, האט ער דערפילט, שטארבט אפ, ווערט
אן דעם לעבנס־נערוו.

איצט ווייסן שוין אלע — ער ווערט פאראליזירט. ער קאן שוין
ניט ארבעטן. נאך א טאג, אדער נאך א וואך — ער וועט אוועק־
געלייגט ווערן אין בעט און וועט ליגן דארט האלב א לעבעדיקער,
האלב א טויטער.

קיין הילף, קיין היילונג איז שוין פאר אים ניטא. איצט זיינען
זיינע לעצטע טעג וואס ער קאן זיך נאך אנשפארן אף א שטעקן
און ארומגיין אביסל.

ער בלייבט שטיין נעבן א קוסטע נים בוימלאך. איצט בליען
די צווייגלאך. קליינע, גרינע פיפקעלאך שפראצן ארויס. די זון

וועט זיי וואַרעמען. רעגנס וועלן זיי דורכנעמען און זיי וועלן זיך צעוואַקסן.

ער וועט ניט זיין דאָ ווען די ניס וועלן רייף ווערן. וועלן קומען קינדער, וואָס וועלן, ווי היישעריקן, מיט פריילאַכע געשרייען, באַפאַלן די צווייגלאַך און וועלן אַרונטעררייסן די ניס, מיט די צו־געוואַקסענע גראַב־קלעפּיקע בלעטלאַך. זיי וועלן זיך, בעת מעשה צעשטעכן די הענטלאַך, נאָר זיי וועלן אַנשטופּן פולע קעשענעס און וועלן קומען אַהיים פריילאַכע.

ער וועט ניט זיין דאָ ווען די ניס וועלן רייף ווערן. אין בעת וועט ער ליגן, פוילן . . . וועט קומען פון ערגעץ אַ וואַנדערער, אַ הונגעריקער מענטש צוגיין, וואָס האָט ניט קיין היים און זיינע וועגן זיינען אָן אַ סוף און מיט פייער אין די אויגן. ווי ביי אַן הונגעריקן וואָלף, וועט ער אַף די ניס קוקן. אַ נוס נאָך אַ נוס וועט ער אָפּרייסן און דאָס וועט זיין זיין שפּייז און דאָס וועט שטילן זיין הונגער.

אַזוי טראַכט איצט דזשיימס וואַטקינס און ער פילט ניט אַזוי דעם צער פון זיין גרויסן וויי.

און ער ווייסט, אַז דאָס טראַכטן זיינס אַזוי רואיק, איז געקומען צו אים פון די לידער וואָס ער האָט אויפגעזעצט פאַר דער „פּאָסט" און ער האָט זיי דערוויל איבערגעלייענט.

ער געדיינקט ניט קיין איינציקע ליד אויף אויסווייניק, נאָר אַלע צוזאַמען זינגען זיך איצט פון אים אַרויס.

ווייל וואָס איז אַ ליד, אַ ליד פון אַן אמת'ן דיכטער?

. . . אַ ליד איז אַ געזאַנג צו דער נאַטור, וואָס איז אייביק און פּשוט, וואָס דערגרייכט פון איין עק וועלט ביז צו דער אַנדערער: אַ געזאַנג צו אַלץ וואָס איז דאָ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צום לעבן און צום טויט.

אַ ליד איז דאָס געזאַנג פון דעם דיכטער, וואָס גרויס איז זיין פרייד, ווען ער דערפילט דאָס גרויסע ווערק פון דעם וועלט־באַשאַף, ווי פאַר זיינע אויגן וואָלט זיך דער גאַנצער מעשה־בראשית אָפּגעטאָן, און טיף איז זיין טרויער, וואָס דריקט אויס די וויטיקן, די דערני־דערונגען פון מענטשן, די ניט דערגרייכטע פאַרלאַנגען.

דאָס ליד פון דיכטער, וואָס איז אָנגעפילט מיטן טרויער פון

אונזער שוואַכקייט, פון אונזער נישטיקייט, וואָס טרויערט אויס דעם סוף פון אונזער לעבן.

דזשיימס וויל גיין ווייטער, צום ברעג פון באַרג, אַרונטערגיין צום לייק. גיין איבערן זאַמד־ברעג. האַלטן אין איין גיין.

ער פילט דאָך איצט, ווי דאָס שטילע לעבן דאָ, לעבט אויף, באַוועגט זיך, צוזאַמען מיט זיין אייגענעם אָטעם. אַלץ לעבט דאָ מיט פרישן לעבן. ער פילט און הערט דעם לעבעדיקן אָטעם פונם גראָז אינם וואַקסן. ער הערט ווי די בוימער פרייען זיך מיט דעם לעבן וואָס ס'איז זיי געגעבן געוואָרן. לעבעדיקע בוימער זיינען זיי, מיט צווייגן און מיט בלעטער וואָס בויגן זיך, הערן זיך צו צו דעם גרינגן ווינטל, הערן מעשה'לאַך סודות'דיק־וואונדערלעכע און דרעמלען איין. נאָר זיי הערן זיך נאָך אַלץ צו . . .

וואוהין ציען זיך עס די וואָלקנס? זיי ציען זיך ניט איינע צו די אַנדערע, מיט שווערע געדיכטקייט, צו צונויפנעמען זיך אינ־איינעם און מיט אַ רעגן זיך צוגיסן.

ליכטיק־ווייסע זיינען זיי. יעדער וואָלקן גייט זיך זיין וועג, טראָגט זיך גרינג־געמיטלעך, ווי געשיקט אַף אַ שליחות און ווייסט אַז זיין גיין אַליין איז אַ באַשיינונג.

אַלץ אַרום לעבט, ציט דזשיימס'ן, שטויסט אים צו גיין ווייט. ווייטער.

נאָר אַז ער הויבט אָן גיין אַביסל גיכער, דערפילט ער אַ שאַרפן ווייטיק. אַ געשפּיזלט־שטעכיקן, און ער דערזעט זיך אַליין ווי ער זיצט אַפן גראָז. דער ווייטיק אין די פיס איז שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער.

— איך ווער פּאַראַליזירט! — שרייט ער אויס זיין וויי, ווי דאָס גראָז און די בוימער וואָלטן אים פאַרשטאַנען און רחמנות געהאַט אַף אים.

— איך ווער פּאַראַליזירט! — כאַפּט זיין האַנט אַז אַן אַרונ־טערגעפאַלן צעבראָכן צווייגל און די האַנט קרעמפּט זיך איין אין דעם.

נאָר אין זיין טיפסטן ווײ הויבט אָן זינגען אַ ליד אין אים. אַ ליד ווי אַ געזאַנג פון ווערדל אַרויס. וואָס טרייסט אים, נעמט אים איין, ער זאָל אויפנעמען זיין אומגליק אָן צאָרן.

ווייל ער ווערט אַ טייל פון די מענטשן, וואָס אַף זייערע ליידן, זייערע ווייען האַלט זיך דער טרויער פון דער וועלט.

דער טרויער — דער עיקר פונם לעבן.

•
•

# בלינד

אין א ווינקל זיצט דער אַלטיטשקער אברהם און דרעמלט.

אין יאָרן איז אברהם נאָך ניט קיין אַלטער. דאָס פופציקסטע יאָר שטייט נאָך ערגעץ צוגעגרייט פאַר אים. אָבער זיין ווייסע קאָפּ האָר, די גרויע באָרד און זיין געקנייטשטער פּנים, גיבן אים צו דעם אויסזען פון א זקן, וואָס גרייט זיך שוין לאַנג אין ווייטן וועג אריין . . .

בּלינד איז אברהם. ערשט מיט עטלאָכע יאָר צוריק איז ער נאָך געווען זעענדיק און איז יונג געווען. ער האָט געאַרבעט אין א שאָפּ. שווער געהאָרעוועט. אָבער ער האָט פאַרדינט אַף זיין אויסקומעניש, געפירט א שטוב מיט לייטן גלייך, ניט געדאַרפט אָנקומען צו קיינעם.

איז געקומען אַף אים די שטראָף פון גאָט, אַזוי גלויבט ער, און ער איז בּלינד געוואָרן. אַף ביידע אויגן. ער זעט ניט קיין מענטשן און זעט ניט די ליכטיקע שיין פאַר זיך. די אויגן זיינען זיינען אָפן, אָבער די ווייסע דינע הייטלאַך אַף זיי, פאַרשטעלן פון אים אַלץ. ס׳איז אים ניט ליכטיק און ניט פינצטער. אים דאַכט זיך, אַז ער איז בּלינד פון געבּוירן אָן. אַלע זאָגן אים, אַז ער איז געוואָרן גרוי. „ווי א טויב״. ער טאַפּט אַרום מיט די הענט די באָרד, וויל אָנטאַפּן דאָס גרויקייט. ער וואָלט געוואָלט ווערן זעענדיק כאָטש אַף איין מינוט. א קוק געבּן אַף זיך אין שפּיגל, אַף זיין ווייב און קינדער. און אַמאָל דאַכט זיך אים, אַז ווען ער דערזעט זיך איצט און זעט מיט וואָס פאַר א רחמנות, און אפשר פאַראַכטונג, מע קוקט אַלע אַף אים, וואָלט ער זיך געפילט נאָך ערגער. אָביסל דערקאָנט ער אין די רייד זייערע, מיט וואָס פאַר א אויגן זיי קוקן אַף אים.

גאַנצע טעג זיצט ער אין זיין ווינקל, וואָס ער האָט זיך אַליין בּלינדערהייד אויסגעקליבּן. ער האָט ניט מיט וועמען אויסריידן א וואָרט. די קינדער גייען צו דער אַרבעט און דאָס ווייב גייט ערגעץ

אוועק צו שכנים. אזוי זאָגט זי. נאָר ווער ווייסט וואוהין זי גייט, און מיט וועמען זי רעדט דאָרטן?

— פייגע — פרעגט ער איר אַמאָל — זאָג מיר, וואָס וואָלט דיר געאַרט, אַז דו זאָלסט אַביסל זיצן דאָ, נעבן מיר?

— אַנדערש לויגט דיר ניט? — ענטפערט זי אים אָפּ — אַז דו ביזט בלינד, בין איך דיר שולדיק? דאַרף איך כסדר אַכטונג געבן אויף דיר?

— איך וואָלט זיך עפּעס געפילט בעסער — וויל ער ביי איר אין האַרצן דערוועקן רחמנות צו אים — איך וואָלט ניט געווען אַזוי עלנט — —

די לעצטע ווערטער רעדט ער צו די פיר ווענט. זי איז שוין פון יענער זייט טיר.

מיט אומגעדולד וואַרט ער אַ גאַנצע וואָך אויף מיטוואָך, ווען ס'קומט צופאָרן זיין שנור פון „קאַנטרי". זי איז אַ גוט־האַרציקע. אַ חוץ דאָס וואָך־געלט וואָס דער זון זיינער שיקט דורך איר, ברענגט זי אים ווען זי קומט, עפּעס אַזוינס, וואָס ער זאָל זיך דערמיט קאָנען דערקוויקן דאָס האַרץ. זי צערטלט אים, רעדט אים אויס דאָס האַרץ. אַלעמאָל, ווען זי קומט, נעמט זי אים אַן פאַר אַ האַנט, פירט אים אַרויס אינדרויסן, אויף דער פרישער לופט, שפּאַצירט מיט אים אַרום אַביסל, דערפרעגט זיך ביי אים, ווי אַזוי ער האָט זיך געפילט די וואָך.

— אַזוי ווי כסדר, פון זינט איך בין אַזוי אַ. — ענטפערט ער איר.

ער קאָן איר ניט. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. דער זון האָט זיך באַקאַנט און חתונה געהאַט מיט איר, אַז ער, אברהם, איז שוין געווען בלינד. ער ווייסט נאָר, אַז זי הייסט בעסי און איז גוט ווי אַ מלאך.

---

אַלע מיטוואָך קומט זי פּינקטלעך צוויי אַ זייגער ביי טאָג. און אַט האָט שוין דער זייגער געשלאָגן דריי און זי איז נאָך נישטאָ. די צייט ווייסט ער, אייגנטלעך, אַז דעם זייגער אויך. דער זייגער איז פאַר אַנדערע, פאַר זעענדיקע. —

ער ווייסט ניט וואָס באַטייט עס, וואָס זי איז נאָך ניטאָ. ער קלערט איבער, אפשר האָט זיך חלילה אין דער היים עפּעס געטראָפן, אָדער עפּעס אַ שלעכטער צופאַל אַפן וועג. בעסי זאָל ניט קומען צו דער צייט — אַזאַ זאַך האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן. ער קאָן ניט איינזיצן אַף אַן אָרט. טאַפּנדיק מיט איין האַנט די וואַנט, און ווי זוכנדיק עפּעס וואָס מיט דער אַנדערער, גייט ער אַרום איבערן צימער אַ צעשראָקענער, זיך צוהערנדיק צו דער טיר, אפשר וועט בעסי באַלד אַריינקומען.

ער האָט אַף עפּעס ווייכס אַרויפגעטראָטן און דערהערט אַ זייער הויכן קוויטש. דאָס האָט ער אַרויפגעטראָטן אַף אַ קליין קעצעלע, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל און געדרעמלט. ניט געריכט זיך, אַז עמיצער וועט איר פּלוצים אַזוי צוקאַליעטשען. ס'האָט נאָר איין קוויטש געטאָן און סע שווייגט. אברהם ווייסט ניט, צי לעבט עס אָדער ניט. ער האָט שטאַרק רחמנות אַף דעם און אַף זיך איז ער אין כעס. אויפגעטראָגן. ער האָט עס טאַקע געטאָן ניט ווילנדיק, אָבער אויב ער איז אַזאַ שאָדן־ווינקל, אַז ער קאָן טאָן אַזאַ זאַך — צו וואָס־זשע לעבט ער גאָר אַף דער וועלט? ס'קעצעלע, טראַכט ער, אַן אומשולדיקס, אַ יונגס, וואָס האָט געדאַרפט לעבן — איז טויט, און ער, וואָס איז אַן איבעריקער אַף דער וועלט — ער לעבט! איז גוט אַזוי? דאַרף אַזוי זיין?

און בעסי איז נאָך אַלץ ניטאָ. וואָלט זי געקומען, וואָלט ער אויסגערעדט פאַר איר זיין ביטער האַרץ, וואָס איז אים נאָך קיינמאָל אַזוי שווער ניט געווען. נאָר ווער ווייסט? — שרעקט ער זיך — ווער ווייסט וואָס מיט איר איז? אפשר האָט זיך מיט איר אַן אומגליק געטראָפן; אָדער אפשר — דערפאַר שרעקט ער זיך נאָך מער — וויל זי שוין מער ניט קומען צו אים? — — ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, און זי איז נאָך ניטאָ. וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס?

ער דערהערט טריט. עמיצער גייט.

— ס'איז זי! — רופט ער פריילעך אויס.

אַ לעבעדיק־לוסטיקע, איז בעסי, מיט אַ פּעקל אין האַנט, אין שטוב אַריין.

— האַלאָ, שווער! — באַגריסט זי אים — וואָס מאַכט איר?

ער איז ברוגז. ער וויל איר ניט ענטפערן. זי ווייסט פארוואס דאס איז.

— מער וועל איך שוין ניט קומען אזוי שפעט. — פארענטפערט זי זיך — ס'האט זיך גראדע אזוי געמאכט. אבער וואס זיינט איר אזוי טרויעריק?

— וואס דען זאל איך זיין, פריילאך? כ'האב ערשט דערהרג'עט ס'קעצעלע — דערציילט ער איר — איך האב אומגערן אף דעם ארויפ־געטראטן, האט עס אזא שטארקן קוויטש געטאן, פונקט אזוי ווי א מענטש. איך וועל אויך אזא געשריי טאן פארן טויט.

— וואו־זשע איז דאס? — קוקט זי זיך ארום אף דר'ערד — ס'איז דאך ניטא. ס'איז מסתמא אנטלאפן געווארן א דער'הרג'עטס — צולאכט זי זיך.

אברהם'ען ווערט גרינגער אפן הארצן. דאס קעצעלע לעבט. און בעסי איז דא. אבי ער האט שוין געמיינט, אז דער הימל איז ביי דער ערד. בעסי דערציילט אים אבער ניט קיין גוטע נייעס.

— וואס טוט מען, שווער? — קלאגט זי זיך פאר אים — מיר וועלן היינט ניט קאנען שפאצירן. עס וועט באלד גיין א מבול. אינדרויסן איז פינצטער געווארן ווי ביינאכט. איך האב אזוי מורא פאר א בליץ!

— איך האב אמאל אויך מורא געהאט — דערמאנט ער זיך אין אמאל — אז עס פלעגט געבן א שטארקער בליץ, האב איך זיך געשראקן פאר דעם דונער, וואס וועט נאכדעם קומען. איצט זע איך ניט דעם בליץ, שרעק איך זיך ניט פארן דונער.

בעסי האט אבער יא מורא. זי זעט די פייערדיקע בליצן, וואס פארבלענדן די אויגן מיט זייער מורא'דיק ליכטיקער שיין. זי זעט ווי אברהם זיצט זיך רואיק, אזוי ווי ס'וואלט גארניט געוועזן.

— ד ע ם בליץ האט איר געזען? — פרעגט זי אים נאכדעם ווי א גרויסער זייל פייער האט דעם גאנצן הימל באלויכטן.

— ניין — ענטפערט ער איר — איך האב גארניט געזען — — —

— און דאס פינצטערניש איצט פילט איר ניט? — פרעגט זי אים, קוקנדיק ארום זיך מיט שרעק.

— ניין! — ענטפערט ער זיך געלאסן — מיר איז ניט פינצ־טער. ניט פינצטער און ניט ליכטיק — — נאר גלאט אזוי עפעס מוטנע — אזוי ווי איך וואלט געלעגן ערגעץ אין א טיפן וואסער — —

א מורא׳דיקער דונער, וואס האט אויפגעציטערט די פענצטער, האט א זעץ געטאן מיט אזא שטארקער קראפט, אז בעסי׳ן האט זיך געדאכט, דאס אט באלד וועט די וועלט אונטערגיין. ס׳וועלן ניט זיין ניט קיין זעענדיקע און ניט קיין בלינדע. — —

● ●
●

# מאַריאַנע

בעליִנאַ'ס קראַם פון לייכטע געטראַנקען איז אויפן ראָג פון דער גאַס וואָס גרעניצט זיך מיט די באַן רעלסן און איז דער מקום מקלט פון דער יונגוואַרג פון דאָרף, סיי די וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן און סיי די וואָס פאַרברענגען דאָרט זייער פרייע צייט נאָך דער אַרבעט.

בעליִנאַ, אַ מיטל־יאָריקער איטאַליענער, אַ פריילעך־געמיטיקער, טוט זיין אַרבעט אין קראַם מיט אַ לוסטיקער אָפּגעלאָזנקייט. גיט אַ קונה וואָס יענער דאַרף און רעדט דערווייל מיט דער חברה — רייד וואָס זיינען אינטערעסאַנט, כאָטש זיי ברענגען קיין נוצן ניט. רייד פון אָרעמע מענטשן.

בעליִנאַ איז אַלעמאָל אין אַ גוטן מוט. אַמאָל איז עס געווען צוליב אַ גרויסער אינערלעכער פרייד וואָס איז אין אים געווען. היינט איז עס צו פאַרהיילן אַ ווייטיק. אַזוי איז ער, בעליִנאַ.

די פרייד איז געווען אין די פּאָר יאָר וואָס ער האָט זיך גע־גרייט צו אַראָפּברענגען זיין פרוי און טאָכטער פון איטאַליען.

שוין אַ צען יאָר, אַז ער האָט זיי איבערגעלאָזט. די טעכטערל איז ערשט אַלט געווען אַ יאָר, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, צו זוכן גליק אין דעם לאַנד אַמעריקע. גליק פון אַרבעט, גליק פון אַ זאַטן ביסן, וואָס זיינע אַמאָליקע נאָענטע באַקאַנטע האָבן אים געשריבן, אַז ער וועט דאָ זיכער געפינען.

און ס'איז טאַקע געווען אַזוי. זיינע הענט זיינען באַלד נאָכ'ן אָנקומען אַהער, געוואָרן נוצלאָך און פאַראַרבעט. ס'איז געווען אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ אין דעם פרעמדן לאַנד איבערגענומען די גאַנצע השגחה איבער זיין קערפּער. פאַרקאַטשעטע, אָנגעשטריינגטע, האָבן זיי געטאָן כּל־ערליי שווערע טאָג און וואָך־אַרבעט. זיי האָבן געגעבן זייער אייגענע קראַפט און געצויגן די כּחות פון אַלע אבֿרים אַרויס. אַלע אינאיינעם — געאַרבעט!

איז וואס איז אים שלעכט געווען, בעלינא׳ן? יא. ער האט געבענקט. ס׳האט געצויגן צו ווייב און קינד. אזוי ווי ס׳הארץ וואלט געהאלטן ביי אוועקגיין. אפשר וועט עס קומען צוריק, נאר דערווייל וויל עס אוועק.

אבער געארבעט האט ער. דאס האבן אלע געוואוסט. אין דער באנק אויך. די איינציקע „טראסט און סייווינגס באנק" פון דעם ווילעדזש. אלע וואך געקומען אהין, ס׳ביכעלע געבראכט, געלט גע־געבן און מ׳האט פארשריבן.

נאר אז ער האט שוין געהאט אפגעשפארט גענוג געלט צו ברייגנען ווייב און קינד, זיינען נייע מניעות געווען. עפעס גאר נייע געזעצן דא אין לאנד. אזוי פיל מענטשן מעגן אריינקומען. מער — ניט. אפגעציילט ריכטיק. און מע ווייסט און ס׳איז פארשריבן. אז פון זיין לאנד זיינען שוין היינטיקס יאר אריבערגעקומען אהער אלע וואס האבן געמעגט אריינקומען. היינטיקס יאר קאן שוין מאריאנע ניט קומען. די טעכטערל, פלארא אויך ניט. ערשט אי־בעראיאר!

שווערע טעג. שווערע וואכן געווען. שווער ווי די שטיינער און קלעצער וואס ער האט אזויפיל געטראגן. ווי די ערד וואס ער האט געגראבן.

און שפעטער, אז בעלינא האט געהאט אנגעזאמלט נאך געלט, האט ער אפגעקויפט די קראם וואס ביים ראג גאס. מאריאנע׳ס קאפ וועט עס מיט אזא שטאלץ זיך הויבן איבער איר ברוינלאך־ווייסן האלז. זי וועט זיין די באלעבאסטע פון א קראם!

ער האט זיך אמאל אינמיטן אוועקגעשטעלט אין א זייט. געקוקט פון יענער זייט „קאנטער" און זיך פארגעשטעלט ווי מא־ריאנע שטייט דארט א רירעוודיקע, א פריילאכע. זי גיסט אן גלעזער מיט סאדע וואסער, נעמט ארויס פון שאפקע פעקלאך סיגארעטס וואס זי פארקויפט צו די קונים, לייגט אריין דאס געלט אין דער קאסע. זי איז ערשט ניט לאנג דא און זי ווייסט שוין אזוי גוט די פרייז פון יעדער זאך.

ווי ער איז געשטאנען אזוי און נחת געהאט פון מאריאנע׳ן. איז אריינגעקומען א פרעמדער מאן. ער איז געגאנגען גיך און איז צו־געקומען צום קאנטער, וואו ער איז געבליבן שטיין און זיך ארומגע־

קוקט מיט וואונדער: קיינער איז גאָר ניטאָ, צו געבן אים וואָס ער וויל!

בעלינאַ האָט אים ניט געזען.

עטלאַכע בחורים וואָס זיינען געזעסן ביי אַ ליידיק טישל און גערעדט צווישן זיך, האָבן זיך אַרומגעקוקט. געזען ווי דער פּרעמ־דער מאַן שטייט אין איילעניש און בעלינאַ שטייט אין אַ זייט און ער גיט זיך אפילו קיין ריר ניט.

— העי, באָס! — האָט איינער אַ געשריי געטאָן צו אים — אַ „קאַסטימער" וואָרט.

אַ קאַסטימער? יאָ, טאַקע. — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז ערשט געוואָרן צעטומלט. ער האָט געגעבן דעם מאַן וואָס יענער האָט באַדאַרפט און זיך נאָכדעם געוואונדערט אויף זיך אַליין: די פרוי זיינע, וואָס זי איז ניטאָ, האָט ער אַזוי גוט געזען און דעם מאַן וואָס איז אָט דאָ געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, האָט ער גאַרניט באַמערקט.

מאַריאַנע מיט פלאָרע׳ן זיינען שוין געווען אויף דער שיף. די שיף האָט געשניטן דעם ים, וואָס טיילט אָפּ לענדער. קאָן דען ניט זען בעלינאַ, ווי אַזוי אַ שיף גייט אויפן ים?

האָט עמיצער פון דער חברה ביי די קיילעכיקע טישלאַך, אַ זאָג געטאָן, אַזוי זיך אַ זאָג, וואָס ווייזט ווי אַזוי מענטשן ווייסן אַליין ניט וואָס זיי ריידן:

— אַז מאַריאַנע וועט קומען, וועלן מיר שוין מוזן זיך זוכן אַן אַנדער פּלאַץ.

— פאַרוואָס? — האָט בעלינאַ זיך אַזש דערשראָקן.

— ווייל מיר געבן כמעט גאַרניט צו לייזן. מיר זיינען אַ לאַסט אויף דיר. דו שווייגסט. אַ פרוי אָבער, האָט פיינט פּוסט־און־פּאַס־ניקעס.

זאָל בעלינאַ שווייגן אויף אַזעלכע רייד? ס׳האָט אים אַזוי פאַרדראָסן, אַז ער האָט זיך אַזש צעלאַכט. אויף מאַריאַנע׳ן מיינט מען אַז זי איז אַ שלעכטע! פון פריצים קומט זי אַרויס, וואָס זי וועט ניט קאָנען פאַרטראָגן קיין אָרעמע מענטשן? און דער באַלעבאָס דאָ, איז ער נאָכאַלעמען.

יאָ־יאָ. נאָר איין זאַך — איז אמת. מע וועט דאַרפֿן זײַן געהיט מיט רייד. פֿאַר אַ פֿרוי טאָר מען זיך ניט צורייד‌ן מיט אַ צעלאָזענער שפּראַך. איר ווייסט דאָך, ווי איר רעדט אַמאָל. שלעכטע, זינדיקע רייד. . .

אָבער דאָס האָט ער שוין ניט געדאַרפֿט זאָגן. מען קאָן אים אויך. וואָס איז ער, אַ הייליקער?

---

נאָר וואָס איז געווען, אַז מאַריאַנע איז געקומען?

אַ פֿרוי איז מאַריאַנע. אַ פֿרוי מיט אירע סודות, קאַפּריזן און גייגונגען. און געקומען איז זי אַהער ניט קיין פֿאַרעלטערטע, פֿאַר־חושך׳טע און אַ נעבאַך׳טע, נאָר אַ יונגע, מיט אַ פֿרישן פּנים אַ מאָטן. מ׳האָט געזען: זי איז ניט קוים אַראָפּגעקומען אַהער, נאָר דאָרט וואו זי איז געווען ביז איצט, איז אויך געווען איר היים. זי האָט געלעבט ווי זי האָט געוואָלט און ווי זי האָט זיך געקאָנט צופּאַסן צום לעבן אַרום איר.

בעלינאַ האָט באַלד דערפֿילט, אַז ניט ער איז דער וואָס דאַרף איר אָפּשאַצן, באַקומען אַ מיינונג וועגן איר. זי גאָר, די ערשט געקומענע, איז די וואָס האָט די אויבערהאַנט. זי דאַרף עס אורטיילן: דאָס געפֿעלט איר און דאָס נישט.

און ס׳איז אים געווען זייער מאָדנע, בעלינאַ׳ן: אין איר קוקן אַף אים, האָט זיך געפֿילט, אַז זי האָט אַף אים רחמנות. רחמנות, וואָס ער איז אַליין פֿאַרוואָגלט געוואָרן אַהער, האָט אַזוי שווער גע־אַרבעט און וואָס ס׳איז ניט דער יונגער געזונטער בעלינאַ וואָס ס׳איז געווען.

זי איז אָפּגעוועזן דאָ אַ פּאָר חדשים מיט דער טאָכטער, האָט זי אים איין טאָג געגעבן צו וויסן: זי און פֿלאָרע פֿאָרן צוריק אַהיים.

— וואוהין? — האָט זיין קול, אַ צושראָקנס, גענומען אַרומ־בלאָנדזשען.

האָט זי אים באַלד גאָרניט געענטפֿערט דערויף. געשוויגן אַ פּאָר מינוטן. ערשט נאָכדעם האָט זי געלאָזט פֿאַלן עטלאָכע ווערטער:

איר היים איז אין איטאַליען.

צו וואס שרייען? טומלען זיך? דער איבערפלאנץ האט זיך ניט אנגענומען. זי האט עס דערפילט דעם ערשטן טאג וואס זי איז געקומען אהער. נאר זי האט אים ניט געוואלט זאגן. געמיינט, אפשר וועט דער געפיל אריבער. איצט איז זי שוין זיכער. זי און פלארא פארן צוריק.

נו, אפשר איז זי גערעכט, מאריאנע. מע דארף ניט טומלען און מ'דארף ניט שרייען. אבער זיך דורכריידן!

— דו פארסט צוריק... וואס הייסט דו פארסט? — האט ער געזוכט ווערטער און אליין ניט געוואוסט, צי זיי זיינען גוט צי ניט — מ'האט דאך דיר קוים אריינגעלאזט אהער... כ'האב גע־דארפט האבן אזויפיל פראטעקציע. ווען מ'לאזט אריין אהער יעדן איינעם, וואלט די גאנצע וועלט געקומען! דו ביזט דאך שוין אין אמעריקע!

נאר מאריאנע האט זיך געהאלטן שטאלצער פון א גאנצער לאנד.

— מיר האט אמעריקע קיין טובות ניט געטאן — האט זי געזאגט — איך קאן זיך באגיין אן אמעריקע.

כאטש מיט אירע ווערטער האט זי וואס שטארקער אפגע־שלאגן זיין פארלאנג, אז זי זאל דא בלייבן, האט עס אים אבער הנאה געטאן. ער האט געוואלט, אז א סך מענטשן זאלן הערן ווי זי איז דאס מבטל דאס גרויסע לאנד. ער האט אבער געמוזט געפינען אזעלכע ווערטער, אף וואס זי זאל אים ניט קאנען ענטפערן אף צוריק, ווערטער, וואס זאלן אף איר אזוי ווירקן, אז זי זאל דא בלייבן מיט אים. ער האט גענומען ריידן צו איר מיט א געבעט, מיט א גערירטקייט, וואס איז געקומען פון טיפן הארצן ארויס:

— מאריאנע... צו וואס האב איך זיך דא אפגעמוטשעט אזויפיל יארן? גיי ארום איבערן גאנצן דארף און אומעטום וועסטו געפינען מיין בייגקשאפט צו דיר. מיינסט, אז איך וואלט געקאנט אזוי לאנג איינזיין אף איין ארט, אן דיר? צו א היים האב איך זיך געוואלט דערשלאגן, און צו א היים טאקע זיך דערשלאגן. פאר אונז ביידן. די גאנצע צען יאר, מאריאנע, האב איך געהאפט, אז דו וועסט קומען. אף וואס וועל איך איצט האפן?... ווארט כאטש

אפֿ אַ יאָר, אַ האַלבּ יאָר. כ׳וועל אַלץ פֿאַרקויפֿן. מיר׳ן נאָכדעם פֿאָרן אַלע צוריק. וואָס איילסטו זיך אַזוי?

און נאָך האָט ער איר עפּעס געזאָגט, איידער זי האָט אים גע־קאָנט ענטפֿערן אויף זיינע רייד:

— עמיצן האָסטו געמוזט איבערלאָזן דאָרטן, וואָס דיר ציט אַזוי צוריק אַהין, אַז דו קאָנסט מיט דיין מאַן מער ניט זיין.

אַף אַט די ווערטער האָט ער נאָך איצט אויך חרטה. איצט, ווען ער איז צוריק אַליין און זי איז שוין לאַנג אַוועקגעפֿאָרן. אַף אַלץ האָט זי אים דעמאָלט געענטפֿערט, נאָר ניט אַף דעם. נאָר ביים געזעגענען זיך, האָט זי שטיל געזאָגט:

— אפשר, אַז דו וועסט קומען צו מיר.

ניין. בעלינאַ וועט ניט פֿאָרן צוריק אַהיים. די אַלע וואָס זיצן ביי אים אַף שעה׳ן לאַנג אין קראָם, ווייסן דאָס. מאַריאַנע, דאָס אַוועקפֿאָרן אירס, איז דאָ געוואָרן אַלעמענס אינטערעס. יעדן טאָג דערמאָנט מען איר דאָ, מען פֿרעגט זיך נאָך צי ס׳איז דאָ פֿון איר אַ בריוו און אַז סע קומט אָן אַ בריוו, ווילן אַלע וויסן וואָס זי שרייבט. קיינער איז אַף איר ניט ברוגז, כאָטש זיי פֿילן אַלע בעלינאַ׳ס געפֿאַלנקייט, זיין ווייטיק וואָס ער טראָגט אין זיך. מען דערמאָנט זיך און מע טראַכט פֿון איר ווי פֿון אַ געהיימע זעאונג, וואָס האָט זיך באַוויזן און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

● ●

# א מענטשעלע

דאקטאר וועקסלער איז געווען אין א גוטן מוט.

אנגעהויבן האט זיך עס פון א שמייכל פון דער שייגער קעל־נערין, ווען זי האט אים דערלאנגט דאס געריכט.

דער שמייכל האט, אייגנטלעך, גאר ניט באטייט. מיט אים האט עס ניט געהאט צו טאן. ס'איז געווען דער אויסדרוק פון איר אייגענער צופרידנקייט מיט איר יוגנט, מיט דעם וואס זי ווייסט אז זי איז אלעמען געפעלן.

אין אים האט עס אבער דערוועקט א פריילאכע שטימונג. ער האט מיטאמאל דערפילט דעם פארגעניגן פון א מענטשן, וואס ס'איז אים גוט.

„איך וואלט געמעגט שווערן — האט ער געטראכט — אז די קעלנערין שמייכלט נים אזוי צו קיינעם, א חוץ צו מיר".

הנאה געטאן האט עס אים, ניט דערפאר וואס דאס איז א סימן, אז ער האט דערפאלג ביי פרויען, אדער אז ער איז צו דער קעלנערין עפעס ניט גלייכגילטיק.

גאט באהיט! ער דארף איר האבן געניטיק!

א חוץ ראזע'ן, מיט וועמען ער האט מיט עטלאכע חדשים צוריק חתונה געהאט, אינטערעסירט אים איצט ניט קיין שום אנדערע פרוי.

ס'אָראַ גוט קינד ראזע איז! זי איז שיין, זי איז ליב און איז אים געטריי. ער האט מיט איר געטראפן. זייער גוט געטראפן.

ער צעשניידט זיין פארציע פלייש אף קליינע שטיקלאך.

ער ווייסט אפילו, אז אמעריקאנער טוען ניט אזוי. מ'שניידט אפ א שטיקל און מע עסט עס פאמעליכן אויף. נאכדעם שניידט מען ווידער. אזוי פירט זיך עס ביי זיי. ראזע טוט אויך אזוי. זי איז דער־צויגן געווארן ביי פיינע עלטערן. אבער, א דאגה אים! ער וויל איצט עסן אף אזא אופן. ס'איז געשמאק. ס'איז אידישלאך.

יאָ, דערמאָנט ער זיך ווידער אין זיין גוטער לאַגע, ער האָט געטראַפן. כמעט פון זינט ער האָט אויסגעשטודירט אויף אַ דענטיסט, גייט אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין. דער געגנט אַ גוטער, פּאַציענטן אַ סך, און קריסטלאַכע. ניטאָ ביי אים קיין אידישע „יאַכנעס", ווי ביי אַנדערע דענטיסטן.

וואָס איז שייך? מיט אידן איז בעסער, אַז מ'איז פון דערווייטנס . . . שוין אַז אַלטער כלל.

ער עסט מיט הנאה. ס'פלייש איז באַטעמ'ט, אַ מחיה. ער וועט שוין אַפּט קומען אַהער עסן. ווען ער וועט זיין אין דעם געגנט. ס'לוינט אפילו קומען אינמיסטן אַהער. וויפיל וועט ביי אים געדויערן, צופאָרן אַהער מיטן אויטאָמאָביל?

אַז אויטאָמאָביל . . .

אַמאָל, דערמאָנט ער זיך, ווען ער האָט געשטודירט, האָט ער זייער אַפּט אפילו אַף קיין „קאַר פעיר" ניט געהאַט און ס'זיינען געווען צייטן, וואָס — —

נו, אוועק, ניטאָ. אַט וועט ער זיך גיין איצט דערמאָנען אין די אַמאָליקע שלעכטע צייטן. ס'וועט אים צוקומען געזונט דערפון?

נישט מער, שעמען דאַרף ער זיך ניט מיט דערמיט וואָס ס'איז אים אַמאָל ניט געווען גוט. פאַרקערט, איז ער ביי זיך זיכער, דאָס ווייזט, אַז ער איז אַ מענטש מיט ענערגיע, מיט אינטעליגענץ. ער האָט זיך אַליין אַרויפגעאַרבעט.

די קעלנערין קומט צו אים צו.

וואָס וועט ער טרינקען?

קאַווע. אַז גאַרניט. אָבער אין אַ גלאָז. קריגט מען דאָ קאַווע אין אַ גלאָז? אַ, גוט, וואונדערבאַר!

אַ פיינער רעסטאָראַן דאָ. זייער אַ פיינער.

איז פון וואָס האָט ער עס נאַר־וואָס געטראַכט? — יאָ, ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט.

זיכער האָט ער נאָך, ווי זאָגט מען, ניט אַרויפגעקלעטערט אַפן העכסטן שטאַפּל. וואָרט, ער איז נאָך יונג. ער האָט ערשט אָנגעהויבן קלעטערן.

דער עיקר איז, ס'גייט אים גאַרניט אַפּ. ער האָט אַ וואונדער־

בארע פרוי, א שיינע הויז מיט גוטע מעבל, מאסיווע. אן אויטאמאביל. און א פאר טויזנט דאלער אין די ביינק.

אז א מענטש האט אט די אלע זאכן, איז ער א . . . מענטש. ניט קיין אבי־ווער.

און א חוץ דעם, איז ער נאך גענוג יונג און געזונט. כאטש די האר פון קאפ פאלן די לעצטע צייט אויס אביסל — יא, עפעס האבן זיי גענומען אויספאלן — איז אבער ניט געפערלאך. ער האט צום שפיגל גארניט.

דאקטאר וועקסלער איז אין בעסטן מוט. ער הויבט זיך אויף פון זיין ארט, לאזט דער קעלנערין איר טרונק־געלט און אז ער גייט צו צו דער קאסע, באצאלן פארן מאלצייט, קויפט ער א גוטן האוואנא סיגאר. ער פארוויכערט אים טאקע באלד און האלט אים אין א זייט, צווישן די ליפן.

איצט וועט ער זיך ארייגזעצן אין דער מאשין און פארן אין אפיס. ס׳ווארטן שוין אף אים אוודאי פאציענטן.

דערווייל איז ער געשטאנען און האט מיט הנאה באטראכט דעם אויטאמאביל, וואס מ׳האט אים היינט אין גאראדזש אזוי גוט אויס־גערייניקט. אזוי שיין אויסגעפוצט.

א גוטע מאשין. זי פארט גרינג און שטיל, ווי זי וואלט גע־שוואומען.

און אזוי שטייענדיק נעבן אויטאמאביל און קוקנדיק אף אים הנאה׳דיק, האט ער אונטן, אין דער גלאנציקייט דערזען די אפשפיג־לונג פון עפעס א קליין מענטשעלע. א קארליק.

דעם פנים האט ער נאך ניט געזען. בלויז דעם אונטערשטן טייל פון קערפער.

ווער איז דאס מענטשעלע? . . . אזעלכע קליינינקע פיסעלאך און הענטעלאך, ווי ביי דעם קארליקל, וואס ער האט ניט לאנג צוריק געזען אין א צירק.

ער קוקט זיך איין. ס'איז ער אליין. וועקסלער.

ער איז אוועקגעגאנגען א פאר טריט ווייטער. געוואלט זיך ארייַנזעצן און פארן. אבער ס'האט אים געצויגן צוריק. איז ער ווידער צוגעגאנגען, געקוקט אין דער גלאנציקייט, אין דער אפשפיגלונג פון דער מאשין און זיך געזען. זיך . . . קליינע פיסעלאך, קורצע הענטלאך. א קליין קערפערל. א מענטשעלע . . .

און אז ער איז נאכדעם געזעסן אין אויטאמאביל און אים שנעל געטריבן, האט ער נאך אלץ געזען זיך אין דער אפשפיגלונג: א פארזעענישל.

אט דאס איז ער? . . .

# דער בחור איז משוגע

בראָדסקי ליגט אויסגעצויגן אַף אַ ווייכן, גוט אויסגעבעטן געלעגער, מיט אַ גרויסער קישן צוקאָפּנס און אַ וואַרעמע קאָלדרע אַף זיך. ער פילט אַזוי גוט, אַז עס גלוסט זיך אים אַרומכאַפּן דעם מאַטראַץ מיט דער קישן און קאָלדרע און זיי גלעטן און צערטלען, ווי אַ געליבטער, וואָס איז אַף אַ לאַנגע צייט אַוועק פון אים און איצט איז זי דאָ צוריק . . .

ער דאַרף שוין ניט אַרומוואַנדערן אַ הונגעריקער און אַ שלעפּעריקער איבער די גאַסן. ער וועט שוין ניט פילן דעם ווייטיק פון אַ פּאָליסמאַנס „קלאַב" אַף זיין לייב, פאַר אַרומוואַלגערן זיך ביינאַכט אין פּאַרק. ער האָט שוין אַרבעט און ער האָט שוין אַ צימער. זיין האָס וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט געטראָגן אַף די גליקלעכע מענטשן וואָס עסן צו זאַט און שלאָפן באַרוט, אין דער צייט וואָס ער, אַזאַ פיינער מענטש ווי זיי, מוז הונגערן און נים האָבן וואו דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן, איז שוין אַוועק פון אים. ס'איז נאָר געבליבן אַ פאַרדראָס אַף דער שלעכטער אָרדנונג.

דעם שליסל פון דער טיר, וואָס די יונגע שמייכלענדיקע באַלעבאָסטע האָט אים פאַרנאַכט געגעבן, בעת ער האָט דעם צימער געדונגען, האָט ער אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס. ער איז ביי אים טייער, ווי אַ געפונענער אוצר. און ער האָפט, אַז ער וועט זיך ביי אים האַלטן אַ סך לייגנער ווי די פריערדיקע שליסלען, וואָס ער האָט אַזוי אָפט געמוזט מיט חרפּה און האַרצווייטיק צוריק אָפּגעבן צו די אַנגעכמורעטע בייזע באַלעבאָסטעס.

ליגנדיק אַזוי אין בעט, האָט ער דערהערט, אַ שאַרכן און שטילן גערודער אינם צווייטן צימער. עפּעס האָט אַ קלאַפּ און אַ סקריפּע געטאָן.

און באַלד האָט אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן דאָס שיינע

שמייכלענדיקע געזיכט פון דער יונגער פרוי וואס ער האט ביי איר דעם צימער געדונגען און זיין גאנצע פריילעכע שטימונג איז פון אים מיטאמאל פארשוואונדן געווארן.

אבי ער האט געמיינט, אז אים איז גוט: אז קיין בעסערס ווי ליגן אויסגעצויגן אף א ווייכע בעט, איז שוין ניטא.

— אט וועמען ס'איז גוט! — טראכט ער — זיי דארטן, אינם צווייטן צימער, ווייסן פון א לעבן צו זאגן . . .

דער געדודער וואס ווערט דארטן אלץ שטארקער, רייצט אים אזוי אויף, אז ער דעקט זיך איבער מיט דער קאלדרע איבערן קאפ, ער זאל עס ניט הערן . . . עס העלפט אבער ניט. איצט דאכט זיך, אז ער הערט דעם געדויש נאך שטארקער ווי אזוי . . .

צייטנווייז דערהערט זיך פון דארטן א שטילער געשפרעך. עס איז ענלאך צו א געשושקעריי פון גנבים, בעת זיי טוען זייער גנב'עשע ארבעט . . . און בראדסקי'ן שטעלט זיך פאר דאס בילד אינם צווייטן צימער:

א ברייטע בעט ביי דער וואנט. אין צימער איז טונקל, נאר וואס עס קומט אריין א שיין פון דער לבנה. די יונגע פרוי ליגט מיט אירע לאנגע, שווארצע האר, צעשויבערט, צעווארפן איבער דער ווייסער קישן. זי אטעמט שווער, נאר זי שמייכלט אלץ. אין די שווארצע אויגן גלאנצט א לוסטיק פייערל. זי גיט זיך איבער דעם מאן. וואס ער וויל, זאל ער טאן מיט איר. זי איז זיינע . . .

דאס בילד מאכט אים נערוועז. ער פילט, אז ער איז איצט גרייט צו טאן די שרעקלאכסטע זאכן. אים דאכט זיך, אז דאס טוען זיי ניט פון זייער אייגענער הנאה וועגן, נאר אז דאס איז אים אף צו להכעיס . . . דאס ווילן זיי אים אינמיסטן ווייזן:

— נא, זע, נארישער בחור, ווי גוט אונז איז, און ווי שלעכט דיר איז, ווי עלנט דו ביזט, נעבאך!

א ווילדער געדאנק פאלט אים איין: ער זאל ארונטער פון בעט, אויפרייסן די טיר און זיי ביידן ארויסטרייבן פונם צימער, ווי די הינט . . . שוועד קומט אן צו באהערשן זיך, אבער ער טוט עס דאך ניט. שא, ער האט אן אנדער פלאן, א בעסערן. טאקע א גוטער פלאן!

שטילערהייד, קיינער זאָל ניט הערן, גייט ער אַרונטער פונם גאַלעגער, אַף די שפּיץ־פינגער גייט ער צו ביז דער דרויסן־טיר און קלאַפּט אָן.

— באַלד, באַלד! — ענטפערט ער אַפן קלאַפּן, אַזוי אַז זיי, אינם צווייטן צימער, זאָלן הערן.

ער שליסט אויף די טיר און עס דערהערט זיך אַ שטילע פרויענשטימע:

— העלאָ, בראַדסקי . . . ס'איז דאָ קיינער ניטאָ?

— האָב קיין מורא ניט — באַרואיקט ער „איר" — אַף מיין צימער בין איך באַלעבאָס. טו זיך אויס . . .

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום, אַז עס דערהערט זיך אַף זיין בעטל אַ געדרודער ווי פון צוויי מענטשן, עפנט זיך די זייטיקע טיר און עס קומט אַריין דער באַלעבאָסטע'ס מאַן, אין פּאַדזשאַמעס אָנגעטאָן.

— איך האָב פיינט אַזעלכע ביזנעס ביי מיר אין הויז. — רעדט ער צו דער זייט וואו די בעט שטייט.

בראַדסקי ענטפערט ניט.

— ביי מיר מאַכט מען ניט קיין מאַנקי־ביזנעס — בייזערט זיך דער באַלעבאָס אַף אַ הויך קול — ער איז גאָר דאָ דער באַלעבאָס! איר זאָלט מיר שוין ביידע נעמען די וועג פון דאַנען! . . .

בראַדסקי שווייגט. רעדט ניט קיין וואָרט.

דער באַלעבאָס פון דער הויז און פון דער פרוי ווערט שוין גוט אין כעס. ער לויפט אַריין אין קיך, זוכט אויס שוועבעלאַך און ס'ווערט באַלד ליכטיק ביי בראַדסקי'ן אין צימער.

נישטאָ אַפן בעט קיינער, אַ חוץ בראַדסקי'ן.

— וואו איז די נקבה אייערע? . . . — וויל דער מיסטער וויסן.

בראַדסקי, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, צעלאַכט זיך:

— אָט דאָס הייסט אָפּגענאַרט! איר וועט שוין ווייטער וויסן, ווי צו רייצן זיך מיט יענעם!

— דער בחור איז משוגע . . . — זאָגט אין אַ דערשראָקענעם טאָן דער באַלעבאָס, אַ געלער יונגערמאַן, מיט אויסגעקראָכענע האָר,

און ער בייזערט זיך אַף דער פרוי וואָס שטייט הינטער אים אַ נייגעריקע און כמעט אינגאַנצן נאַקעט — ווער האָט דיר געבעטן אַריינלאָזן אַהערצו אַ משוגענעם מענטשן?

זי ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן אים דערויף. אַז דער בחור איז משוגע, האָט זי זיך ערשט דערוואוסט. פאַרנאַכט, ווען ער האָט געדונגען דעם צימער, איז ער געווען קלאָר ווי אַלע מענטשן. גערעדט צו דער זאַך. און זי האָט הנאה געהאַט, וואָס אַ יונגער בחור, אַ חנ׳עוודיקער, באַזעצט זיך דאָ אין צימער.

— קום — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן צום מאַן — ער איז ניט משוגע. ער איז גלאַט אַ צעדרייטער.

און וועלנדיק אינגאַנצן איינשטילן, אייננעמען איר מאַן, האָט זי געזאָגט אין אַן ערנסט־געשעפּטלאַכן טאָן, ווען זיי זיינען שוין געווען צוריק אין זייער צימער:

— און ער האָט דאָך שוין באַצאָלט פאַר אַ חודש . . .

•
•

# כריטקאַ

אין שטילקייט פון דער זומער־נאַכט, האָבן קליינע גרויע וואָלקנס זיך גערוקט אונטער אַ הימל, אַ טיף־בלויען. די בלעטער אױף די בוימער אין דעם קליינעם פּאַרק, האָבן זיך געשאַרכט, געוואָלט שטערן די רו פון דער נאַכט.

חנה מיט דוד'ן, אַ יונג פּאָרל, זיינען געגאַנגען פון אַ טעאַטער, ביידע אין אַ פאַרבייִנקט־צאַרטער שטימונג. אַז זיי זיינען דורך אַ באַנק דורכגעגאַנגען, האָט חנה, שווייגנדיק, צו זיך דוד'ן אַ צי געטאָן און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— ס'איז דאָ גוט צו זיצן אַביסל — האָט זי געזאָגט און איינ־געאָטעמט אין זיך דאָס פרישקייט פון דער לופט.

— געפועל'ט — האָט ער געענטפערט. צוגעצויגן איר אַ האַנט צו זיין מויל און אַ קוש געטאָן.

— דו ביזט אַ גוטער יונגערמאַנטשיק . . . — האָט חנה גע־שמייכלט — לייג זיך צו דאָ אױף דער באַנק, און איך וועל דיר גלעטן די האָר.

ער האָט זיך אויסגעצויגן, דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אױף איר שויס און געגומען קוקן איר אין פּנים אריין מיט אַ פאַרשייטן היימיש־נאָענטן בליק.

זי האָט מיט ליבשאַפט אים די האָר געגלעט און מיט אַ ווייכקייט אין איר קול, געזאָגט:

— דיין ליבע איז אַ ווילדע, אַ ליידנשאַפטלאַכע. צו שטורמדיק. איך האָב דיך אַנדערש ליב . . . איידעלער.

זיינע אויגן וואָס האָבן אויסגעדריקט הנאה און באַגייסטערונג פון חנה'ן, האָבן געגומען שמייכלען.

— וואָס דו לאַכסט? — האָט זי געפרעגט פאַראינטערעסירט, אין אַ קינדערשן טאָן.

— פון זיך אליין לאך איך — האט דוד געענטפערט — האסט גערעדט פון ווילדקייט און פון ליידנשאפט. האב איך זיך דערמאנט אן אלטע מעשה, וואס האט עפעס צו טאן דערמיט. ווילסט הערן?

— מסתמא, די ריכטיקע געשיכטע! — האט זי זיך גענומען פארשטעלן — דערציייל עס כאטש שיין . . .

און דוד האט דערציילט:

* * *

— אמאל, און אמאל, חנה, ערגעץ אין א ווייט לאנד, האב איך געהאט א געליבטע.

האב איך איר ליב געהאט מיטן גאנצן פייער פון מיין יונגער, אכצן־יאריקער נשמה.

שיין איז זי געווען די געליבטע מיינע. ווי דו. נאך שענער... האר שווארצע, ווייכע. ווילסט, גלייך זיי צו צו סאמעט, זייד. אויגן, שווארץ־גליענדיקע און ליבענדע, ווי קינדערשע. .דער האלז, א רונ־דער, א ווייסער — צוקוש אים, אדער צושנייד אים!

געוואוינט האט זי מיט אירע עלטערן אין א וואלד, א גרויסן, געדיכטן סאסנע־וואלד, וואס איר פאטער האט געקויפט אף אויס־האקן.

נאר אין די הייסע זומער־חדשים איז זי אין דער היים געווען. אזוי איז זי די גאנצע צייט געווען אין א נאענטע גרויסע שטאט, וואו זי האט אין א הויכ־שול געלערנט.

כ'האב ליב געהאט די זומער־חדשים . . . ווען זי פלעגט קומען פון שטאט אהיים, בין איך פון מיין שטעטל צו אירע עלטערן, וואס זיינען מיינע אייגענע געווען, צו גאסט געקומען און האב מיט איר טעג און נעכט אין וואלד ארומגעשפאצירט.

גוטע צייטן געווען. א פרייד האט געהערשט אין וואלד. די פויגעלאך אף די בוימער האבן פון אונזער ליבע געזונגען.

און איינמאל אין א פארנאכט — א יוני־טאג געווען — שטיל און פארטראכט זיינען די בוימער געשטאנען אין טונקעלניש פארהילט. ווייט אראפ איז די זון פארגאנגען א רויט־צופלאמטע. פון ערגעץ ווייט האבן זיך געהערט אויסגייענדיקע טענער פון א געזאנג.

און וואָס איז יענעם פּאַרנאַכט מיט קלאַרען געווען ? — האָט זי דעמאָלט דערפילט דעם טרויער פון דער וועלט און די סודות פון לעבן ?

אין מיינע אָרעמס האָט זי זיך געטוליעט, אַ שלאַנקע, אַ בויגיקע, און שטילע האַלבע ווערטער געפּליסטערט.

טונקעלער איז געוואָרן אין וואַלד און פייער־פליגעלאַך זיינען פון גראָז אַרויס ,אַ לייכט געטאָן און פאַרשוואונדן ; אַ בליאַסק געטאָן און ניט געבליבן.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען ווי פאַר׳חלומ׳טע, פאַר׳כשופ׳טע. עפּעס האָט אין האַרץ געצופּט, עפּעס איז אַזוי מאָדנע גוט געווען.

שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים. און דאָ אין הויז האָבן מיר אָנגעהויבן ריידן. אַרויסריידן דאָס וואָס מיר האָבן אין וואַלד פאַרשוויגן. דער גאַנצער שמועס איז געווען אַ פרייל־אַכע ליד פון צוויי גליקלאַכע מענטשן.

שוין נאָענט צו טאָג געווען, ווען קלאַראַ האָט מיר צום לעצטן מאָל ,,אַ גוטע נאַכט" געזאָגט און איז אין איר צימער אַריין.

און די טראַגישע פּאַסירונג האָט זיך אָנגעהויבן . . .

— וואָס איז געשען ? — פרעגט חנה, ווען די גאַנצע גע־שיכטע פון קלאַראַ׳ן מיטן אַוונט אין וואַלד, האָט געמאַכט צו פילן זייער שלעכט, און אין דער אייגענער צייט, שטאַרק פאַראינטערע־סירט.

— אומגעוויינלעכעס האָט פּאַסירט. זייער נאַרישעס — ענטפערט דוד — אַזוי נאַריש, אַז איך שעם זיך דיר דערציילן, אַז דאָס איז מיט מיר פאַרגעקומען.

— איז ניט מיט דיר . . . — שמייכלט חנה — דו טוסט חלילה קיינמאָל ניט אָפּ קיין שלעכטע, נאַרישע זאַכן . . . מיט עמיצן אַנ־דערש האָט עס פּאַסירט. אָבער וואָס איז עס נאַכדעם געשען ?

— ס׳איז געווען אַ דריטע פּערזאָן, נאָך אַ פרוי — דערציילט דוד — אַ דאָרפס־מיידל, פון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק, האָט געדינט ביי זיי אין הויז. אַ צעוואַקסענע, אַ צעבליטע, און נאַאיוו איז זי

געוועזן און אומשולדיק . . . און האָט מיט דעם גאַנצן חן פון איר אומעטיקן אוקראַינע־לאַנד אַפּט געזינגען אַ לידל:

לוטשע בילאַ, לוטשע בילאָ ניע כאָדיטי —
טשעם טעפּער, טשעם טעפּער פּאָזאַביטי...

פאַר מיר האָט זי געהאַט דרך ארץ. „פּאַניטש" פּלעגט זי מיך רופן. אַז זי האָט מיר עפּעס צוגעטראָגן, געשטאַנען נעבן מיר אַ ווייל, האָט זי אירע בלויע אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט און אירע בריסטן האָבן זיך געהויבן, געהאַלטן אין וואַקסן.

האָט דער „פּאַניטש", אַז קלאַראַ זאָל ניט זען, געקוקט אויף איר מיט זינדיקע אויגן. שוואַרצע אויגן האָבן געוואָלט איינגעמען בלויע... אַמאָל איר אַ ליב וואָרט געזאָגט, פון וואָס אירע פאַררויטעלטע באַקן זיינען נאָך רויטער געוואָרן, און וואָס אַ טאָג ווייטער, צוגעשטאַנען צו איר דרייסטער, חוצפה'דיקער.

— כ'וועל דערציילן דער „פּאַניענקע" — האָט זי מיר איינמאָל געסטראַשעט.

האָט עס אויף עטלאַכע טעג צייט געווירקט אויף מיר. אָבער ניט מער. איך בין ווייטער צוגעשטאַנען צו איר מיט מיינע זינדיקע נאַטירליכע פאַרלאַנגען.

ביז זי איז אויך געוואָרן באַגיריק און איינמאָל האָט זי מיר צוגעזאָגט, אַז ביינאַכט, ווען אַלע וועלן שוין שלאָפן, וועט זי צו מיר אין צימער אַריינקומען . . .

און אין יענער נאַכט, ווען קלאַראַ און איך האָבן אונזערע שיינע גליקלעכע חלומות געוועבט, איז זי געשטאַנען, כריטקאַ, הינטער דער טיר און געוואַרט . . . געוואַרט, אַז קלאַראַ זאָל אוועקגיין — מיט איר גאַנצער נאַאיוויקייט און אומשולדיקייט, און, אפשר, אויך פערזוכט.

זי האָט זיך דערוואַרט. קלאַראַ איז אוועקגעגאַנגען און זי איז מיט אַ האַרץ, אַ קלאַפּנדיקס, צו מיר אין צימער אַריין, און שווייגנדיק זיך באַלד אויף דער אויסגעבעטער סאַפּקע אוועקגעלייגט . . .

— און שוין! — זאָגט חנה — ווייטער דערצייל שוין ניט — אין אַזאַ הייליקן מאָמענט, ביזטו אַ חיה געוואָרן!

— ס'איז ניט מיין שולד געווען — פאַרענטפערט זיך דוד — זי האָט זייער לאַנג, אפשר עטלאַכע שעה געוואַרט אױף מיר, און דו האָסט באַדאַרפט זען, ווי ליידנשאַפטלאַך־צערייצט זי איז געווען. אַנדערש ווי ס'איז געווען, האָט ניט געקאָנט זיין.

האָט אָבער קלאַרא לאַנג ניט געקאָנט זיין אַליין אין איר צימער. דער פריערדיקער געשפּרעך איז נאָך ניט געווען געענדיקט. אַ פרישער קוואַל פון פרייד און ווערטער איז צו איר געקומען. זי האָט אױף זיך עפּעס אַרויפגעכאַפּט און זיך געלאָזט אַריינגיין צו מיר אין צימער, מיט אַ גליקלאַך־פאַרליבטן פליסטערן:

— הער, ד״וד . . . — — — —

אַמאָל און אַמאָל, חנה טייערע, ערגעץ אין אַ ווייט לאַנד, האָב איך אַ געליבטע געהאַט . . .

• •

# אַפֿן בריק

אַף אַ באַנק, אינמיטן דעם הויכן בריק, זיצן זיי ביידע. סיליע און בערגער.

די אַנדערע ביינק זיינען ליידיק. בלויז אַף איינער, וואָס איז ווייט אין אַ זייט, זיצט אַ מיטליאָריקער טרעמפּ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און דרעמלט. די רעכטע האַנט האַלט ער ווייט פאַררוקט הינטער דעם צוריסענעם רעקל.

ס׳גייט דורך אַן אָרעמער איינוואוינער פון יענער זייט בריק, וועמען ס׳האָט אויסגעפעלט דריי סענט אַף צו באַצאָלן קאָרפער. גייט ער גיך און אומצופרידן מיט זיך אַליין; דריי סענט זאָל אַ מענטש ביי זיך ניט האָבן . . .

פון אונטן הערט זיך אַ שטאַרקער גערויש פון טראַמווייען און עלעווייטערס, וואָס יאָגן זיך אַן אויפהער איינע נאָך דער אַנדערער, איינע אַנטקעגן דער צווייטער, ווי אַלע וואָלטן וועלן אָניאָגן די ערשטע קאַר וואָס איז איבערן בריק געפאָרן. דער בריק איז אויפגעטרייסלט. ציטערט.

סיליע גלעט בערגער׳ס האָר מיט אַזאַ אָפּגעהיטקייט און געטריישאַפט, ווי דאָס וואָלט געווען איר איינציקע שליחות אַף דער וועלט.

ס׳פאַרדריסט איר נאָר, פאַרוואָס ער זיצט אַ שווייגנדיקער, אַן אומעטיקער.

— דו שלאָפסט, סעם? — פרעגט זי און קוקט אים אין די אויגן אַריין.

— ניין. — ענטפערט ער איר — וואָס איז דען?

— גאָרנישט.

זי שווייגט אַ ווייל. הערט זיך איין אינם רוישן פון די קאַרס און קוקט אַראָפּ אַף די אַן אַ שיעור, אַלערליי קאָלירנדיקע עלעקטרישע

לעמפּלאַד, וואָס זייער שיין שפּיגלט זיך אָפּ און ציטערט אויף אין וואַסער און זי גיט אים מיט אַמאָל אַ פרעג:

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט שרייבן קיין דערציילונג פון אַט דעם בּריק?

— מע דאַרף קאָנען! — ענטפערט ער איר מיט אַ שמייכל. וואָס האָט אין זיך אַ סך ערנסט.

סיליע איז פון זיין ענטפער ניט צופרידן.

— אויב דו קאָנסט מאָלן בּילדער פון דער אַלטער היים דיינער, וואָס דו האָסט שוין עטלאַכע יאָר ניט געזען, דאַרפסטו אויך קאָנען געבּן אַ בּילד פון דאַנען. האָסט עס דאָך פאַר די אויגן, וואָס בּיזטו, בּלינד? נעמט מען און מען בּאַשרייבּט עס אַלץ, אַט דעם בּריק, מיטן ריווער, מיט די לעמפּלאַד, מיט דער ליכט, מיט דעם רויש און ראַשיקן לעבּן!

סיליע, וועלכע איז געבּוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין נויאָרק, לייענט בּערגער׳ס דערציילונגען ווייל ער שרייבּט זיי. אָבּער די בּילדער וואָס ער מאָלט, דאָס לעבּן וואָס ער בּאַשרייבּט, זיינען פאַר איר פרעמד.

— שרייבּ עפּעס פונם אַמעריקאַנער, פונם נויאָרקער לעבּן, — בּעט זי זיך אַפּט בּיי אים.

ער זאָגט איר צו און טוט זיך זיינס: מאָלט בּילדער פון דער ווייטער, אַלטער היים.

— וועסטו בּאַשרייבּן דעם בּריק? — פרעגט זי און טוליעט זיך נאָענטער צו אים.

— יאָ, געוויס! — זאָגט ער איר צו — טאַקע גוט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. נאָך היינט, אַז איך וועל קומען אַהיים, נעם איך זיך דערצו. ווייסט, סיליע, ווי אַזוי איך וועל עס אָנהויבּן?

— ווי אַזוי? — ווערן אירע בּלויע אויגן נייגעריק און אירע בּאַקן ווערן גלאַטער און פרישער ווי אַלעמאָל.

ער הויבּט אָן, אַ פאַרטראַכטער, מיט אַ שטיל קול:

„. . . שפּעט אין אָוונט. שטיל און רואיק איז אַרום״ . . .

— ס׳איז ניט שטיל — פאַרריכט זי אים — הערסט ניט דעם רויש פון דער גרויס־שטאָט?

ס'ווייזט אויס אַז ער הערט ניט און ער מאָלט ווייטער דאָס בילד פון דעם בריק:

„. . . די לבנה, אַ בלאַסע, פול מיט איר נאַכטיקע ליכט, לאָזט זיך פון אַ וואָלקענדל אַרויס און גייט זיך איר וועג איבער דעם בלויען הימל, דורך פינקלדיקע שטערן פאַרזייט. אויפן בריק, הינטערן שטעטל — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — צולאַכט זיך האַרציק סיליע מיט איר היל־ביק־קלינגענדיקן געלעכטער — אויפן בריק הינטערן שטעטל! . . . אַ שיין „שטעטעלע" נויאָרק!

בערגער לאָזט איר לאַכן און ער מאָלט ווידער דאָס בילד פונם בריק, מיט אַ שטיל פאַרטראַכט קול, אין וועלכן ס'הערט זיך אַ טיפע גרויסע בענקשאַפט:

— שטייט אַ יונג פאַרליבט פּאָרל אויפן בריק. זיי הערן זיך איין, ווי אַ שמאָל וואַסערל פליסט אונטן, קוקן אויף די ברייט־פאַר־וואַקסענע פעלדער אַרום, פון וואַנען ס'דערטראָגט זיך צו זיי דער פרישער ריח פון וואַקסענדן פאַרזוי. ביידע שווייגן. זייערע הער־צער זיינען פול. און אַלעמאָל, ווען איינער פון זיי וויל עפענען דאָס מויל, צו ריידן אַ וואָרט, טראָגט דער אַנדערער די ליפּן צו.

— ווי אַזוי הייסן זיי, דאָס פאַרליבטע פּאָרל? — פרעגט סיליע.

— ער הייסט איצט סעם.

— און זי הייסט סיליע! — וויל זי פון זיין מויל דעם נאָמען אַרויסציען — זי איז אַ בלאָנדע מיידל מיט בלויע אויגן און איז אַזאַ גרויסער נאַר, אַז דו קאָנסט זיך עס גאָר ניט פאָרשטעלן! . . .

די לעצטע ווערטער זאָגט סיליע אַרום מיט אַזוי פיל חן, אַז בעת מעשה פאַרגעסט סעם אויף אַ ווייל אין יענער מיידל דאָרטן אויפן בריק, וועלכע איז אים ביז איצט קיינמאָל פון די געדאַנקען ניט אַרויס. ער דריקט זי שטאַרק צו צו זיך און קושט זי ווילד און ווי אַ גליקליך קינד שעפּטשעט ער:

— סאָניאַ! סאָניטשקע!

— סיליע הייסט זי! — שרייט סיליע אויס, כמעט וויינענדיק.

אירע ברייט־צועפּנטע אויגן ברענען פֿון ליבע און אייפֿער; איר שלאַנקער קערפּער בויגט זיך אויס און מיט אירע ליפּן עסט זי זיך איין אין זיינע, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסציען פֿון זיין מויל אַף אייביק דעם נאָמען פֿון דער אומבאַקאַנטער מיידל, און צוזאַמען מיטן נאָמען דאָס מיידל אינגאַנצן פֿון זיין זכרון אַרויסרייסן.

פֿון דער ווייטנס זיצט דער טרעמפּ, פֿון ווייטע גאַסן פֿאַר־בלאַנדזיעט, און קוקט אַף זיי מיט איין אויג.

אַ קללה ליגט אַף זיינע פֿאַרטריקנטע ליפּן.

• •

# אינהאַלט


אַיאַלאַ — — — — — — — — — — 7

שונאים — — — — — — — — — — 135

אומרו — — — — — — — — — — 143

שווארץ אף ווייס — — — — — — — — 156

לידער — — — — — — — — — — 171

בלינד — — — — — — — — — — 180

מאריאנע — — — — — — — — — — 185

א מענטשעלע — — — — — — — — — 191

דער בחור איז משוגע — — — — — — — 195

כריטקא — — — — — — — — — — 199

אפן בריק — — — — — — — — — 204